STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04337

# PEYSEH ALMANAKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פּסח אַלמאַנאַך

אַן אַנטאָלאָגיע פון מאמרים, עסייען און רעיונות אויף פּסח
פון גדולי תורה און אָרטאָדאָקסישע דענקער און שרייבער
פון לעצטען און היינטיגען דור.


צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט
פון
יוסף פרידענזאָן



צווייטע אויפלאַגע

ארויסגעגעבען פון דער
אָרטאָדאָקסישע ביבליאָטעק
ביי
„דאָס אידישע וואָרט"
ניו־יאָרק, תשכ"ז

# "PESACH ALMANACH"

**A Passover anthology of essays and thoughts by G'dolei Torah and leading orthodox thinkers and writers of the last and present generation.**

*Published by the*

ORTHODOX LIBRARY

A PROJECT OF

"DOS YIDDISHE VORT"

A DIVISION OF AGUDATH ISRAEL OF AMERICA

FIVE BEEKMAN STREET, NEW YORK 38, N. Y.

*Copyright* 1961 *by*

AGUDATH ISRAEL OF AMERICA

*Printed in the U.S.A. by*

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.

21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

# אינהאַלט

הקדמה ........................................................................ 4
גאולת הנפש און גאולת הגוף....הגאון ר' מאיר שפירא ז"ל 5
די שירה פון גאולה.......הגאון ר' יוסף ליב בלאָך ז"ל 7
דער סימבאָל פון דער מצה.........הגאון ר' אהרן לעווין ז"ל 13
אמאָל און היינט.........הגאון ר' יהודא ליב צירלזאָן ז"ל 17
יציאת מצרים........הגאון ר' טובי' יהודא גוטענטאג ז"ל 21
די ארבעה בנים........הגאון ר' אברהם יצחק לאמשטיין ז"ל 24
גאולה מיט געוואלד.........הגאון ר' משה חיים לאו ז"ל 27
די פסח־נאכט.............דר. יצחק ברויער ז"ל 29
דער גאולה יום־טוב פסח.........דר. נתן בירנבוים ז"ל 32
דער זון־אויפגאנג.........דר. עמנואל קארלעבאך ז"ל 35
די עטישע באדייטונג פון פסח.........דר. י. וואלגעמוט ז"ל 37
דער סדר.............ר' אלכסנדר זושא פרידמאן ז"ל 40
„אז דיין קינד וועט דיך פרעגן"........ר' יהודא ליב ארלעאן ז"ל 44

• • •

„והגדת לבנך".............הרב יהודא אלטוסקי 48
נישט־פאַרענטפערטע קשיות.........הרב דר. יצחק לעווין 52
פסח — ספירה — שבועות.........הרב בנימין זאב הענדלעס 56
דער יום־טוב פון דער אידישער היים.........הרב משה שערער 60
„נאָר דורך אים אליין".............ניסן גאָרדאָן 65
גלות און גאולה.............יהודא ליב לעווין 69
די לינקע הגדות.............יעקב געלים 73
דער לעצטער סדר פון רבי מנחם זעמבא זצ"ל.........הרב אברהם זעמבא 79
אַ כזית מצה אין טרעבלינקע.............משה פראגער 86

# הקדמה

דער פאַרליגענדער „פסח אַלמאַנאַך" שטעלט מיט זיך פאָר די ערשטע אויסגאַבע פון דער „אָרטאָדאָקסישער ביבליאָטעק", וואָס איז לעצטענס געגרינדעט געוואָרען נעבען דעם חודש־זשורנאַל „דאָס אידישע וואָרט", מיט'ן ציל אויסצובויען אין אַמעריקע אַ ברייט־פאַרצווייגטע אָרטאָדאָקסישע ליטעראַטור.

די וויכטיגקייט און דרינגליכקייט פון אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור, לויט דעם צורך הזמן, איז איבעריג אויפצוקלערען. איר גרויס נחיצות איז אָנערקענט געוואָרען נאָך מיט צענדליגער יאָרען צוריק. דערמוטיגט דורך די גדולי התורה פון פאַרגאַנגענעם דור, איז זי פאַרוואַנדעלט געוואָרען צו איינע פון די בעסטע אינסטרומענטען צו פאַרשפרייטען די אידעאַלען פון יהדות און אין איינע פון די מעכטיגסטע כלי־זיין געגען די צעשטערערישע השפעות פון דער מאָדערנער תורה־פיינטליכער אידישער ליטעראַטור.

דאָס אָרטאָדאָקסישע ליטעראַטור־וועזען וואָס מיר פלאַנען, בע"ה, אויסצובויען דורך דער „אָרטאָדאָקסישער ביבליאָטעק" איז, בכן, געגנוי ווי די אָרטאָדאָקסישע פרעסע, ניט קיין דבר חדש, נאָר אַ המשך און באַנייאונג פון אַ גלאָררייכער און ברכה'פולער טעטיגקייט, וואָס האָט במשך פון אַ צענדליג יאָרען געהאָלפען פאַרשפרייטען און שטאַרקען דעם אידישען באַוואוסטזיין, פאַרטיפען די אידישע תורה־השקפה און באַגייסטערן גרויסע אידישע מאַסען, יוגענטליכע און דערוואַקסענע, צו אמת'ער תורה־אידישקייט.

איינס פון די הויפט־אויפגאַבען פון דער „אָרטאָדאָקסישער ביבליאָטעק" וועט טאַקע זיין דאָס פרעזערווירען לדורות די גייסטרייכע שאַפונגען פון דער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור פון פאַר דער מלחמה. מיט דער דאָזיגער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור זיינען געווען פאַרבונדען באַרימטע גדולי תורה, טיפע דענקער און טאַלאַנטפולע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען אונז איבערגעלאָזען אַ גייסטרייכע ירושה פון נצחיות'דיגען כאַראַקטער, וואָס זיינען ווערט פאַראייביגט צו ווערען.

אין די פאַרגעלטע בלעטער פון דער אַמאָליגער אָרטאָדאָקסישער פרעסע אין אייראָפּע (וואָס נאָר איינצעלנע עקזעמפּלאַרען זיינען פאַרבליבען), ווי דער „איזראַעליט", „ישורון", „דאָס אידישע וואָרט", „דער יוד", „דאָס אידישע טאָגבלאַט", „ווילנער וואָרט", „דגלנו", „דרכנו", „בית יעקב זשורנאַל", „אָרטאָדאָקסישע יוגענד בלעטער", און פילע אַנדערע, געפינט זיך אַן אומדערשעפליך גייסטרייכער אוצר פון אידישער מחשבה וואָס דראָט פאַרלוירען צו גיין. אין די פאַרשידענע זאַמעל־ביכער פון די „אָרטאָדאָקסישע ביבליאָטעק" וואָס מיר פלאַנען אַרויסצוגעבען, וועלען מיר זיך באַמיען אָפּצוראַטעווען די דאָזיגע גייסטרייכע ירושה לדורות, אין זייער אָריגינאַל ווי אויך אין איבערזעצונגען אויף אידיש און ענגליש.

די „אָרטאָדאָקסישע ביבליאָטעק" וועט אין די זעלבע זאַמעל־ביכער אויך פאַראייביגען דאָס בעסטע וואָס דערשיינט היינט צו טאָג אין דער אָרטאָדאָקסישער פרעסע. אין דער טראַדיציע פון דער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור אין אייראָפּע, וועט זי זיך באַמיען אין די געפלאַנטע זאַמעל־ביכער צו פּאָפּולאַריזירען די השקפות פון די גדולי התורה פון די לעצטע דורות און פון היינט. די „אָרטאָדאָקסישע ביבליאָטעק" וועט זיך אויך גלייכצייטיג באַמיען צו דערמוטיגען נייע כוחות און טאַלאַנטען פאַר ליטעראַרישען שאַפען ברוח התורה.

דער פאַרליגענדער „פסח אַלמאַנאַך" איז נאָר אַ באַשיידענער מוסטער פון דעם וואָס מיר פלאַנען בעז"ה צו שאַפען, און מיר האָפען אַז די באַוואוסטזיניגע אָרטאָדאָקסישע עפענטליכקייט וועט אויפנעמען מיט צופרידענהייט און ווי געהעריג אָפּשאַצען אונזער איניציאַטיוו אַלס אַ נייע רינגעלע אין דעם גראַנגעל פון אַמעריקאַנער תורה־אידענטום, צו דערציען דורות פון געטריישאַפט צו די אייביגע אידישע קנינים.

**יוסף פרידענזאָן**

בע"ה, אדר, תשכ"א.



# גאולת הנפש און גאולת הגוף

• פון הגאון רבי מאיר שפירא ז״ל

צוויי געציילטע ווערטער — „פקודה כפולה״ — אָבער זיי זאָגען זייער א סך. זיי זיינען דער סימן פון דעם „גואל האמיתי״.

יוסף הצדיק האָט, אין זיין צוואה פון „פקוד יפקוד״, איבערגעלאָזט צו די אידען אַ סימן, כדי זיי זאָלען וויסען, ווער עס איז דער אמת׳ער גואל. „כל האומר פקודה כפולה — הרי זה הגואל האמיתי״.

יוסף הצדיק איז דאָס ערשטע אידישע קינד, וואָס גייט אין גלות. ער בעט דעם וועג פאַר אידען אין גלות מצרים, און ער זאָגט זיי, אַז זיי זאָלען ניט זיין פאַרצווייפעלט, ווייל ענדליך וועט די גאולה קומען. נאָר אַ סימן זאָלסטו, איד, וויסען וועגען דייק אמת׳ן גואל: ער וועט פאַר די מבשר זיין אַ „פקודה כפולה״.

געווען זיינען אידען פאַרשקלאַפט אין גלות־מצרים אַ טאָפּעלטען שיעבוד, — אַ שיעבוד הגוף און אַ שיעבוד הנפש.

די אידען אין מצרים האָבען פיזיש ביטער געאַרבעט. זיי האָבען געטאָן די שווערסטע עבודת פרך. זיי זיינען אָן רחמנות געפלאָגט געוואָרען פון די שוטרי מצרים.

קליינע שפורען זיינען נאָך זיי פאַרבליבען, וואָס האָבען זייער אידישען אָפּשטאַם סימבאָליזירט: „לא שינו את שמם, לא שינו את לשונם״ — אָבער דאָס אידישקייט, אַלס גאַנצעס, „עבודת הבורא״, וואָס זייערע אָבות האָבען אָנגע־הויבען, איז זיי אין מצרים פאַרוועלקט געוואָרען.

דער הייליגער בערדיטשעווער רב זצ״ל, זאָגט: „ווען איך האָב צוגעלייגט דאָס אויער צו הערען דעם קרעכץ פון אַ איד אין מצרים, האָב איך אים גע־הערט טיפער קרעכצען אויף דעם, וואָס עס איז אים שווער אַ איד צו זיין, ווי אויף דער גאַנצער אַרבעט, וואָס מען האָט מיט אים געאַרבעט בפרך... ותעל שועתם אל האלקים״ — עס איז איבערגעשטיגען זייער געשריי אויף „שכינתא בגלותא״, — „מן העבודה״, — מער ווי זיי האָבען געקרעכצט אויף עבודת הגוף״.

און געהאָפט האָבען אידען אויף דער „פקודה כפולה״, וואָס זאָל זיי באַ־פרייען פון דעם שיעבוד הגוף, — אַ פקודה, וואָס זאָל זיי געבען אַ העכערן אידישען אידעאַל אין לעבען. און געהאָפט האָבען זיי, אַז אוממיטעלבאַר מיט דעם אַרויסגיין פון מצרים, וועלען זיי במעמד הנבחר שטיין, די תורה פון ג־ט׳ס האַנט איבערנעמען.

און דאָ הערען זיך די ווערטער פון השם יתברך צו משה רבינו: „וזה

לך האות כי אנכי שלחתיך". אט האסטו א באוויז דערפאר, אז דו ביסט דער גואל האמיתי:

„בהוציאך את העם ממצרים",
צוזאמען מיט דער פקודה פון חירות הגוף,
„תעבדון את האלקים על ההר הזה",
וועט איר זוכה זיין צו גאולת הנפש:
איר וועט איבערנעמען די עבדות אלקות.

אויך ביי דער־גאולה, אין בבל, האט מען אין עזרא הנביא דעם גואל האמיתי געזען. ווען כורש גיט רשות צו דעם „מי בכם ויעל", און עס דאכט זיך, אז אלץ איז שוין אין דער גרעסטער ארדענונג, צערייסט עזרא זיינע קליידער און איז גוזר תענית, ווייל אידען האבען פארלאזט די מצוות ד׳. עזרא הנביא ברענגט דאס גאנצע פאלק צו תשובה, ביז אלע זיינען מבטיח צו האלטען זיך ביי דער אידישער תורה ומצוות, זיך אפצוזונדערן פון יעדער ניט־אידישער זאך. וכתורה יעשה.

***

אין לעצטען צוויי־טויזענט־יאריגען גלות, זיינען אידען מערערע מאל גע־שטאנען פאר א נסיון. במשך פון דער צייט האט עטלעכע מאל פאסירט, אז אן אנדערער האט זיך פארמאסקירט פאר א גואל, — יעדעס מאל, אין אן אנדער פארם. אידען האבען זייער פרובירשטיין געהאט, כדי אונטערצושיידען פון א גואל האמיתי, ביז צו א פארמאסקירטען, פאלשען גואל. זיי האבען זיך ניט געלאזט פארפירען דורך פאלשע לאזונגען.

דער רמב"ם אין הלכות מלכים זאגט ארויס זיין פסק הלכה איבער דער גאולה אין פאלגענדע ווערטער: „עיקר הדברים ככה הן, שהתורה הזאת, חוקי׳ ומשפטי׳ לעולם ולעולמי עולמים, ואין מוסיפין עליהם ולא גורעין מהן. ואם יעמוד מלך מבית דוד, הוגה בתורה ועוסק במצוות כדוד אביו, כפי התורה שבכתב ושבעל פה, ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה, וילחם מלחמות ד׳ — הרי זה בחזקת שהוא משיח".

עס איז כדאי צו רעקאמענדירען יעדען אידען איבערקוקען דעם פרק י"א און פרק י"ב הלכות מלכים, און דאן וועט ער זען, אויף וואס אידען האפען. ער וועט דעמאלט פארשטיין, וואס עס הייסט די פקודה כפולה, און ווער עס וועט זיין דער גואל האמיתי.

יעדענפאלס, איז אן אוניווערזיטעט ניט קיין פקודה, און א לארד — איז ניט קיין גואל.

מיר האבען געהאפט און מיר האפען ווייטער אויף דער „פקודה כפולה" און דעם „גואל האמיתי".

אני מחכה לו בכל יום שיבוא.



# די שירה פון גאולה

• פון הגאון ר' יוסף ליב בלאָך ז"ל

„אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת" וכו' (שמות ט"ו).

אין דעם מדרש רבה· פ' בשלח פ' כ"ג געפינען מיר: „אז ישיר משה, הה"ד (תהלים ק"ו) ויאמינו בדבריו ישירו תהלתו. א"ר אבהו אע"פ שכתוב כבר שהאמינו עד שהיו במצרים שנאמר ויאמן העם, חזרו ולא האמינו שנאמר (שם) אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך, כיון שבאו על הים וראו גבורותיו של הקב"ה האיך עושה משפט ברשעים כמה דתימא (דברים ל"ב) ותאחז במשפט ידי ושקע את מצרים בים, מיד ויאמינו בה'. ובזכות האמנה שרתה עליהם רוח הקדש ואמרו שירה, הה"ד אז ישיר משה ובני ישראל".

ווייטער געפינען מיר אין זעלביגען מדרש: „תשורי מראש אמנה — בשביל האמונה שהאמין אברהם להקב"ה, שנאמר והאמין בה', זכו ישראל לאמר שירה על הים, שנאמר אז ישיר משה, הוי: תשורי מראש אמנה".

די וועלט פאַרשטייט, אַז אַ משורר הייסט דער וועלכער האָט דעם כשרון צו שאַפען פּאָעזיע און ממילא יעדער, וואָס האָט אָט דעם כח, קען זאָגען שירה אין יעדען פשוט'ען מצב.

ווי חזל האָבען אָבער פאַרשטאַנען פון דער תורה איז דאָס נאָר אַן אויסער־ליכער לבוש און אַ שאָטען פון דער אמת'ער שירה. שירת הנפש ווערט גערופען דער טיפסטער אויסדרוק פון דער מענטשליכער נשמה, אַ האַרץ פול מיט הייליגע געפילען אין דערהויבענע מאָמענטען. גרויסע זכותים און רוח הקודש נויטיגט זיך, אַז דער מענטש זאָל קומען צו אָט דער געהעריגער מדרגה, ווייל דער שורש און מקור פון שירה איז פון קדושה.

דעריבער האָבען זיך געניטיגט גרויסע זכותים, אַז דער עם ישראל זאָל זוכה זיין צו אַ מאָמענט פון רוח הקודש, צו שטיין אין אַ מדרגה פון קדושה, פון וואַנען ס'קוואַלט שירה, לויב צו דעם בורא און מנהיג העולם.

על־פי־רוב ווערט אַזאַ שירה, וואָס קומט דורך באַגייסטערונג און התפעלות, אַרויסגערופען פון אַ חידוש. ווען דער מענטש דערזעט עפּעס וואָס ער האָט פריער ניט געוואוסט, שאַפט דאָס ביי אים געפילען אין זיין נשמה, וואָס זיי שפּאַרען זיך מיט געוואַלט אַרויס פון אים און זיין נפש זוכט אַרויסצוגייען פון איהרע גרעניצען און גיסט זיך אויס אין שירה און געזאַנג.

דער אופן און די מאָס פון דער זעלישער און גייסטיגער התפעלות ווענדט זיך לויט דער גרויסקייט, חכמה און הבנה פון יעדען מענטשען.

ס'זיינען פאַראַן זאַכען וואָס פאַר דעם קליינעם, פשוט'ען מענטשען זיינען זיי גרויסע חידושים, ווייל דאָס איז אים אין גאַנצען פרעמד, בעת דעם חכם זיינען די אַלע יסודות שוין געווען באַקאַנט. פאַרקערט אויך אַמאָל, דער קליינער מענטש איז צוגעוואוינט צו דעם, ער זעט נאָר די זאַך פון אויסענווייניג, דער חכם אָבער, וואָס דרינגט אַריין טיף, געפינט דערין אַ סך מער חידוש, און דאָס ברענגט אים צו אַ געפיל פון שירה. אָפט ווערט ער גראָד נתפעל פון די פשוט'ע זאַכען און דערקענט אין דעם טעגליכען לעבען, אין דער נאַטור די גרויסקייט פון דעם רבש"ע. די גאַנצע בריאה שרייט אויס און זאָגט פאַר אים עדות אויף דעם בעל הבירה. דוד המלך זאָגט: „מפי עוללים ויונקים יסדת עז למען צורריך להשבית אויב ומתנקם". פאַר אים זיינען די פשוט'ע ידיעות, די קליינע מושגים פון עוללים און יונקים, וואָס אַ מענטש זעט מיט זיינע געוויינליכע פראָסטע, מגושמ'דיגע חושים, שוין גענוג, פון און דורך זיי מכיר צו זיין די וואונדערבאַרע בריאה, און דאָס גיט אונז כח בייצושטיין געגען די כופרים, די צוררים, ווייל פון דער שטענדיגער טבע דערקענען מיר די שטאַרקייט און גרויסקייט פון דעם רבש"ע. „ה' אדוננו מה אדיר שמך בכל הארץ".

התפעלות ווענדט זיך לויט די גרויסקייט פון דעם מענטשען. ווען מיר וואָלטען היינט געזעען ניסים, זאַכען וואָס גייען אַרויס פון די ראַמען פון דער נאַטור, וואָלט דאָס ביי אונז געווען אַ געוואַלטיגער חידוש און אונז געבראַכט צו באַגייסטערונג, צ. ב. די מעשה פון אור כשדים. אברהם אבינו, אַ מענטש אַ בשר ודם, גייט אַרום אין פייער און דאָס פייער האָט ניט קיין שליטה איבער אים. אברהם אבינו, אָבער, וואָס צו דריי יאָר האָט ער שוין מכיר געווען דעם בורא עולם, פאַר אים איז דאָס ניט קיין נייעס. ער ווייס, אַז גענוי ווי ס'זיינען דאָ נאַטור־געזעצען, לויט וועלכע געוויסע שטאָפען און מאַטעריאַלען קענען פאַרברענט ווערען פון פייער אין אַנדערע ניט, אַזוי איז אויך דאָ אַ געזעץ, וואָס באַשרענקט און באַגרעניצט דעם כח פון דעם פייער, אַז ס'האָט ניט קיין כח אויף אַ מענטשען וואָס איז אין גאַנצען דבוק בה'. מיר ווערען נתפעל, ווייל מיר קענען ניט די אַלע חוקים, אַז דער גאַנצער כח פון דעם פייער נעמט זיך נאָר פון דער איינציגער מציאות — דעם רצון ה'.

די אבות האָבען מכיר געווען דעם רבש"ע אין דער בחינה ש־ד־י, דאָס מיינט, אַז דער בורא, האָט בשעת מעשה בראשית באַגרעניצט אַלע כחות הטבע, „אני הוא שאמרתי לעולמי די". און ווי אונזערע חכמים ערקלערען אין חגיגה י"ב: „ואמר רב יהודה אמר רב בשעה שברא הקב"ה את העולם הי' מרחיב והולך כשתי פקעיות של שתי עד שגער בו הקב"ה והעמידו, שנאמר גוער בים ויבשהו וכל הנהרות החריב".

באמת, אַזוי ווי דער בורא אַליין איז בלתי גבול און תכלית, האָט אויך זיין בריאה געדאַרפט זיין אין סוף. אָבער דער רבש"ע האָט געגעבען גרעניצען, אַזוי אַז די כחות הבריאה זיינען באַשרענקט לויט באַשטימטע געזעצען און ממילא איז אויך געמינערט זייער כח לגבי גרויסע, הייליגע מענטשען, אַז זיי האָבען ניט באַקומען די מעגליכקייט אין זייער נאַטירליכען געזעץ בנוגע דעם מענטשען וואָס האָט זיך באַהעפט אין גאַנצען מיט זיין נפש און מחשבה צו דעם אור אלוקים.

אַזעלכע ניסים האָבען די אָבות שטענדיג דורכגעלעבט און זיינען אָבער דערפון ניט נתפעל געוואָרען פון זיי, וויסענדיג און קענענדיג די הנהגת השם אין דער מדה פון ש־ד־י.

און דעריבער זאָגט דער מדרש אין בשלח פ׳ כ״ג: „מיום שברא הקב״ה את העולם ועד שעמדו ישראל על הים, לא מצאנו אדם שאמר שירה להקב״ה אלא ישראל. ברא אדה״ר ולא אמר שירה, הציל אברהם מכבשן האש ומן המלאכים ולא אמר שירה, וכן יצחק מן המאכלת ולא אמר שירה, וכן יעקב מן המלאך ומן עשו ומן אנשי שכם ולא אמר שירה, כיון שבאו ישראל לים ונקרע להם, מיד אמרו שירה לפני הקב״ה, שנאמר אז ישיר משה ובני ישראל, הוי פיה פתחה בחכמה, אמר הקב״ה לאלו הייתי מצפה״.

די הנהגה פון ש־ד־י לאָזט אָבער נאָך אָן אָרט פאַר דעם מענטשען צו טראַכטען, אַז דער בורא און די בריה קענען אפשר זיין באַזונדער. מיר זעען געטרענט דעם שעפער פון זיין שאַפונג, וועלכע ער האָט געשאַפען לויט אירע כחות, געזעצען און גרעניצען.

ס׳איז אָבער נאָך דאָ אַ העכערע מדרגה פון הנהגת ה׳, וואָס דאַן ווערען בטל אַלע כחות, אַלע געזעצען און מעגליכקייטען פון דער בריאה, דאַן הערט אויף צו הערשען איר זעלבסטשטענדיגקייט און דאַן באַווייזט זיך פאַר דער גאַנצער וועלט דער איינציגער מציאות, דער רצון ה׳, דער הכל יכול און אַלעס אַנדערע ווערט בטל לגבי אים.

די הנהגת ה׳ פון ה־ו־י־ה האָט זיך באַוויזען ביי יציאת מצרים, אַזוי ווי די חז״ל לערנען אונז אויף דעם פסוק: „וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב בקל ש־ד־י, ושמי ה־ו־י־ה לא נודעתי להם״, ווי רש״י ערקלערט אויפן אָרט: „לא נכרתי להם במדה אמיתית שלי, שעלי׳ נקרא שמי ה׳״.

די הנהגת ה׳ מיט די אָבות איז נאָר געווען אין דער בחינה פון ש־ד־י. ביי יציאת מצרים אָבער, ווען דער עם ישראל איז ניט געשטאַנען אויף דער גרויסער מדרגה, וואָלט ניט גענוג געווען אָט די הנהגה צו ראַטעווען דעם עם ישראל. די באַגרעניצונג וואָס דער רבש״ע האָט געגעבען אין די כחות הטבע וואָלט ניט גענוג געווען צו ראַטעווען דעם כלל ישראל אין דער מדרגה אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אין מצרים און בשעת יציאת מצרים.

אַזוי טאַקע לערנען אונז חז״ל, אַז באַזונדערע זכותים און סגולות זיינען געווען נויטיג פאַר דעם עם ישראל נצול צו ווערען, און נאָר דורך דער הנהגה פון ה־ו־י־ה איז דער עם ישראל געשטעלט געוואָרען דירעקט אונטער דער הנהגת השם, וואָס האָט דערמעגליכט די גרויסע נסים ביים ים סוף.

אַזאַ הנהגה איז אָבער נאָר מעגליך דורך תורה. ווייל די תורה איז באַשאַפען פריער פאַר דער בריאה, דערפאַר איז אויך איר השפעה העכער און אומאָפּהענגיג פון די שרשים און די דרכי הבריאה. פאַרקערט גאָר, די בריאה איז אָפּהענגיג פון דער תורה: „בי הסתכל הקב״ה וברא עלמא״.

דאָס אידישע פאָלק, ווייל „הקב״ה ישראל ואורייתא חד הוא״, איז דערפאַר העכער ווי די ענינים פון דער בריאה, אויף אים הערשט דער ערשטער רצון העיקרי פון דעם בורא עולם, וואָס איז משדד די טבע לויט די נויטווענדיגקייט ווי דער רבש״ע זעט איין.

אַנדערש אָבער זיינען די אוה״ע וואָס שטייען אונטער דער הנהגה פון די 70 שרים. מיט זיי קען די הנהגת הבריאה נאָר זיין לויט די חוקי הבריאה, וואָס

זיי ווערען קיינמאָל ניט אַנדערש. נאָר די וואָס לעבען מיט תורה ומצוות, זיי קענען ברענגען דעם תיקון הבריאה, די הנהגת ה־ו־י־ה וואָס געפינט זיך אין דעם טיפען שורש הבריאה.

אָבער כאָטש דער עם ישראל שטייט אונטער דער הנהגה פון שם הוי׳, ווערט ער אָבער דער דאָזיגער אור ניט אַנטפּלעקט אין געוויינליכע, נאָרמאַלע צייטען. נאָר אין געוויסע און באַשטימטע צייטען, ווען דאָס איז נויטווענדיג פאַר דעם תכלית הבריאה, דאַן רעכענט זיך דער בורא ניט מיט פעסטגעלייגטער מערכה.

איינער פון די גרויסע מאָמענטען איז געווען יציאת מצרים, וואָס דאַן איז געווען אַ התקשרות און התאחדות פון דעם רבש״ע מיט דעם עם ישראל. בשעת קריעת ים סוף, ווען דער עם ישראל האָט מכיר געווען די מציאות ה׳ און געזעען דעם אור ה׳ אין אַ הויכע מדרגה, האָבען זיי פאַרשטאַנען אַז זיי זיינען געבראַכט געוואָרען צו אַזאַ מדרגה כדי מקבל צו זיין תורה ומצוות, וואָס דורך זיי וועלען זיי זוכה זיין לעתיד לבא צו נאָך אַ העכערער מדרגה, שטענדיג באַלויכטען צו ווערען פון דעם אור ה׳. ווען זיי האָבען דערזעען זייער ציל און גליק אין התדבקות בה׳, דעמאָלט האָט זיי אַרומגענומען אַ רוח הקודש און זיי האָבען שירה געזאָגט. ווייל דער שורש פון שירה איז, אַז די נשמה בענקט און דורשט צו איר שורש און מקור, דעם אלוקי כל נשמות; דאַן זינגט די נשמה צום בורא עולם. שירה אַן און פאַר זיך איז ניט תלוי פון ווערטער. ס׳קען זיך דער מענטש אויך געפינען אין אַ מצב פון שירה ניט ריידענדיגערהייט.

דעריבער אויך לייענען מיר אום פסח די מגילת שיר השירים, וואָס זי דריקט אויס אין זיך די גרויסע תשוקה און דעם פאַרלאַנג פון דעם אידישען פאָלק זיך צו פאַראייניגען און באַהעפטען מיט דעם רבש״ע.

זיך פאָרשטעלענדיג אין זייער רוח הקודש דעם מצב פון כנסת ישראל לעתיד לבא, זיינען דערפילט געוואָרען זייערע נשמות מיט הייליגע געפילען און בענקשאַפט צום בורא ב״ה און זיי האָבען דאַן געזאָגט שירה.

מיט דעם פאַרשטייען מיר די מכילתא אין בשלח:

„שר משה אין כתיב כאן, אלא אז ישיר משה, נמצינו למדים תחית המתים מן התורה״

אונזערע חכמים, וואָס האָבען פאַרשטאַנען דעם אמת׳ען שורש פון שירה, האָבען געוואוסט אַז די גאַנצע שירה, וואָס די בני ישראל האָבען געזונגען ביים ים, האָט זיך גענומען פון זייער הכרה אין דער שירה לעתיד לבא; ווייל נאָר זייענדיג מרגיש אין זייער רוח הקודש די שירת העתיד, האָבען זיי דערהערט אין זיך אַ בת־קול און עכאָ פון דער שירה פון לעתיד לבא.

מיט דעם ווערט אונז לייכטער דער מדרש רבה אין בשלח פ׳ כ״ג:

„אז ישיר משה, הה״ד נכון כסאך מאז. א״ר ברכי׳ בשם ר׳ אבהו, אע״פ שמעולם אתה, לא נתישב כסאך ולא נודעת בעולמך עד שאמרו בניך שירה, לכן נאמר, נכון כסאך מאז. משל למלך שעשה מלחמה ונצח ועשו אותו אגוסטוס, אמרו לו, עד שלא עשית מלחמה היית מלך, עכשיו עשינוך אגוסטוס. מה יש כבוד בין המלך ואגוסטוס? אלא המלך עומד על הלוח ואגוסטוס יושב. כך אמרו ישראל, באמת עד שלא בראת עולמך היית אתה ומשבראת אותו אתה הוא, אלא כביכול עומד, שנאמר עמד וימודד ארץ, אבל משעמדת בים ואמרנו שירה לפניך באז, נתיישבה מלכותך וכסאך נכון, הוי נכון כסאך מאז — באז ישיר״.

באמת דארף מען פארשטיין, וואס האט דאס ווארט „אז" צו טאן מיט דער שירה, די שירה הויבט זיך דאך ערשט אן מיט דעם ווארט „אשירה"? וואס פאר א גרויסקייט און באדייטונג האט דאס ווארט „אז"?

חז"ל מיינען אונז דא צו לערנען, אז פאר קריעת ים סוף, ווען די וועלט האט נאר געזעען און מכיר געווען דעם בורא אין דער בחינה פון ש־ד־י, האט זיך נאר געוויזען אז ער האט געגעבען א געוויסע — כאטש באשרענקטע — שליטה צו די פארשידענע כחות, און ס'האט זיך געוויזען אזוי ווי די וועלט גייט זיך איר מהלך לויט א נאטירליכער מערכה, אזוי ווי דער רבש"ע האט איר באשאפען און איינגעשטעלט ביי בריאת העולם, און אז דער רבש"ע כביכול שטייט פון אויבען, העכער, איבער דער בריאה און ער איז משגיח אויף איר, אז זי זאל זיך פירען לויט דעם געוואונטשענעם תכלית.

דורך קריעת ים סוף האט אבער דער עם ישראל באקומען א נייע גרעסערע און טיפערע הכרה אין דער הנהגה פון ה־ו־י־ה, וואס די הכרה האט ארויסגע־רופען ביי זיי שירה דורך „אז". דאן האבען זיי מכיר געווען דעם פארנעם און כח פון דער אמת'ער הנהגה, דעם שורש הבריאה. פון דער צייט אן, ווען זיי האבען אנערקענט אז אלע עניני הבריאה ווערען געפירט נאר לויט דעם אויבערשטענס רצון, דעם שורש פון אלעס, וואס דאס וועט ווערען פארווירק־ליכט פאר דער גאנצער וועלט, לעתיד לבא, דאן ערשט, דורך דער הכרה, איז נתישב געווארען, האט געפונען א פלאץ און אן ארט די דאזיגע הכרה אין דער וועלט צווישען די מענטשען, ביי דעם עם ישראל. זיי האבען דערזעען ,אז מלכותו בכל משלה, אזוי ווי דער רבש"ע כביכול זיצט אין דער וועלט, אין וועלכער ער איז פריער נאר געשטאנען. אזוי לאנג ווי די אמת'ע הכרת האט געפעלט ביי די מענטשען אין דעם רבש"ע, אזוי לאנג האט ער פאר דעם מענטשען און ביי אים נאך געשטאנען. ערשט מיט דעם מענטשענס איבערצייגונג אין דער מציאות ה', פילט ער, ווי דער רבש"ע זיצט און הערשט איבער דער וועלט.

מיט דעם ווילען מיר אויך פארשטיין א נפלא'דיגען מאמר חז"ל אין ילקוט (שמות ט"ו):

„אמר ר' עקיבא בשעה שאמרו ישראל אז ישיר, לבש הקב"ה חלוק של תפארת שהיו חקוקין עליו כל „אז" שבתורה: אז תשמח בתולה, אז ידלג כאיש פסח, אז תפקחנה עיני עורים, אז ידבר יהושע, אז תראי ונהרת".

ווי ס'איז באקאנט פון דער חכמת האמת, ווערען גערופען די אלע שמות, דורך וועלכע די בריאה ווערט געפירט, לבושים צו כביכול ב"ה. אלע אונזערע הכרות אין דעם בורא איז לויט די שמות, דאס הייסט דורך די פעולות, מעשים און דעם אופן ההנהגה וואס באווייזט זיך צו אונז.

די שטענדיגע הנהגת הבריאה, וואס טיף אין איר איז פארבאהאלטען דער אור עליון, שטעלען מיר זיך פאר אזוי ווי הקב"ה כביכול, דאס מיינט די הנהגה, איז אנגעטאן און פארדעקט מיט א סך לבושים. וואס מערער מיר דער־קענען מיט גרעסערע בהירות און קלארקייט דעם טיפען אינערליכען רצון הבורא אין דער הנהגת הבריאה, איז דאס אזוי ווי מיר וואלטען איר דערקענט מיט וויניגער און דינערע לבושים. און דעריבער ווען דאס אידישע פאלק האט בשעת שירה דערקענט די הנהגת ה' אין דעם ליכט פון לעתיד לבא, וואס דאן וועט די גאנצע בריאה געפירט ווערען נאר לויט דעם רצון פון הוי' ב"ה, רופט דאס זיך, אז זיי האבען דאן דערזעען די הנהגת הבריאה אין א ריינעם, דינעם

לבוש, אַ חלוק של תפארת. לעתיד לבא ווען די גאַנצע בריאה וועט נתפשט ווערען מיט דעם אור הוי׳ און זי וועט זיך געפינען אין אַ דערהויבענעם מצב, אויף דער צייט זיינען געזאָגט געוואָרען די אַלע פסוקים מיט דעם וואָרט „אָז״, וואָס ווייזט אויף דער וועלט וואָס וועט לייכטען מיט אַ נייעם ליכט פון אַ קלאָרער הכרת ה׳ און די גאַנצע בריאה וועט דאַן זיין פול מיט שיינקייט און שמחה. דערזעענדיג אין לעבענדיג אין מאָמענט פון קריעת ים סוף אין דעם עתיד וואָס אַלע גרויסע יעודים פון די נביאים וועלען דאַן מקויים ווערען, האָבען זיי איצט דערזעען אויך תחיית המתים, וואָס וועט קומען דאַן און די מענטשהייט וועט האָבען די התקשרות מיט דעם אור הוי׳ וועלכע זיי האָבען דורכגעלעבט ביים ים סוף.

און דעריבער זאָגען מיר ביים סדר אין דער הגדה: ונודה לך שיר חדש. אַז ס׳וועט קומען די גאולה, וואָס דאַן וועלען מיר זוכה זיין צו זיין אין אַ שטענדיגער התדבקות און קריבות ה׳, צו וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אַרויפגעקוקט און געהאָפט בשעת קריעת ים סוף, דאַן וועט אויך אונזער שירה זיין מיט מערער קלאָרקייט און שטאַרקייט און מיר וועלען זינגען אַ נייעם שיר אויף אונזער גאולה און ערלייזונגען פון אַלע כחות און פאַרשידענע שמות, צו שטיין אונטער דער ממשלה פון הוי׳ ב״ה און זיך מיט אים צו באַהעפטען.

(באַאַרבעט פון דעם שעור דעת „שירה״)

# דער נס פון דער טבע

מענטשען ווערען נאָר נתפעל ווען זיי זעען אָפענע נסים. זיי פאַרשטייען נישט, אַז די טבע איז איין גרויס נס פון וועלכען מ׳דאַרף כסדר דערזען דעם באַשעפער און פירער און נתפעל ווערען.

נאָר ווען מען דערזעט אַ נס־גלוי הויבט מען אָן צו גלויבען, אַז אפילו אין פשוט׳ן טבע׳דיגען לעבען איז אויך פאַראַן השגחה און נסים — כאָטש מען איז צוגעוואוינט צו זיי און מען דערפילט זיי נישט.

דאָס זאָגט די תורה: ובני ישראל — אידען, ווען זיי האָבען געזען אַזאַ נס, אַז זיי זיינען געקומען צו דער הכרה און באַוואוסטזיין אַז — הלכו ביבשה בתוך הים — אַז אפילו מען גייט אויף די גלייכע יבשה איז עס פונקט אַזאַ פלא אַזוי ווי מען וואָלט געגאַנגען אין ים...

(הרבי ר׳ אלימלך מליזענסק ז״ל)

ווען זיי האָבען געזען די גייסטיגע עליה פון די נידעריגסטע מענטשען, אַז „ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל הנביא״, האָבען זיי אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז אַ מענטש, אַ בשר ודם, קען צוקומען צו אַזאַ הויכע מדרגה ווי משה רבינו...

(קדושת לוי)



# דער סימבאָל פון דער מצה

• פון הגאון רבי אהרן לעווין ז״ל

די מצה איז דער אויסערליכער סימבאָל פון פסח. אָבער זי איז גלייכצייטיג פיל מער פון דעם. די דינים וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער מצה סימבאַליזירען ניט נאָר פסח אַליין. זיי סימבאָליזירען דעם מהות פון אידען בכלל. פון זיי, פון די דינים פון דער מצה, קען מען זען, ווי אַזוי אַ איד, אַן אמת׳דיגער איד, אַ שטאָלצער איד, אַ איד וואָס שעמט זיך ניט מיט זיין אידישקייט דאַרף אויסזען אין זיין פּריוואַטען ווי אויך אין עפענטליכען לעבען.

די מצה טאָר ניט געבאַקען ווערען מיט פרישׁ וואַסער. נאָר וואַסער וואָס ווערט אָנגעגרייט פון אַ נאַכט בעפאָר קען גענוצט ווערען צום באַקען מצות. „אין לשין המצה במים שנשאבו בו ביום רק במים שלנו הלילה!“ (פסחים מ״ב, ע״ב). און אַ מענטש, אַ איד דאַרף אויך ניט זיין איבעראיילט אין זיינע מעשים. ער דאַרף גוט אַדורכטראַכטען בעפאָר ער טוט עפּעס. ניט איינמאָל ווייזט זיך אַרויס, אַז ניט איין פעלער, ניט איין שלעכטע זאַך, וואָלט אַ מענטש ניט געווען געטאָן אויב ער וואָלט געווען געהאַנדעלט מיט מער מתינות. מיט מער איבערלעגענהייט, און ניט געווען אַ „בהול במעשיו“. „לינת הלילה פוגמת!“ האָבען געזאָגט אונזערע חז״ל. אין אויך דאָס זעלבע גייט פאַר דעם מענטשליכען לעבען בכלל. אויב מען לאָזט נאָר „איבערנעכטיגען“ אַן איבעראיילטע מחשבה, דאַן — טוט מען זי שוין מער ניט!

ניט אַלעמאָל אָבער איז מתינות גוט. מתינות ווערט זייער לייכט פאַרוואַנדעלט אין עצלות — פוילקייט. מתינות איז גוט איידער דער מענטש קומט צו אַן אַנטשלוס. האָט ער אָבער אָפּגעמאַכט זיין מיינונג — דאַן דאַרף ער זיין געדאַנק אויספירען. „יש זריז ונשכר ויש זריז ונפסד“ (פסחים כ׳). זריזות אַלס בהלה, אַלס איבעראייליגקייט, איז שעדליך, אָבער זריזות אין אויספירען אַ גוטען טאַט, אַ גוטע אונטערנעמונג, איז „זריז ונשכר!“ און דאָס זעלבע איז מיט דער מצה: אמת, מען מוז אָנגרייטען פון אַ נאַכט בעפאָר דאָס וואַסער צום באַקען די מצה. הויבט מען אָבער אָן צו באַקען די מצה, טאָר מען זי אויף קיין מינוט אַפילו ניט לאָזען אַליין. „אין מחמיצין את המצה“, איז אַ דין אין שייכות מיט דער צוגרייטונג פון דער מצה. און די חז״ל האָבען צוגעגעבען: „כשם שאין מחמיצין את המצה כך אין מחמיצין את המצוה“. אויך ביים מקיים זיין אַ מצוה, אַ גוטע זאַך, טאָר מען ניט דערלאָזען אַז די מצוה זאָל ווערען נחמץ! גלייך און שנעל דאַרף זי געטאָן ווערען.

כדי צו זיין זיכער אַז דער אַנטשלוס וואָס אַ מענטש דערגרייכט נאָך אַ ריפליכער איבערלעבונג איז אַ גוטער, דאַן מוז דער מענטש איבערטראַכטען די זאַך רואיג און ניט ווערען באַאיינפלוסט פון קיינע זייטיגע געפילען, פון עמאָציעס. וואָלטען מיר דאָס אַנגערופען. „הרתחנים חייהם אינם חיים!" (פסחים קי"ז) אויפברויזענדע מענטשען קענען ניט פירען קיין נאָרמאַל לעבען. זייערע האַנדלונגען קענען ניט זיין קיין דורכגעטראַכטע, קיין געוואויגענע. און אָט וואָס דער דין זאָגט וועגען דער מצה: „אין לשין את המצה במים חמין!" (פסחים מ"ב) — מען טאָר ניט קנעטען די מצה מיט הייסע וואַסער. ווי גוט דאַרף דער דאָזיגער דין אָפגעהיט ווערען פון אַ מענטשען בכלל אין זיינע האַנדלונגען!

אַן אָנגעלייגטע און אַ שיינע מידה פון אַ מענטשען איז — ענוה. דאָס איז דער היפוך פון גאוה. אַ מענטש אַ בעל־גאוה האָט ניט קיין אָרט אין דער מענטשליכער געזעלשאַפט. „גאות אנוש תשפילנו" (משלי כ"ט). פאַלש איז די איינרעדעניש פון אַ בעל־גאוה׳ניק אַז ער שטייט העכער פון אַנדערע. גראָד פאַרקערט: דאָס איז דער „אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס" וואָס טרייבט אים צו גאוה. די גייסטיגע אָרעמקייט, די אינטעלעקטועלע אָרעמקייט טרייבט אים צו האַלטען זיך אין גרויסען! אַ בעל־גאוה׳ניק ניט נאָר וואָס ער רעדט שטאָלץ און קוקט אַראָפּ אויף אַנדערע מענטשען, נאָר ער פירט צו מחלוקת, צו קריגערייען. און וועגען „שלום־בית" אין דער אַנוועזענהייט פון אַזאַ מענטש קען קיין רייד נישט זיין. און אָט דאָס איז אויך דער סימן פון אַ מצה ווען זי ווערט חמצ׳דיג. אויב מען קלאַפּט אָן דעם טייג און עס לאָזט הערען אַ קול, דאַן איז דאָס אַ סימן, אַז די מצה איז געוואָרען חמצ׳דיג. עס זיינען אויך דאָ אַנדערע סימנים: „הכסיפו פניו של הבצק" — אויב דאָס אויבערפלאַך פון טייג ווערט בלייך — דאַן איז עס אַ באַווייז פון — חמץ. און ווייטער: „נראו סדקים בבצק" — שפּאַלטען אין טייג ווייזען אויך אויף — חמץ. און אָט אַזוי סימבאָליזירט די מצה וואָס אַ מענטש דאַרף ניט זיין: אויב ער וויל ניט זיין אַ בעל־גאוה וואָס ווערט פאַרקערפּערט אין חמץ, דאַן זאָל ער ניט לאָזען הערען צו הויך זיין קול, ער זאָל ניט אַראָפּקוקען אויף אַנדערע און זיי פאַרשעמען מאַכענדיג זייערע פּנים׳ער „בלייך פאַר בושה", און זאָל ער ניט אָנמאַכען מחלוקת און שפּאַלטען אין דער מענטשליכער געזעלשאַפט!

פון דער מצה קען אַ מענטש אויך לערנען וואָס ער דאַרף יאָ זיין. „אין לשין המצה כנגד השמש!" (פסחים מ"ב) — מען טאָר ניט באַקען די מצה ווען די זון שטראַלען גייען אויף איר. און אויך אַ מענטש דאַרף באַזיצען די מידה פון צניעות, פון באַשיידענקייט, און זיין „הצנע לכת" ביים טאָן גוטע זאַכען. דער נביא מיכה (ו׳, ח׳) האָט דאָס אונז געלערנט: „הגיד לך אדם מה טוב ומה ד׳ דורש ממך... והצנע לכת עם אלקיך". דאָס מיינט, אַז מען דאַרף אויסמיידען יעדען פרסום ביים טאָן גוטע זאַכען. צדקה האָט נישט קיין שום באַדייטונג ווען זי ווערט געטאָן פאַר „פּובליסיטי", פאַר רעקלאַמע און פאַר כבוד. ר׳ ינאי — דערציילען די חז"ל — האָט געזען ווי אַ מענטש האָט געגעבען צדקה בפרהסיה. האָט ער געזאָגט צום נדבן: פיל גלייכער וואָלסטו געטאָן ווען דו וואָלסט איבערהויפּט קיין צדקה ניט געגעבען איידער צו געבען אָפען און דורך דעם פאַרשעמען דעם אָרעמאַן! — „ר׳ ינאי חזא להוא גברא דקא יהיב

זוזא לעני בפרהסיה, א״ל מוטב דלא יהבית ליה מהשתא דיהבית ליה וכספתיה״ (חגיגה ה׳).

פון דער זעלבער מאָס ווי עס איז גוט און שיין די מידה פון צניעות, אַזוי איז פאַרקערט מיאוס און עקעלהאַפט די מידה פון צביעות — פון פאַלשקייט, פון זיין ניט אויפריכטיג, פון פרעטענדירען צו זיין עפּעס אַנדערש ווי מען איז אין דער ווירקליכקייט. אַ צבוע, אַ פאַלשער מענטש האָט ניט קיין אָרט אין דער מענטשליכער געזעלשאַפט. „אַל תתיראו מן הפרושין ולא ממי שאינן פרושין אלא מן הצבועין!״ (סוטה כ״ב), האָט אָנגעזאָגט ינאַי המלך צו זיין ווייב, און דורך איר צו יעדען איינעם בפרט. און אויך וועגען דעם האָט די מצה אויך עפּעס צו זאָגען: „אין לעשות מצות מצויירות בצבעים!״ (פסחים ל״ו) — מען טאָר ניט פאַרבען די מצה מיט קיינע באַפוצונגען! פשוט און איינפאַך מוז זי זיין און פשוט און נאַטירליך און ניט „צוגעפאַרבט״ דאַרף אויך זיין איטליכער אינדיווידועלער מענטש!

אַ מענטש מוז אויספילען זיין צייט מיט פאָזיטיווע מעשים. צו זיין אַ ליידיג־גייער, ניט צו טאָן גאָרניט — דאָס איז דער בעסטער וועג אויף צו גיין „באַרג־אַראָפּ״, צו ווערען אַ פּאַראַזיט און אַ שעדליכער עלעמענט. „וברכתיך בכל אשר תעשה!״ זאָגט די תורה, אויב מען וויל האָבען גאָט׳ס ברכה דאַן מוז מען קודם־כל — אַליין טאָן! מען טאָר זיך אויף קיינע נסים ניט פאַרלאָזען! „יכול אַפילו יושב ובטל — תלמוד לומר וברכתיך בכל אשר תעשה!״ (ספרי פ׳ ראה). און אויך די מצה פאַרלאַנגט אַז מען זאָל זיין ביי איר באַשעפטיגט אומאויפהערליך. מען טאָר זי ניט לאָזען אַפילו אויף אַ מינוט אַליין. טוט מען דאָס, אַנטשטייט גלייך די געפאַר אַז זי ווערט חמצ׳דיג, ניט געברויכבאַר. אויב מען וויל ניט זיין דער „חמץ״ פון דער מענטשליכער געזעלשאַפט, דאַן מוז אַלעמאָל שטיין פאַר די אויגען דער כלל „וברכתיך בכל אשר תעשה״!

„אין אדם יוצא ידי חובתו באַכילת מצה שלא הורמו תרומותיה!״ (פסחים ל״ה) איז אַ דין. אַ מצה וואָס מען האָט פון איר ניט אָראָפּגענומען די מתנות, חלה א. אַז. וו. איז פסול. אַ פריש הערליך רינגעלע צו די דינים פון דער מצה. אַ מענטש קען ניט לעבען בלויז פאַר זיך אַליין. ער דאַרף זאָרגען פאַר אַנדערע אידען. עס איז ניט גענוג וואָס ער אַליין האָט צו עסען, אויך אַנדערע דאַרפען לעבען און עסען. די מידת החסד — דאָס איז די קרוין פון אַ מענטשען. ווען דאָס בית־המקדש איז געווען אין פולען גלאַנץ און די אידען האָבען געברענגט ביכורים אין ירושלים; דאַן האָבען זיי דערביי געזאָגט „ווידוי״ און אונטערגעשטראָכען: „עשיתי ככל אשר צויתני״ (מיר האָבען מקיים געווען ג־ט׳ס געבאָטען). און די חז״ל האָבען דאָס אויסגעטייטשט, אַז דאָס האָט געמיינט: „שמחתי ושימחתי!״ — איך האָב מיך אַליין געפרייט און האָב אויך געמאַכט פרייען אַנדערע״. עס איז ניט גענוג וואָס אַ מענטש אַליין קען זיך פרייען מיט זיין הצלחה, מיט דעם וואָס איז אים גוט. ער מוז זען אַז אויך אַנדערע זאָלען קענען זיך פרייען און אַז אויך אַנדערע זאָל זיין גוט. און ווען עס קומט אַ יום־טוב, זאָגט דער רמב״ם דאַן: „כשהוא אוכל ושותה ביום־טוב חיב להאכיל לגר ליתום ולאלמנה עם שאר עניים האומללים, אבל מי שנועל דלתות חצרו ואוכל ושותה הוא ובניו ואשתו ואינו מאַכיל ומשקה לעניים, אַז אין זו שמחת מצוה אלא שמחת כריסו!״ — אַ מענטש איז פאַרפליכטעט צו זען, אַז ווען ער זעצט זיך

יום־טוב צום טיש, זאָלען אויך זיין פאַרזאָרגט די אומגליקליכע און אָרעמע. טוט ער אָבער דאָס ניט, נאָר ער עסט אַליין מיט זיינע קינדער און ווייב און די אָרעמע הונגערען, דאַן איז דאָס ניט קיין „שמחת יום־טוב״ נאָר אַ „שמחה פון זיין בויך!״

יאָ, גרויס און באַלערענד זיינען די לימודים פון דער מצה. און ווען עס קומט איטליכעס יאָר דער יום־טוב פון זמן חירותנו, ווען מיר דערמאָנען זיך אין די נסים וואָס האָבען פאַסירט צו אונזערע אָבות, דאַן דאַרפען מיר אויסנוצען די דאָזיגע צייט פאַר פאַרטיפען זיך אין די לימודים פון דער מצה. מיר אַלע דאַרפען הערען דעם רוף וואָס גייט צו אונז: ושמרתם את המצות! היט אָפּ די געדאַנקען פון דער מצה! לאָמיר מקיים זיין די מצוה פון אַכילת מצה לויט איר אמת׳דיגער, טיפער באַדייטונג און ג־ט׳ס ברכה וועט אייביג זיין מיט אונז.

(באַאַרבעט לויט׳ן „הדרש והעיון״ פון הרב ד״ר מרדכי לעווין)

## שבת הגדול

ביז יציאת מצרים האָט דער שבת געהאַט נאָר בלויז איין ציל: צו געדענקען דורך אים אין בריאת־העולם דורכן באַשעפער — כי ששת ימים עשה ד׳ את השמים ואת הארץ. יעצט אָבער ביי יציאת מצרים, האָט דער שבת באַקומען נאָך אַ ציל: צו געדענקען דורך אים אין די נסים פון יציאת מצרים — וזכרת כי עבד היית במצרים ויפדך ד׳ אלקיך משם.

קומט דאָך אויס, אַז יעצט איז די מצוה פון שבת גרעסער געוואָרען — דאָס הייסט „שבת הגדול״...

(שפת אמת)

ווען אַ מענטש ווערט אַלט דרייצען יאָר און ווערט אַ בר־מצוה, הייסט ער פון דאַן אָן אַ גדול.

אַזוי אויך דאָס אידישע פאָלק אַלס כלל, וואָס האָט דאַן באַקומען די ערשטע מצוה אַלס חיוב, איז געוואָרען בר־מצוה און ממילא אַ גדול — דעריבער רופט מען דעם טאָג „שבת הגדול״.

(ספרים)

## בדיקת חמץ

### והשאר מבטלו בלבו

הה״ק רבי אהרן קאַרלינער זצלה״ה פלעגט טייטשען: והשאר מבטלו — די רעשט חמץ וואָס מען קען נישט דערטאַפּען, קען מען מבטל זיין — בלבו — מיט אַ שטיקעל האַרץ...

### והכיסים צריכים בדיקה

מען דאַרף שטאַרק בודק זיין די בייטעלער, צי עס געפינט זיך נישט אין זיי קיין געלט פון גניבה, גזילה און שווינדעל. אויב בדיקת חמץ איז בעיקר די כוונה, מבער צו זיין דאָס שלעכטס פון זיך און אויסרוימען די עבירות, דאַרף מען ממילא גאָר שטאַרק אַכטונג געבען אויף די עבירות שבין אדם לחבירו און זיך אויסרייניגען פון פרעמד געלט וואָס געפינט זיך אפשר אין בייטעלע... ווייל אַן דעם פועל׳ט נישט קיין שום תשובה.

(של״ה הקדוש)

### יבדוק בחורין ובסדקין

מען דאַרף נאָכזוכען נאָכן חמץ וואָס געפינט זיך באַהאַלטען טיף אין מענטש, אין אַלע לעכער און ווינקעלעך פון האַרץ. טייל־מאָל דוכט זיך אַז מען האָט נישט אין זיך קיין חמץ, מוז מען אָבער אַריינגראָבען טיף אין די געהיימע האַרץ־קעמערלעך — וועט מען שוין געפינען...

(אלשיך)

[פונ׳ם תורה־קוואל]

# אַמאָל און היינט



• פון הגאון ר' יהודא ליב צירלזאָן ז"ל

ווען די אידען זיינען נאָך געווען אין מצרים, האָט הקב"ה זיי באַפוילען צו ברענגען אַ קרבן פסח אין דער נאַכט פאַר זייער אַרויסגיין מעבדות לחרות.

פאַר דער צוקונפט זאָגט אונז די תורה: „והי' כי תבואו אל הארץ אשר ד' יתן לכם, כאשר דבר, ושמרתם את העבודה הזאת. והי' כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם? ואמרתם זבח פסח הוא לד' אשר פסח על בתי בני ישראל במצרים, בנגפו את מצרים ואת בתינו הציל" (שמות, י"ב).

דער מכילתא גיט־צו, אַז דער כי יאמרו בניכם דאָ, רעדט זיך וועגען בנים רשעים. און אויך דער לשון פון פסוק ווייזט, אַז עס רעדט זיך פון אַזעלכע בנים. עס שטייט: כי יאמרו, זיי וועלען זאָגען. די דאָזיגע קינדער וועלען ניט פרעגען. זיי וועלען ניט וועלען וויסען. זיי פסק'ענען אָפּ און זאָגען, אַז די גאַנצע עבודה איז נאָר לכם, זיי נויטיגען זיך ניט מער דערין און ווילען דערפון מער ניט וויסען.

דער בעל־הגדה, צו מאַכען קלאָרער דעם ענין, גיט־צו: „רשע, מה הוא אומר: מה העבודה הזאת לכם — לכם ולא לו ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר, ואף אתה הקהה את שיניו ואמר לו בעבוד זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים, לי ולא לו, אילו הי' שם לא הי' נגאל".

דער מקור פאַר דעם איז דער ירושלמי, נאָר דאָרט זיינען נאָך שטאַרקער די פּראָוואָצירענדע רייד פון רשע: „מה הטורח הזה, שאתם מטריחין עלינו בכל שנה ושנה?"

און עס איז גאַנץ מערקווירדיג, אַז דער בעל־הגדה, לויט דעם מקור פון ירושלמי, לאָזט אויס די תשובה פון דער תורה וואָס דאָס איז: „ואמרתם זבח פסח לה'", און באַנוצט זיך מיט אַן אַנדערן פסוק: „בעבור זה עשה ה' לי" אַן ענטפער וואָס איז לכאורה שוואַכער ווי דער ענטפער פון דער תורה.

ווייזט אויס, אַז דאָ רעדט זיך וועגען צוויי מיני רשעים. צוויי קאַטעגאָריעס אידען וואָס האָבען מורד געווען אין דער תורה, און נעמליך: דער נאַציאָנאַלער רשע און דער אַסימילירטער רשע.

דער נאַציאָנאַלער רשע לעבט אין ארץ ישראל. ער איז בעצם ניט געגען פייערן דעם זמן חרותנו, גענוי ווי ער איז ניט געגען אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע סימבאָלען. ער איז בפירוש יאָ פאַרן אידישען נאַציאָנאַליזם, פאַרן אידישען

לאַנד, פאַר דער שפּראַך און אַלע אַנדערע אויסדרוקען פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. ער, דער נאַציאָנאַלער חפשי, פרעגט נאָר אָפּ דעם קרבן פסח און יענע מצות וואָס ער גלויבט, אַז דאָס איז נאָר לכם, אַז דאָס האָט נאָר געהאַט אַ זין אַמאָל.

ער, דער נאַציאָנאַלער רשע, פרעגט נאָר אָפּ דעם קרבן פסח און אַלע אַנדערע ענליכע מצות וואָס האָבען לויט זיין מיינונג פאַרלוירען זייער אַקטואַ־ליטעט. „מה העבודה הזאת לכם” טענה׳ט ער. דער קרבן פסח — זאָגט ער — האָט געהאַט אַ זין דעמאָלט אין מצרים, בכדי אָפּצוזונדערן די אידען פון די מצריים און צו מאַכען פון זיי אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, אָפּצוגעוואוינען זיי פון דעם מצרישען היידענטום און אויסשמידען פון זיי אַן אייגענעם נאַציאָנאַלען קערפּער. אָבער היינט, אַז מיר לעבען אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים, זיינען מער ניט נויטיג די אַלע מצות און באַוואָרענישען. דאָס אידישע נאַציאָנאַלע לעבען איז געזיכערט אויך אָן די דאָזיגע מצות.

צו אָט דעם זאָגט דאָס די תורה: „והי׳ כי תבואו אל הארץ”, ווען איר וועט קומען אין אייגענעם לאַנד, „ושמרת את העבודה הזאת”, אויך דעמאָלט וועט איר זיך נויטיגען אין קרבן פסח. איר וועט עס דאַרפען מאַכען גענוי ווי אין מצרים. און אויב דעמאָלט וועלען אויפשטיין אייערע קינדער און זאָגען: „מה העבודה הזאת לכם”, וואָס דאַרפט איר נאָך דאָס אַלץ ווען איר זייט אין אייגענעם לאַנד מיט אַ זיכערקייט פאַר אַ נאַציאָנאַל אויסלעבען זיך, זאָלט איר אים ענטפערען: „ואמרתם זבח פסח הוא לד׳”. דער זין פון קרבן פסח איז לד׳ — אַ הימלישער.

דער אמת׳ער זין פון קרבן פסח און אַלע אַנדערע מצות איז ניט דער אויבער־פלעכליכער, וועלכען איר פאַרשטייט. די מצות זיינען ניט בלויז געמאַכט געוואָרען פאַר אַ נאַציאָנאַלער שוץ. און אין דער מצוה פון קרבן פסח, ווי אין אַלע אַנדערע מצות, איז אויסער וואָס מיר פאַרשטייען מיט אונזער אָרימען שכל, באַהאַלטען אויך אַ ג־ט׳ליכער שכל, וואָס איז העכער פון אונזער פאַרשטאַנד און טיפער ווי דער מענטש קען באַנעמען!

זבח פסח הוא לד׳. ס׳איז ג־ט׳ס געבאָט, וואָס איז אייביג, גענוי ווי ער, ג־ט ברוך הוא, איז אייביג. זיינע געבאָטען זיינען ניט אונטערגעוואָרפען דער צייט, דעם פּלאַץ און די זיך ענדערענדע אומשטענדען. דאָס ג־ט׳ליכע געבאָט איז גילטיג אין ארץ ישראל, גענוי ווי אין מצרים, אין דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, געגוי ווי אין גלות.

און דער פאַקט איז, אַז אייגענטליך שוין דאָרט אין מצרים, איז דער קרבן פסח ניט געווען בלויז אַ נאַציאָנאַלער סימבאָל אָדער אַ מיטעל צו שיצען אונז פון אַסימילאַציע צווישען די מצריים. מען האָט די אידען באַפוילען צו ברענגען דעם קרבן פסח, ווען עס איז מער ניט געווען קיין מורא פאַר אַסימילאַציע. אין דער מחנה פון מצריים איז דעמאָלט געווען חושך ואפילה און ביי די בני ישראל איז געווען אור במושבותם. די אידען זיינען שוין געווען ידם על העליונה, און ס׳איז ניט מער באַשטאַנען די געפאַר, אַז אידען זאָלען וועלען איבערלויפען אין מצרישען לאַגער. יאָ, שוין דעמאָלט איז דער טעם פון קרבן פסח געווען אַ הימלישער און ניט בלויז אַ מיטעל פאַר נאַציאָנאַלער שוץ.

אין געגענזאַץ צום נאַציאָנאַלען רשע, איז פאַראַן דער אַסימילאַנטישער רשע, דער יעניגער, פאַר וועמען דער גאַנצער ענין פון פייערן דעם זמן חרותנו

איז פרעמד, פאַר וועמען דאָס גאַנצע אידישקייט איז פרעמד און וויל בכלל ניט האָבען קיין שייכות צו כלל ישראל. פאַר אַט דעם טיפ רשע, איז ניט פאַראַן קיין אַנדערער תיקון, ווי הקהה את שיניו. אַזעלכער קען נאָר דערוועקט ווערען פון זיין שכרות ווען די גויים אַליין דערמאָנען אים מיט אַ הקהה את שיניו, אַז ער איז יאָ אַנדערש, אַז ער איז אַ איד און אַז דאָס אָפּזאָגען זיך פון קרבן פסח, דאָס אָפּשיידען זיך פון אידען און דערנעענטערן צו די גויים, וועט אים ווייניג וואָס העלפען. ערשט דעמאָלט, נאָכ׳ן „הקהה את שיניו״, וועלען מיר מיט אים קענען רעדען.

אין טאָג פון חג החרות דאַרף דער באַוואוסטזיניגער איד אַ תשובה פאַר יעדען פון די רשעים.

## עלטערן און קינדער

### והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם

אין דער הפטורה פון שבת הגדול שטייט: „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״. האָט דאָך געדאַרפט שטיין: „לב אבות על בניהם״, פונקט ווי ס׳שטייט „לב בנים על אבותם״?

אין דער יעצטיגער צייט טרעפט זיך, אַז קינדער ווילען נישט ערען און שעצען זייערע עלטערן. זיי האָבען נאָך דערצו אַן אויסגעלאַסענע טענה, אַז די עלטערן האָבען קינדער צוליב דער מענטשליכער נאַטור, פאַר זייער אייגענעם נוצען, נישט צוליב ליבשאַפט צו קינדער.

דאָס איז אַ שטראָף דערפאַר וואָס די עלטערן זאָרגען נאָר פאַר זייערע אייגענע קינדער. זיי אָפּפערן פאַר די קינדער זייער לעבען, פאַרמעגען און כבוד, אָבער פאַר פרעמדע אָרימע קינדער זאָרגען זיי נישט. מען מאַכט לוקסוס־מלבושים פאַר די אייגענע טעכטער און פרעמדע אָרימע קינדער לאָזט מען גיין נאַקעט; דעם זונ׳ס שטודיום קאָסט אַפּ טויזענטער, און פאַר אַ גולדען שכר לימוד פאַרן אָרימען קינד פון דער תלמוד תורה וויל מען נישט געבען — דעריבער קומט דער עונש, אַז די קינדער פאַרלייקענען די ליבשאַפט פון די עלטערן און זאָגען אַז זיי מיינען נאָר זיך.

אַז אלי׳ הנביא וועט קומען, וועט ער צוריקברענגען דאָס האַרץ פון די קינדער צו זייערע עלטערן, דערמיט וואָס ער וועט אַריינברענגען דעם באַוואוסטזיין אין די אידישע עלטערן אַז זייער האַרץ זאָל זיך צוריקקערען אויך צו „בנים״ — צו פרעמדע אָרימע קינדער. ממילא ווען זיי וועלען זאָרגען אויך פאַר אַנדערע קינדער, וועלען זייערע אייגענע קינדער צוריק זיי ליב באַקומען און שעצען...

(מעשה אלפס)

אַז די עלטערן זאָרגען וועגען חינוך פון זייערע קינדער, זיי לאָזען נישט די קינדער אויף הפקר, נאָר אינטערעסירען זיך צו געבען זיי אַ גוטע דערציאונג, בלייבען די קינדער ממילא צוגעבונדען צו זייערע עלטערן און ווערען פון זיי נישט פאַרפרעמדעט. די טראַגעדיע פון די היינטיגע דערוויטערטע און פאַרפרעמדעטע קינדער נעמט זיך דערפון וואָס די עלטערן אינטערעסירען זיך נישט מיט זייער דערציאונג.

אליהו הנביא וועט קודם כל זיין — והשיב לב אבות על בנים — ער וועט צוריקברענגען דאָס האַרץ פון די עלטערן אַז זיי זאָלען זיך פאַראינטערעסירען מיט זייערע קינדער און זאָרגען פאַר זייער דערציאונג, וועט ממילא זיין — ולב בנים על אבותם — וועט דאָס האַרץ פון די קינדער צוריק זיין געווענדעט צו זייערע עלטערן און זיי וועלען נישט פאַרפרעמדעט ווערען...

(אחד מחכמי המוסר)


זה השער ליי צדיקים יבואו בו

# ספר
# זבח פסח

המאמר הזה הוא פירוש בהגדות
הפסח פרשיות ודרושים וטעמים
ככבדי חדשי' · לא שערום הראשונים
מתוקים מדבש ונופת צופים · חברו
שר וגדול בישראל דון יצחק אברבנאל
זצל · בן השר דון יהודה
אברבנאל ז"ל

התחלנו המלאכ' היום · יום ב' י' אלול
בשנת ויעמוד בין המתים
ובין החיים והמגפה נעצרה

ברפוס בכפר ביסטרוויץ
תחת השר זדיעפ־שקי
והכתר מלכות ניתן בראש זיגמונ'
ירום הודו ותנשא מלכותו אכי"ר :

על ידי קלונימוס בן יה"ר
מרדכי יפ"ה ז"ל

דער שער־בלאַט פון דער ערשטער הגדה מיט׳ן פירוש פון ר׳ יצחק אברבנאל, געדרוקט אין יאָר שנ״ז.

# יציאת מצרים

**• פון הגאון ר׳ טובי׳ יהודא גוטענטאג ז״ל**

היה, ר׳ מתיא בן חרש אומר: ואעבור אליך והנה עתך עת דודים הגיעה, שבועתו שנשבע הקב״ה לאברהם שיגאל את בניו ולא היה בידם מצות שיעסקו בהם כדי שיגאלו, שנאמר: שדים נכונו ושערך צמח ואת ערום ועריה, — ערום מכל המצוות, נתן להם הקב״ה שתי מצוות: דם־פסח ודם־מילה שיתעסקו בם כדי שיגאלו וכו׳.

מכילתא, בו.

דער טאַטע יעקב איז געשטאָרבען; די קינדער און אייניקלעך קערען זיך צוריק קיין מצרים, נאָכ׳ן אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד זייער גרויסען פאָטער. עס דויערט אָבער נישט לאַנג און דער גייסט פון אַלטען ישראל הערט־אויף צו שוועבען פאַר זיינע אייניקלעך. אין זייער גייסטיג לעבען ווערט אַן איבערקערעניש. פאַר די אַמאָליגע רועי־צאן ווערט היינט דאָס אָפּגעזונדערטע וואוינאָרט גושן צו־ענג, און זיי פאַרשפּרייטען זיך איבער דעם גאַנצען לאַנד, באַזעצען זיך אין די צענטראַל־שטעט, פאַסען זיך שנעל־צו צו די פרישע אומשטענדען און הויבען־אָן אויסצואַרבעטען די פּראָדוקטען פון לאַנד. אַ דאַנק זייער פלייסיגקייט און געשיקטקייט, געלונגט זיי צו אַנטוויקלען נייע צווייגען פון פּרנסה אויף אַלע געביטען פון האַנדעל און אינדוסטריע, קומען אין האַנדעלס־פאַרבינדונגען מיט די ווייטסטע געגענטען; דער אימפּאָרט און עקספּאָרט פאַרגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג און דאָס לאַנד מצרים, וואָס איז אין יוסף׳ס צייטען באַרייכערט געוואָרען, הויבט איצט אָן זייער אויפצולעבען און אויפצובליען. מצרים טרעט־אַרויס אויף דער וועלט־אַרענע אַלס די ערשטע קולטורעלע און מעכטיגע מלוכה.

אָבער די צייטען בייטען זיך און צוזאַמען מיט זיי אויך די מענטשען. ס׳איז געקומען אַ פרישער דור וואָס האָט פאַרגעסען, ריכטיגער: נישט געוואָלט געדענקען, די פאַרדינסטען פון די אידען פאַר׳ן לאַנד, און אָנשטאָט אַרויסצואווייזען זיי דאַנקבאַרקייט האָט מען גענומען פאַרשפּרייטען געגען זיי די באַקאַנטע אומגעלומפּערטע בלבולים, נעמליך, אַז דער איד פירט אַ סעפּאַראַטיש לעבען, ער בילדעט אַ „מלוכה בתוך מלוכה״. דערצו איז ער קלוג, שטאַרק, פּאָליטיש־רייף, פאַרכאַפּט אַלע רעגירונגס־אַמטען, פאַרנעמט אַלע בעסטע געשעפטען. ער וויל עגיפּטען פאַראידישען, און איז אויך נישט קיין לאָיאַלער בירגער; מיט איין וואָרט, עס דראָט אַ געפאַר, אַז ביי אַ געלעגענהייט, וועט ער די עגיפּטער פון זייער לאַנד אַרויסשטויסען. די פאָלגען פון אַזאַ אַגיטאַציע זיינען געווען רדיפות, אונטערדריקונג און ספּעציעלע באַגרעניצונגען אויף יעדען שריט און טריט. דאָ טאָר ער נישט וואוינען, מיט דעם טאָר ער נישט האַנדלען, צו דעם טאָר ער זיך נישט צורירען, ביז זיין צושטאַנד זאָל אומדערטרעגליך ווערען.

ווען מען האָט זיך איבערצייגט, אַז די מיטלען ברענגען נישט דעם געוואונטשטען ציל, דער איד לעבט דאָך און עקזיסטירט ווייטער, ווייל ער איז באַגאַבט און ווייסט, ווי צו שווימען מיט דעם שטראָם און אויסצוטרעטען זיך אַ

וועג דורך אַלע פאַרצוימונגען — דאַן האָבען זיי באַשלאָסען צו פאַרניכטען זיינע גייסטיגע טאַלאַנטען: צו באַנוצען דעם איד צו גראָבע, שווערע אַרבעט, קנעטען ליים, ברענגען ציגעל און בויען פעסטונגען — דערמיט וועט זיין שכל פאַרטעמפּט ווערען און זיינע פעאיגקייטען וועלען גיין צו־גרונד. ווען אויך דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען ערפאָלגלאָז, זיינען באַשאַפען געוואָרען פרישע פּלענער, נעמליך, דער איד זאָל זיך אַסימילירען מיט די מצריים. צו דעם צוועק איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ קעניגליכער דעקרעט, אַז אַלע ניי־געבוירענע אידישע אינגלעך זאָלען געטויט ווערען און די פרויען וועלען דאַן געצוואונגען זיין צו הייראַטען מיט די מצריים, און די אידישע ראַסע וועט זיך צונויפשמעלצען מיט דער מצרי'שער. אָבער דאָ האָבען זיי זיך אַנגעשטויסען אין „קשיות־עורף" פונ'ם איד, אין זיין אייזערנעם כאַראַקטער; נישט נאָר איז ער געבליבען ריין און ציכטיג אין פאַמיליע־לעבען, נאָר ער האָט אויך נישט פאַרבויגען קיין האָר פון זיין אייגענאַרטיגקייט.

אַזוי ווי אָבער קיין דירעקטע ג־ט'ליכע געבאָטען האָבען זיי נאָך נישט געהאַט, האָבען זיי דעריבער דעמאָנסטרירט זייער אייגענאַרטיגקייט דערמיט, וואָס זיי האָבען נישט פאַרביטען זייערע נעמען און נישט פאַרענדערט זייער שפּראַך און קליידונג. אָט אַזוי האָבען זיי לאַנגע צייטען געלעבט אונטער דעם טיראַנישען יאָך, פאַרשידענע גרויזאַמע רדיפות געליטען און דאָך זייער פאָלק נישט פאַרראַטען, דעם נאָמען איד נישט פאַרלייקענט און צום אַסימילאַציע־אָפּגאָט זיך נישט געבוקט. און מחמת דעם, ווען דאָס מעסטעל פון מצרים איז פול געוואָרען, דאַן איז ג־ט פון ישראל ערשינען מיט זיין מאַכט און פראַכט. פון דער מעכטיגער ג־ט'ליכער שטימע האָבען די הויכע פּיראַמידען זיך גע־טרייסעלט און מיט די איבערנאַטירליכע, עפענטליכע נסים, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיין פאָלק ישראל, האָט ער זיך פאַר אַלע אַנטפּלעקט און באַקאַנט געמאַכט אַלס איינציגער באַשעפער, אַלס אָנגעמער און באַשיצער פון נידערשלאָגענע און באַדריקטע — דאָס פאַרקנעכטעטע, אין קייטען־געשמידטע פאָלק איז באַפרייט געוואָרען.

אָבער אין די זעקס מאָנאַטען, וועלכע האָבען געדויערט פון באַפרייאונג ביז דער יציאה פון מצרים, איז געשען עטוואָס אומדערוואַטענדיגס: דאָס פּלוצלונגע באַפרייען דעם פון דורות־פאַרשקלאַפטען פאָלק, האָט זיך שלעכט אָפּגערופען אויף אַ גרויסען טייל פון זיי. די אידען, וועלכע זיינען ביז איצט געווען רעכטלאָז און געזעסען אין קאָמפּאַקטע מאַסען און אין ענגען, שמאָלען געטאָ, ווי נאָר זיי האָבען אָנגעהויבען פריי אָפּצואָטעמען און די ערשטע שטראַלען פון פרייהייט האָבען זיי אָנגעהויבען באַלייכטען, זיינען זיי אַריין אין עקסטאַז און דערביי אַזוי פאַרהיפּנאָ־טיזירט געוואָרען פון די פולע בירגער־רעכט, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען זיך „נאַטוראַליזירען" און אָנערקענען מצרים אַלס זייער היימלאַנד. דער אַבסטראַקטער נאַציאָנאַליזם און די אויסערליכע פאָרמען, וועלכע האָבען זיי געשיצט פון אונטערגאַנג בעת דעם קאַמף און צוואַנג־אַסימילאַציע, האָבען פאַרלוירען זייער ווירקונגס־קראַפט אין דער צייט פון עמאַנציפּאַציע, ווען דער שונא האָט כלומר'שט אויסגעשטרעקט אַ פריינטליכע האַנט און באַוויזען אַ ליבע־מינע. דעזערטירען און אָפּטריניגע האָבען זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, אַזוי אַז ווען עס איז געקומען די צייט אַרויסצוואַנדערען פון מצרים, האָט זייער צאָל דערגרייכט אַ קאָלאָסאַלע ציפער: פיר־פינפטעל פון גאַנצען פאָלק. עס האָט זיך איצט קלאָר

אַרויסגעשטעלט, אַז אויף דעם באַדען פון נאַציאָנאַליזם, אָן תורה און אָן מצוות, קאָן מען קיין גרונדשטיין ניט לייגען; די אידישע פאָלקסטימליכקייט קאָן זיך אין די ראַמען פון בלויז נעגאַטיוועס נישט באַגרעניצען, מען מוז עטוואָס פאָזי־טיוועס שאַפען, און נאָר מצוות מעשיות קאָנען זיין אַ באַזע אויף צו בויען דאָס אידישע הויז, און נאָר זיי קאָנען בילדען אַ דויערהאַפטען און אַ פעסטען בונד צווישען ג־ט, תורה און ישראל, און מאַכען פון זיי סינטעטיש אַ גאַנצע זאַך. ווייל נאָר ווען מ'איז זיי מקיים אומאויפהערליך, דרינגען זיי אַריין אין תוך פון איד, פאַרקריצען זיך אויף דעם טאָוועל פון האַרץ און פאַרוואָרצלען זיך אין דער טיפקייט פון דער נשמה.

און אַט דאָן האָט מען פאַר די אידען באַלד באַשטימט צוויי הויפט־מצוות: מצות־פסח, נעמליך, צו בינדען און קוילען אַ שעפס פאַר אַ קרבן צו ג־ט, וואָס זאָל דינען אַלס סימבאָל, אַז מיר זאָגען זיך אָפּ פון די עגיפטישע געצענדינעריי; און מצות מילה — צעשניידען דעם קערפּער, צו באַצייכענען, אַז מיר גיבען־איבער אַלע אונזערע הנאות הגוף צו ג־ט און מיר אָנערקענען אונזער אויפגאַבע, צו וועלכער מיר זיינען באַשטימט געוואָרען, נעמליך, צו זיין אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש״. און אַ דאַנק די ערשטע מצוות, וואָס האָבען באַהערשט אונזער גאַנץ דענקען און פילען, איז דער איד געוואָרען טריי איבערגעגעבען זיין ג־ט און זיין פאָלק, און אָן פאַרברייטונגען האָט ער דאָס געבענטשטע און פרוכט־באַרע מצרים פאַרלאָזט, זיין שיקזאַל אין די הענט פון ג־ט איבערגעגעבען און דורך אַ געפערליכער מדבר האָט ער זיין וועג אונטערגענומען, אין דער פעסטער האָפענונג און גלויבען צוריק צו ערווערבען זיין פאָטערלאַנד — ארץ ישראל.

## חג הפסח — חג המצות

פאַרוואָס רופען מיר אידען דעם יום־טוב „פסח״, בעת אין דער תורה ווערט ער אומע־טום אָנגערופען: חג המצות?

נאָר ווי ס'איז באַוואוסט, רימט זיך השי״ת שטענדיג מיט די מעלות פון אידען און אידען ווידער רימען זיך מיט די מעלות פון השי״ת. אַזוי ווי די חז״ל זאָגען: „תפילין דמארי עלמא מאי כתיב בהו? ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״ (ברכות ו), און אידען זאָגען ווידער שטענדיג: שמע ישראל... ה׳ אחד.

„פסח״ דערמאָנט דאָך דעם, שבח פון השם יתברך, וואָס ער האָט מציל געווען די אידען (שפסח על בתי בני ישראל... ואת בתינו הציל). דאַגעגען „חג המצות״ דערמאָנט דעם שבח פון אידען, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך משה רבינו אין אַ מדבר אַריין און זיי האָבען זיך אפילו נישט מיטגענומען קיין עסען — וגם צדה לא עשו להם.

דעריבער רופט השי״ת אין דער תורה אָן דעם יום־טוב „חג המצות״, וואָס זאָגט די מעלה פון אידען, און אידען רופען אים „פסח״, וואָס דערמאָנט דעם רום פון השי״ת.

(קדושת לוי)

# די ארבעה בנים

## • פון הגאון רבי אברהם יצחק לאַמשטיין ז״ל

כנגד ארבעה בנים דברה תורה (הגדה ש״פ)

די אָריגינעלע „שאלת מה נשתנה״, וועלכע איז דורך די חכמי המסורה איבער־געגעבען געוואָרען אַלס איינע פון די הלכות הפסח; דער אויסערגעוויינ־ליכער דין, וועלכער, נישט נאָר ערלויבט, נאָר פאַרפליכטעט דורכאויס אינ׳ם „זמן חרותנו״ צוצולאָזען די אידישע יוגענט צום וואָרט, אַרויסצוטרעטען מיט פראַגען און צו פאַרלאַנגען ערקלערונגען איבער דעם אינהאַלט און באַדייטונג פון די מצוות ד׳ — דער דאָזיגער דין איז, פונ׳ם אַלגעמיין אידיש־טראַדיציאָנעלען שטאַנדפונקט, העכסט מערקווירדיג.

אמת, דער איד, לויט זיין באַשטימונג, איז כלל נישט אַ מין דיסציפּלינירטער זעלנער וועמען עס איז נישט ערלויבט איבערצופרעגען וועגען דער באַדייטונג פון די אים־געשטעלטע באַפעלען, און עס זאָל זיין פאַרבאָטען אַריינצודרינגען אין זייער געהיימניש. אדרבה, דאָס באַגנוגענען זיך מיטן ערפילען דאָס ג־ט׳ליכע געזעץ בלויז לויט זיין אויסערליכער פאָרם; דאָס מקיים זיין „מצות אנשים מלומדה״ מעכאַניש און טרוקען — איז דורך אונזערע חכמים און נביאים אַליין פאַראורטיילט געוואָרען.

אין געגענטייל, די אויפגאַבע פון דעם עובד ד׳ איז: „דע את אלקי אביך ועבדהו״; די פליכט פון יעדען איינציגען איד איז, לויט זיין מעגליכקייט און זיין השגה, צו שטודירען און פאַרשען, צו לערנען און זוכען דאָס אינערליכע, דאָס הייליגע, דאָס סימבאָלישע און דאָס מאָראַלישע, אין די ג־ט׳ליכע געזעצען צו געפינען.

דער דאָזיגער שטודיום אָבער, וועלכער איז אייגענטליך דער „מאור שבתורה״, קען נאָר צוגעלאָזען ווערען בעת דעם לימוד התורה, ביי דעם „לימוד המביא לידי מעשה״. ווען עס קומט אָבער צו דער עצם המעשה, צו דער פּראַקטישער עבודה, צו קיום המצוות, דאַן איז שוין מער קיין אָרט נישטאָ פאַר שאלות און חקירות. דעמאָלט קען שוין קיין פראַגע איבער דער מצוה, אין וועלכער פאָרם זי זאָל נישט זיין, נישט מער געשטעלט ווערען. דעמאָלט, ווען דער איד שטייט שוין צו דינסט אויסצופירען דאָס ג־טליכע באַפעל, קען קיין מינדעסטער צוויי־פעל נישט צוגעלאָזט ווערען. אַ פאַרברעך איז דעמאָלט צו פרעגען און צו קלערען, צו פילאָזאָפירען און קאָנטראָלירען. דער איד איז דעמאָלט גאַנץ — „תמים תהי׳ עם ה׳ אלקיך״, אָן חקירות און אָן שאלות. איין־איינציגע זאַך דאַרף ער דעמאָלט וויסען און זיין נשמה דאַרף עס פילען — דאָס ג־ט׳ליכע וואָרט: שאמר ונעשה רצונו.

„כל אשר דבר ה׳ נעשה״ — איז דער אידישער דעוויז. „נעשה״ — דאָס איז עס איינגאַנצען. אָן ספיקות און אָן חקירות, בלויז נאָר ווייל עס איז „דבר ה׳״, ווייל עס איז דאָס ג־ט׳ליכע וואָרט. עס קומט טאַקע דערנאָך „ונשמע״ — אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערע באַשטימונג: הערען, לערנען, וויסען. צום „נעשה״

אָבער האָט עס קיין שייכות נישט און קען פאַר אים קיין שטערונג נישט זיין, דער „נעשה" מוז זיין אַבסאָלוט אומאָפּהענגיג.

און העכסט וואונדערבאַר שטעלט עס זיך אונז דעריבער פאַר, ווען ביי דעם „נעשה" פון דער פסח־נאַכט — קומט דער באַפעל: וכאן הבן שואל. ווען אין מיטען דער „עבודה", אין מיטען אויספירען די מצות־היום, זאָל צוגעלאָזען און אַפילו פאַרפליכטעט ווערען אַ דיסקוסיע איבער דער באַדייטונג פון אָט די מצוות. און אין אונזער מוח מוז אויף דער דאָזיגער מערקווירדיגער „שאלה מה נשתנה", געשטעלט ווערען נאָך אַ שאלה: „מה נשתנה?".

***

ווען מיר באַמיען זיך עטוואָס אַריינצודרינגען אינ'ם ענטפער, וואָס עס ווערט געגעבען אויף דער אָריגינעלער מה־נשתנה־פראַגע, קענען מיר גרינג באַקומען אַן ערקלערונג אויך אויף אונזער מה־נשתנה. דאָרט אין דעם „עבדים היינו", וואו עס ווערט אָנגעוויזען אַ תשובה דעם „בן השואל", דאָרט ווערט אויך אָנגעמערקט דער צוועק צו וועלכען דער „בן השואל" איז צוגעלאָזט געוואָרען צום וואָרט:

„כנגד ארבעה בנים דברה תורה", דאָרט אין יענער דרשה, ביי דער יציאת־מצרים דערציילונג, מאַכט אונז די תורה אויפמערקזאַם אויף דעם „מחר" פון אונזער פאָלקס־לעבען, אויף דער ערשיינונג וועלכע עס וועט מיט דער צייט ביי אונז אַנטשטיין: קינדער וועלען מיר האָבען און פאַרשידענאַרטיג וועלען זיי זיין איינער פון אַנדערען; פאַרשידען וועלען זיי דענקען און פילען, און אין קאָנטרערע וועגען און ריכטונגען וועלען זיי זיך אָפטמאָל פונאַנדערגיין איינער פון אַנדערען.

און דעמאָלט, ווען עס קומט דער „זמן חרתנו", ווען דאָס אידישע פאָלק דאַרף ערוואַכען צו אַ ניי, פריש לעבען, ווען עס דאַרף ווידער צונויפזאַמלען די באַנייטע פאָלקס־כחות און מיט זיי דערגרייכען צום אמת'ען „זמן חרותנו", צום חרות הרוח און חרות הנפש — דאַן מוזען אָט די „ארבעה בנים" אַרויס־געשטעלט ווערען אין זייער אמת'ען געשטאַלט. דעמאָלט טאָרען זייערע געגענ־זעצליכע גייסטיגע געפילען נישט מער צוגעדעקט און באַהאַלטען זיין. דעמאָלט איז אָפטמאָל געפערליך צו לאָזען אָט די אַלע קינדער צוזאַמען אונטער איין דאַך, דאָס „חרות" קען דאַן געפערליך ווערען און אַנגעמען גאָר אַנדערע, פרעמדע פאָרמען.

עס מוז דאַן דורכאויס אַרויסגעוויזען ווערען דאָס אינערליכע, דאָס באַהאַל־טענע און עס מוז בולט קלאָר ווערען. עס מוז יעדען געגעבען ווערען די בחירה חפשית, פריי און אָפען זיין וואָרט אַרויסצוזאָגען.

וכאן הבן שואל... דאָ ווערט דאָס וואָרט געגעבען דער אידישער יוגענט.

זאָל יעדערער פרעגען, זאָל יעדערער זיך אַרויסזאָגען, זאָל דאָס אינערליכע איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך אַרויסווייזען, זאָל זיך ביי יעדען אַרויסשטעלען ווי ער דענקט און ווי ער גלויבט, וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטרעבט.

זאָל מען וויסען ווער עס פרעגט: „מה העדות"... ווער עס זאָגט: „אשר צוה ה' אלקינו" און ווער עס זאָגט „לכם"...

און זאָלען די טריי־געבליבענע קינדער וויסען, אַז וויט, זייער וויט איז פון זיי יענע יוגענט... און זאָלען זיי פון יענע אומגערען נישט באַאיינפלוסט ווערען.

**
*

און אין יעדע צייט, ביי יעדער „מחר“, ווען נאָך וועלכען עס איז חרות־ווינטעל עס הויבען אָן צו בלאָזען אין אידישען לעבען פאַרשידענע ווינטען, מוזען דאַן די „ארבעה בנים“ בולט אַרויסגעשטעלט ווערען אין זייער אמת׳ן פרצוף. ווייל נאָר דאַן ווען מיר וועלען קענען אַריינדרינגען אין די נשמות פון אונזערע קינדער און זיי דערקענען, וועלען מיר זיי קענען לענקען אויפן אמת׳ן וועג פון נעשה ונשמע — וואָס איז אייגענטליך דער איינציגער תכלית פון אידישען חרות.

## „מערהייט“ און „מינדערהייט“

דער קראַקאָווער רב, ר׳ שמעון סופר זצ״ל, האָט ווי באַוואוסט געפירט אַ שטענדיגען קאַמף געגען די קראַקאָווער אַסימילאַנטען, וועלכע האָבען פאַקטיש געהערשט אין דער קראַקאָווער קהילה, ווי אין אַלע קהילות אין פוילען אין יענער צייט. די אַסימילאַנטען, פון זייער זייט, זיינען געשטאַנען און גע־טענה׳ט, בכן, ביי די קהילה־וואַלען האָבען זיי די מאַיאָריטעט און האָבען דעריבער על־פי דין רעכט צו הערשען איבער דער קהילה.

אַמאָל ביי אַן אַסיפה פון די ראשי טובי העיר, האָט איינער געפרעגט דעם קראַקאָווער רב, פאַרוואָס זאָל טאַקע נישט מעגליך זיין, אַז די פרומע אידען, וואָס זיינען דער רוב מנין און רוב בנין פון קראַקאָווער אידענטום אַז זיי זאָלען טאַקע באַקומען די מאַיאָריטעט ?

האָט ר׳ שמעון סופר געענטפערט :

ביי די אַרבעה בנים אין דער הגדה געפינען מיר די תשובה פאַר׳ן רשע הקהה את שניו. אייגענטליך איז עס דאָך גאָרנישט קיין אידישער דרך, אויסהאַקען די ציין. נאָר וואָס דען, דער רשע טענה׳ט מען זאָל זיך פאַרלאָזען אויף דער מאַיאָריטעט, און איר פרומע אידען זענט דאָך דער רוב, טאָ מאַכט אַ וואַל, און ווי דער רוב וועט אויספאַלען אַזוי זאָל בלייבען. אָט אויף דער טענה איז שווער צו געבען אַ לאָגישען תירוץ, ווייל אין אמת׳ן זיינען טאַקע די פרומע אַ רוב געגען רשע. נאָר איך בעט אייך, קוקט אייך נאָר אָקאָרשט אָן דעם דאָזיגען רוב : דער חכם מיינער טוט מיר שוין אַ גאַנצע טובה ווען ער פרעגט מה העדות וכו׳, אַליין זיך צו געבען אַ תירוץ פאַרשטייט אַפילו דער חכם אויך נישט ; דער תם, מער ווי „מה זאת“ קען ער נישט און דער פרומער שאינו יודע לשאול, פרעגט אים בחרם וועגען וואָס מען רעדט אַפילו. אָט געגען דאָזיגען פרומען דרייפאַכען רוב שטייט אַ געזונטער, קלוגער רשע, וואָס ווייסט וואָס ער וויל פאַרשטייט אַלע וועגען און מיטלען ווי אַזוי דעם פרומען רוב אַריינצונאַרען אין זאַק אַריין. אַזאַ מין רשע קען מען נישט ענטפערן לאָגיש. אין קאַמף מיט אים קען מען בשום אופן נישט פאַרלאָזען זיך אויף אונזער רוב. דער איינציגער תירוץ איז הקהה את שניו...



# גאולה מיט געוואַלד!

• פון הגאון רבי משה חיים לאו ז"ל

גרויס און שרעקליך איז דאַן געווען דער אויסערליכער און אינערליכער חורבן פונ'ם אידישען לעבען. די אידיש־זיטליכע, גייסטיגע וועלט איז צעשטערט, דאָס אידישע אידעאַל שטייט ציטערדיג און שווייגענדיג מיט אַ פאַר־הילט פנים; די סימנים פון אָנמעכטיגער פאַרצווייפלונג צו פאַרבאַרגען.

דאָס טיף־ערליך אידישע געמיט מיט זיין גלויבען אין דער גאולה און נצחון פונ'ם אייביג שיינעם, אייביג גוטען, איז געבראָכען.

נישט דאָס העלדישקייט, נאָר דער שקלאַפען־גייסט האָט געזיגט.

די ספעציפישע אידישע איידעלקייט, די פנימיות'דיגע שיינקייט, דער מאַיעסטעטישער, אידישער שטאָלץ — די רייכע, שיינע ירושה פון אונזערע אָבות, איז אין גלות געגאַנגען. אין גלות צו זיך אַליין, זיי זיינען אין זיך אַליין פאַרקנעכטעט.

דאָס קנעכטשאַפט האָט זיך איינגעפרעסען אין אייגענעם מאַרך; ס'איז נבלע געוואָרען אין אייגענעם בלוט, דאָס עבדות האָט זיי מורא'דיג אין די אייזערנע מעכטיגע אָרעמס געפאַנגען, אַז ס'פעלט שוין דער חוש צו פילען זייער עבדות. זיי האָבען שוין נישט קיין באַדערפעניש צו וועלען באַפרייט ווערען. די שקלאַפעריי האָט אין זיי צוביסלעך אויסגעטריקענט די ברונע־פולע פרייהייטס־ליבע.

זיי קאָנען שוין אפילו נישט מער האָפען באַפרייט צו ווערען. מחמת האָפען קאָן מען נאָר דאַן, ווען מען האָט אַ צורך, אַ בענקען צו עפעס. זיי, אָבער, בענקט זיך שוין נישט צו פרייהייט. צום האָפען מוז מען האָבען זעלבסט־אַכטונג. אויב אָבער מ'אַכטעט שוין זיך נישט מער; אויב מ'האָט נישט מער קיין דרך־ארץ פאַר זיך אַליין — ווער־זשע זאָל העלפען, וואָס זאָל מען זיך ווינטשען?... און זיי אַכטען נישט זיך, נאָר זייער עבדות. זיי דינען זייער קנעכטשאַפט. די נידעריקע שקלאַפעריי־באַהאַנדלונג, די פראַי'שע הערשערישע באַציאונג צו זיי, די גראָבע שקלאַפען־מאכלים ציען זיי צו זיך. עס פעלט זיי שוין, עס דאַרשט זיי דערנאָך.

שוין אַלס באַפרייטע בעטען זיי זיך: „נתנה ראש ונשובה מצרימה" — לאָמיר ווילען אַן עלטסטען, ער זאָל אונז צוריקפירען צו אונזער מצרים, צו אונזער שקלאַפעריי־געמיט, צו אונזערע מאכלים.

„כי בחוזק יד הוציאנו ה' ממצרים" — מיט געוואַלד האָט די השגחה געמוזט ווירקען, געגענאיבער זיי זעלבסט, בכדי אַרויסצושלעפען די אידען פון גלות־שמוץ. צום טראָץ פון זייער שקלאַפען־גייסט, ציט זיי השי"ת אַרויס פון מצרים...

והוצאתי אתכם מתחת „סבלות״ מצרים — „איך וועל אייך אַרויסציען פונ׳ם טרויעריגען מצב, וואו איר קאָנט סובל זיין די מצרים״ (חי׳ הרי״ם מובא בשפת אמת).

***

און אַט קומט די הייליגע, שיינע פסח־נאַכט און דערמאָנט פאַר אונזער גייסטיג אויג די קויטיגע תקופה פונ׳ם אַמאָליגען שקלאַפענטום. און ווי אַ גרויס קינד, וואָס איז נאָך פאַרקניפּט מיט זיידענע פעדים צו די קינדער־יאָרען און דערציילט אָן בושה פון די קינדער־שטיקלעך; שילדערט דעם הילוך, דעם גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג — אַזוי דערציילט דאָס פאָלק־קינד ישראל מיט אַ פּנימיות׳דיגען, מאַיעסטעטישען שטאָלץ:

„עבדים היינו״ — מיר זיינען עס געווען שקלאַפען ביז צום מאַרך אין די ביינער, אַזוי אַז מיר האָבען שוין געהאַט פאַרלוירען יעדע האָפענונג, יעדען וואונטש באַפרייט צו ווערען. פאַרלוירען — און נאַטירליך האָבען מיר אַליין נישט מער געקענט באַפרייט ווערען — מחמת זיך אַרויסרייסען פון עבדות קען מען נאָר אַז מ׳האָט ביי אונז די פרייהייט גערויבט און מיר פילען וואָס מ׳האָט ביי אונז גענומען; דעמאָלט דרענגט זיך אין אונז דער פאַרלאַנג זי צוריק צו געווינען, און באַהאַלטענערהייט טוען מיר כלערליי פעולות באַפרייט צו ווערען. דאָרט אָבער וואו מיר אַליין האָבען זי מפקיר געווען, ווי קענען מיר אויפן נאַטירליכען וועג זי צוריק באַקומען?

נאָר אַ גליק: „ויוציאנו ה׳ ביד חזקה ובזרוע נטוי׳״ — השי״ת האָט אונז פון דאָרט אַרויסגעצויגען מיט געוואַלד, געגען אונזער ווילען, נישט וואַרטענדיג מיר זאָלען האָבען דערצו אַ באַדערפעניש.

***

ניט בחנם פאַרטייטשען אונז אונזערע הייליגע חכמים דעם דאָזיגען פּראָצעס פון „בחוזק יד״. פון אַרויסנעמען די אידען פון גלות מיט געוואַלד. ס׳איז אַ לימוד לדורות.

מיר אידען זיינען ניט ווי אַנדערע פעלקער. אַנדערע פעלקער דערגרייכען זייער פרייהייט נאָר דורך קאַמף, דורך רעוואָלוציעס, דורך דעם אינערליכען רוף און דראַנג באַפרייט צו ווערען. אַנדערע פעלקער, אויב זיי פאַרלירען די פרייהייטס־ליבע, אויב זיי ווילען אויפגעבען זייער אידענטיטעט, — שטערט זיי קיינער ניט אויפגעלעזט צו ווערען, זיך צו אַסימילירען און פאַרשווינדען אין גרויסען ים פון די אַנדערע פעלקער.

ניט אַזוי אידען! אונז האָט ג־ט אויסדערוויילט פאַר זיין פאָלק! מיר זיינען אַן אַנדערער מין פאָלקס־מאַטעריע. מיר קענען ניט זיין קיין אייביגע עבדים, ניט פיזיש און ניט גייסטיג, אַפילו ווען דאָס איז אונזער ווילען. מיר קענען זיך ניט אויסמישען מיט אַנדערע, אַפילו ווען דאָס איז אונז לייכטער און באַקוועמער. מיר קענען ניט זיין קיין דייטשען, פּאָליאַקען, טשעכען און ענגלענדער, אַפילו ווען דאָס ווערט אונז ליב.

פאַרשטייען מיר דאָס אַליין — איז גוט! ווערען מיר אָבער משוקע אין אונזער עבדות — דאַן קומט דער „חוזק־יד״ און שלעפּט אונז. צוריק אַרויס מעבדות לחרות!



# די פּסח־נאַכט

• פון דר. יצחק ברויער ז״ל

לעדעס יאָר, יאָר־איין, יאָר־אויס, קערט צוריק אינ׳ם אידישען לעבען, אַ נאַכט אין וועלכער דער אידישער פאָטער גיט צו פאַרשטיין זיינע קינדער וואָס עס הייסט אַ איד. אין אָט דער נאַכט הויבט זיך דער הייסער אָטעם פון אַ לעבענס־דורשטיג פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַן אומשטערבליכע וויטאַליטעט, אַן אומפאַרניכטבאַרע קראַפט.

אין דער דאָזיגער נאַכט הילכט־אָפּ די טרויעריגע וויי־טאָג־שטימע פון אַ פיל־ליידענדען, געפּלאָגטען און גע׳רודפ׳טען פאָלק; אָבער גלייכצייטיג אויך דער שטאָלצער טריאומף־געזאַנג פון אַ פאָלק, וואָס איז קיינמאָל ניט באַזיגט געוואָרען, וואָס האָט איבערגעלעבט מעכטיגע מלוכות און אימפּעריעס; ס׳הערט זיך דאָ דאָס דאַנק־ליד צו ג־ט פון אַ פאָלק, וואָס איז גליקליך אַפילו אין זיין אומגליק, וואָס איז זיכער אין זיין קינפטיגער גאולה און באַפרייאונג.

דאָס איז די פּסח־נאַכט, די נאַציאָנאַל־נאַכט פון אידישען פאָלק. נאָר ווער עס פאַרשטייט דעם זין פון דער דאָזיגער נאַכט, האָט אויף אַן אמת תופס געווען דעם מהות פון אידענטום.

אַרום דעם טיש פאַרזאַמעלט דער פאָטער זיינע קינדער. אויפן סדר־טיש ליגען די מצות און דער מרור און די אַלע אַנדערע סימבאָלישע מאַכלים, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט די דערציילונגען פון יציאַת מצרים. און דער פאָטער: זיין פּנים גלאַנצט און אין די אויגען פייערט עפּעס אַ וואונדערליכער שטאָלץ, אַ חירות, און מיט אַ טריאומפאַלען בענקשאַפט־ניגון הויבט ער אָן דערציילען די אור־אַלטע פרייהייט־געשיכטע — די הגדה:

„עבדים היינו לפרעה במצרים ויוציאנו ד׳ משם ביד חזקה ובזרוע נטוי׳ ואילו לא הוציא הקב״ה את אבותינו ממצרים הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים״.

דאָס איז ניט פאַר׳ן אידישען פאָלק עפּעס לעגענדאַרע מעשה׳לעך פון אַמאָל, דערציילונגען פון לאַנג־פאַרשוואונדענע צייטען. אַן אינערליכע איבערצייגטע זיכערקייט און וואַרהאַפטיגקייט ליגט אין אָט דעם סיפור „יציאת מצרים״. אין דער דאָזיגער סדר־נאַכט שטייט דער פאָטער פאַר זיין קינד אַלס עדות פון וואַרהאַפטען אמת: ער זעלבסט האָט עס געהערט פון זיין פאָטער, און אַזוי אומאויפהערליך ציט זיך די לאַנגע טראַדיציאָנעלע קייט, וואָס פאַרבינדט די אור־אַלטע שקלאַפען פון מצרים מיט די לעבעדיגע אור־אייניקלעך אין טויזענטער יאָרען שפּעטער.

„ובכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים״ —

„און אין יעדען דור דארף דער אידישער מענטש זיך באטראכטען ווי ער אליין וואלט ארויס פון מצרים". —

ווארים פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען דערציילט דער פאטער זיינע קינדער. אינ'ם דאזיגען מאמענט איז ער ניט עפעס אן איינצעלנער, שוואכער איד, וואס לעבט זיך אפּ זיינע פאר יאר; ער איז דער פארטרעטער פון פאלק און דער וויטערדיגער טרעגער פון זיין נאציאנאלער געשיכטע; ער רעדט צו זיינע קינדער און ער דערוואַרט פון זיי די ערנסטע געהארכזאמקייט, וועלכע ניט ער, נאר דאס פאלק, וואס ג־ט האט ארויסגעצויגען פון מצרים, פאדערט פון זיינע מיטגלידער.

און ווי איז צו דעם שלעכטן קינד, וואס אין אט דער נאכט ווען דאס פאלק פון יוצאי מצרים רעדט צו אים, קערט ער זיך אפּ פון די אלע ג־טלעכע פארשריפטען און זאגט מיט שפּאט: „מה העבודה הזאת לכם?" וואס טויג אייך דאס אלץ? „אייך"? אים מיינט מען ניט! דערמיט האט ער זיך זעלבסט אויס־געשלאסען פון כלל־ישראל און כופר געווען אין וועזען פון אידענטום. מחמת דעם שליס אויך דו אים אויס! ווייל ס'שטייט געשריבען: בעבור זה, צוליב דער געהארכזאמקייט צו ג־ט, האט מיך ג־ט ארויסגעצויגען פון מצרים. מיך און ניט אים. ווען ער וואלט דארט געווען וואלט ער במילא ניט אויסגעלייזט געווארען. —

„ברוך המקום, ברוך הוא, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל, ברוך הוא. אלזא צוליב דער תורה, צוליב דער גרייטקייט אנצונעמען דאס געזעץ פון ג־ט, זיינען מיר אויסגעלייזט געווארען פון מצרים און פון א מחנה שקלאפען געווארען א פריי פאלק. ווער עס לייקענט אין ג־ט'ס געזעץ, דער פארדינט דעריבער ניט קיין חירות, דער איז ניט ווערט די פרייהייט.

וויסען זאלט איר — אט אזוי רופט דער גייסט פון יהדות אין דער סדר־נאכט: מיר זיינען ניט קיין פאלק ווי אלע פעלקער! ווי אזוי זיינען זיי אנט־שטאנען? זיי עקזיסטירען מיט די נאטירליכע געזעצען פון דער בריאה; זיי פארערען דעם באדען וואס גיט די פרוכט, די זון וואס לייכט זיי און די מוסקול־קראפט וואס באשיצט זיי. מיר אבער? אט זעט תרח'ן, דער פאטער פון אברהם און נחור. אויף יענער זייט פון גרויסען טייך פרת איז ער געזעסען. ער איז דארט פארבליבען מיט נחור און געטיילט דעם גורל פון אלע נאציעס. אברהם, אבער, אייער פאטער, האט ג־ט אוועקגענומען פון עבר־הנהר, אים אוועקגעפירט אינ'ם כנען־לאנד און פון זיינע אייניקלעך האט ער עשו'ן באזעצט אין הר־שעיר. דאגעגען יעקב'ן מיט זיינע קינדער האט ער געבראכט קיין מצרים. און בעת עשו'ס אייניקלעך האבען געהערשט אלס מלכים אין הר־שעיר, זיינען מיר אין מצרים געווען ניט מער ווי א רעכטלאזע שקלאפען־מאסע. מיר האבען זיך ניט געקענט העלפען און אליין באפרייען, לויט אלע נאטירלעכע געזעצען פון דער געשיכטע זיינען מיר געווען פאר'משפט פארשוואונדען צו ווערען. און דאן — „ונצעק אל ד' אלקינו", און „וישמע ד' את קולנו וירא את ענינו ואת עמלנו... ויוציאנו משם ביד חזקה ובזרוע נטוי".

אין מצרים זיינען מיר אן א לאנד און אן א מלוכה — בלויז דורך דער גרייטקייט אנצונעמען ג־ט'ס תורה — געווארען א פאלק, אן אייגנארטיג פאלק, א גוי קדוש, א ג־ט'ס פאלק. אונזערע חטאים האבען ביי אונז ווידער אוועקגע־

רויבט דאָס לאַנד און די מלוכה. און זינט דערמאָלט זייַנען אומאויפהערלעך, „בכל דור ודור אויפגעשטאַנען געגען אונז שונאים וואָס האָבען אונז געוואָלט פאַרניכטען — אָבער הקדוש ברוך הוא רעטעט אונז פון זייערע הענט”. —

דען כל זמן מיר האַלטען זיך אין ג־ט׳ס תורה — האָט ג־ט זיין הבטחה געגעבען צו אַברהם אָבינו: „והיא שעמדה לאבותינו ולנו”. און זי — איז עס וואָס איז שטענדיג אונזערע עלטערען און אונז בייגעשטאַנען. זי, די תורה, פירט אונז צוריק אין הייליגען לאַנד.

הללוי־ה! זינגט מיט דעם אידישען נאַציאָנאַל־הימן פון נעים זמירות ישראל. זינגט מיט דאָס ליד וואָס באַזינגט ג־ט׳ס הערשאַפט אין דער געשיכטע. די געשיכטע געהערט צו אונז און אַזוי אויך די צוקונפט. אין מצרים האָבען מיר באַזיגט דעם נסיון פון אונטערגאַנג און ביים באַרג סיני האָבען מיר באַקומען דעם אייביגען אור פון תורה, וואָס וואו מיר זאָלען ניט זיין, פירט עס אונז מעבדות לחירות, משעבוד לגאולה ומאפילה לאור גדול — הללוי־ה.

## ווען אידען פאַרגעסען...

### ויהי בשלח פרעה את העם וגו׳.

כי קרוב הוא. ער איז עפּעס נאָענטער אַ ביסעל צו אידען, קאָנען נאָך אידען אַ טעות האָבען און וועלען צוריק קיין מצרים.

ופרעה הקריב. ער האָט זיך געמאַכט דערנענטערן. און אידען האָבען אַ קורצען זכרון. חי זיי דערזען אַ שמייכעל פון אַ גוי פאַרגעסען זיי שוין באַלד פון דעם וואַרפען קינדער אין טייך, פון דעם איינמויערן זייערע קינדער, און זיי בענקען שוין צום גוי, כי טוב לנו עבוד את מצרים.

נאָר וואָס טוט דער אויבערשטער? האָט ער גענומען דעם עמוד הענן, ויבא בין מחנה מצרים ובין מחנה ישראל, אַ שוואַרצער וואָלקען האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישען מצרים און ישראל. ויהי הענן והחשך, און עס איז געוואָרען די גרויסע פינסטערניש פון די מצריים, ויאר את הלילה (לישראל, כפירש״י). האָט דאָס אידען פאַרלייכט די נאַכט און געעפענט זיי די אויגען אַז נישט דאָרט איז זייער אָרט. און דאָס איז דער סוד וואָס ולא קרב זה אל זה כל הלילה אין אַזאַ גרויסען גלות.

(הגאון ר׳ רפאל ראובן גראזאָווסקי, ז״ל)



# דער גאולה־יום־טוב פסח

• פון דר. נתן בירנבוים ז"ל

ואַפילו כולנו חכמים, כולנו נבונים, כולנו זקנים, כולנו יודעים את התורה, מצוה עלינו לספר ביציאַת מצרים, וכל המרבה לספר הרי זה משובח. ס'איז אַ מצוה צו דערציילען וועגען יציאַת מצרים, און ווער עס דערציילט אַ סך וועגען דעם, קומט אים דערפאַר צו לויבען.

וואָס הייסט אָבער דערציילען? צי מיינט עס טאַקע נאָר דאָס אויסרעכענען די ניסים און געשעענישען פון יציאַת מצרים, און אפשר נאָך געבען פירושים און זאָגען דרושים דערויף, אָדער צי מיינט עס נאָך עפּעס, און וואָס מיינט עס?

דעם ענטפער געפינט איר אין דער הגדה אָדער אין מחזור. ס'וואַרפט זיך אייך פשוט אין די אויגען, אַז וואָס עס זאָל זיך דאָרטען ניט אָנהויבען צו דער־ציילען וועגען די אַלטע צייטען, און וועגען די ישועות, וואָס זיינען אַמאָל געקומען אויף אידען, לאָזט זיך עס תמיד אויס מיט דער גרויסער ישועה, וואָס דערווייל איז זי נאָך ניט געקומען, מיט די צייטען, וואָס וועלען ערשט קומען — הלוואי במהרה בימינו; אַז וואָס עס הויבט זיך דאָרטען אָן מיט פסח־מצרים, ענדיגט זיך עס מיט פסח־לעתיד. איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז דערציילען וועגען יציאַת מצרים מיינט אויך דאָס דערמאָנען זיך אין דער גרויסער יציאָה, וואָס וועט זיין, דאָס האָפען אויף איר, דאָס גאַרען נאָך איר, דאָס קלערען וועגען איר און וועגען ווי אַזוי זיך צוגרייטען צו איר. און אויב אַזוי, איז דאָך קלאָר, אַז דאָס קען ניט זיין קיין טפל פון דער מצוה, נאָר אַז ס'מוז זיין אַן עיקר, — חוץ דעם שבח צום אויבערשטען, איר אינעווייניגסטער מיך.

אידען האָבען זיך פון תמיד אָן פאַרנומען מיט דער שאלה: „וואָס וועט דעמאָלט זיין?" אַפילו פרטים ווילען זיי וויסען, נאָר דער עיקר איז דאָך דער מהות. וואָס וועט זיין דאָס מהות פון פסח־לעתיד? צי וועט עס זיין דאָס אייגענע מהות, ווי פסח־מצרים, צי אַן אַנדערס? און אויב אַן אַנדער מהות, טאָ וואָס וועט זיין דער חילוק צווישן די ביידע פסחים?

כדי צו קענען פאַרענטפערן די דאָזיגע שאלה, דאַרפען מיר זיך קודם דערמאָנען, אַז פאַר פסח־מצרים איז געווען גלות מצרים, און פאַר פסח־לעתיד האָבען מיר ב"ה דאָס היינטיגע גלות, וואָס מיר לעבען אין אים אַצינד, — און מיר דאַרפען פאַרגלייכען די ביידע גלות'ן איינס מיט'ן אַנדערן. און אויב מיר נעמען זיך דערצו, זעען מיר קודם באַלד דעם חילוק, אַז דאָס גלות מצרים איז געווען אַ גלות ביי איין איינציגען פאָלק, אָבער אונזער היינטיג גלות, דאָס לאַנגע גלות, איז אַ גלות כמעט ביי אַלע פעלקער און כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט. ווייטער זעען מיר, אַז ווען אידען זיינען אַריינגעגאַנגען

אין גלות מצרים, זיינען זיי נאָך גאָר ניט געווען קיין פאָלק, נאָר אַ גרויסע משפחה, וואָס פון איר האָט ערשט געדאַרפט אויסוואַקסען דאָס פאָלק פונ׳ם באַרג סיני; אָבער ווען אידען זיינען אַריינגעגאַנגען אינ׳ם לעצטען גלות, אינ׳ם לאַנגען גלות, זיינען זיי שוין לאַנג געווען ג־ט׳ס פאָלק. און פון דיביידע חילוקים איז געדרונגען, אַז אויך דאָס מהות פון די ביידע גלות׳ן קען ניט זיין אײנגאַנצען אַלץ איינס.

אַנדערש מוז זיך אָפּרופען דאָס גלות אויף אַ פאָלק, וואָס איז שוין אַ פּאָר מאָל אַרויף־ און אַראָפּגעגאַנגען אויפן לייטער פון דער היסטאָריע, בפרט שוין געשטאַנען ביים באַרג סיני, וואָס האָט געזען דאָס בית־המקדש, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין לאַנד די הייליגסטע מענטשען פון דער וועלט, אָבער אויך פאַרפולט עס מיט זינד; וואָס איז שוין איינמאָל אַרויסגעטריבען געוואָרען, און איז צוריק נאָך אַ קורצער צייט, אָבער מער ניט דאָס אַלטע, ניט בנוגע צו גוטען, ניט בנוגע צו שלעכטס; וואָס איז דערנאָך דאָס צווייטע מאָל געשטאַנען ביי די חורבות פונ׳ם בית־המקדש און פון ירושלים — און אַנדערש ביי אַ פאָלק, וואָס אַריינגייענדיג אין גלות איז עס נאָך גאָר ניט געווען קיין פאָלק, נאָר אַ גרויסע משפחה פון אַמאָליגע פּאַסטוכער, אָן היסטאָריע, אָן סיני, אָן מצות און אָן עבירות, אָן אַ היכל ד׳ און אָן אַ חורבן. און ווייטער מוז זיין אַנדערש דער טעם און די פעולה פון אַ גלות אויף גאָר דער וועלט און צווישען אַלע פעלקער, פון אַ ללות פון מפוזר און מפורד זיין, און אַנדערש דער טעם פון די פעולה פון אַ גלות ביי איין איינציג פאָלק, אין איין איינציג לאַנד, פון גלות פון צו־נויפגעקוועטשט זיין. אַפילו די צרות פונ׳ם גוף מוזען זיין אַנדערע, מכל־שכן די צרות פון דער נשמה. אויב ס׳האָט זיך אפשר יאָ אַמאָל אַריינגעריסען צו יענע אַ שטיקעל נסיון פון דער פרעמדער קולטור, וואָס זיי זיינען געווען אַרומגערינגעלט פון איר, — וויפיל האָבען זיי דען געהאַט אָנצוואווערען, די בידנע טעמפּע עבדים, און געוועזענע פּאַסטוכער. היינט אָבער, אַז אונזערע מוחות זיינען אויסגעפיינערט און איבערגעשפּיצט, אַז אונזערע אויגען און אונזערע הערצער האָבען זיך אויסגעלערענט צו פאַרגלוסטען זיך נאָך יעדער הבל־הבלים, און ס׳רוקען זיך צו צו אונז ניט נאָר איין איינציג פרעמדשאַפט, נאָר אַ גאַנץ חייל פון פרעמדשאַפטען, היינט ווען עס וואַרפען זיך אויף אונז גאַנצע משאות און נסיונות — האָבען מיר דאָך יאָ עפּעס אָנצוואווערען: אונזער אַלטען, אייביגען אמת — איז דאָך אַ געוואַלד, איז דאָך אַ וועלט מיט ווייטאָג.

אַ כלל, ס׳קען ניט זיין קיין שום ספק, אַז אַזוי ווי די אַריינגייערס אינ׳ם גלות מצרים זיינען געווען אַנדערש פון די אַריינגייערס אינ׳ם לאַנגען גלות, וואָס אין אים געפינען מיר זיך נאָך עד־היום — אַז פונקט אַזוי פאַר־שיידען זיינען אויך די יסורים און די צרות, וואו די איינע און די אַנדערע האָבען זיך אָנגעליטען, און אַז פונקט אַזוי פאַרשיידען זיינען די מהות׳ן פוןביידע גלות׳ן. דערפון איז אָבער ווידער געדרונגען, אַז ניט נאָר די אַרויסגייער וועלען זיין פאַרשיידען — דאָס זעט מען דאָך באַשיינפּערליך, מיר וועלען מער קיינמאָל ניט ווערען די, וואָס מיר זיינען געווען ביי יציאַת מצרים — נאָר אַז אויך דאָס, וואָס ס׳וועט זיין מיט אונז נאָכ׳ן אַרויסגיין פונ׳ם לאַנגען גלות, וועט זיין פאַרשיידען פון דעם, וואָס איז געווען מיט יענע, ווען זיי זיינען אַרויס־געגאַנגען פון מצרים.

פאַרשטייט זיך, אין פּרינציפּ וועט ניט זיין קיין שינוי. אויב די נאַציאָנאַ־ליסטען מיינען, אַז מיט יענע איז גאָר ניט געווען, נאָר זיי זיינען אַ פריי פאָלק געוואָרען אין זייער אייגען לאַנד, איז עס נאָר די העלפט פונ׳ם אמת, ווייל אַ חוץ דעם האָט זיך דאָך געטראָפען נאָך עפּעס אַ קלייניגקייט: מתן־תורה! דאָס פאָלק איז ניט נאָר אַריינגעפירט געוואָרען אין זיין ניי לאַנד־היים, נאָר אויך — און אַפילו נאָך פריער — אין זיין נייער רוחניות׳דיגער היים. און דווקא אָט די נייע, רוחניות׳דיגע היים איז געווען דער עיקר־מיין פון יציאַת מצרים. און פונקט אַזוי, ווען ס׳וועט אַמאָל קומען דער גרויסער טאָג און נאָכ׳ן לאַנגען גלות וועט בלאָזען שופר של משיח, וועלען מיר, פאַרשטייט זיך, ווידער ווערען אַ פריי פאָלק אין אונזער אייגען לאַנד, נאָר ווידער וועט נאָך עפּעס זיין דערביי, ווידער אַ קלייניגקייט, ווידער אַ מתנה דער וועלט, פונ׳ם רבונו־של־עולם — ווידער אַ רוחניות׳דיגע וועלט־באַנייאונג און ווידער וועט דווקא דאָס זיין דער עיקר־מיין פון דער גאולה.

נאָר עפּעס אַנדערש וועט עס זיין ווי מתן־תורה (קיין צווייטע תורה וועט דער אויבערשטער ניט אַוועקגעבען), אַ המשך וועט דאָס זיין. און אַזוי ווי מיר זיינען, אַריינגייענדיגע אינ׳ם לאַנגען גלות און אַרויסגייענדיגע, גרעסער פון יענע אַריינגייער און אַרויסגייער, און אַזוי ווי די וועלט איז גרעסער ווי איין איינציג לאַנד, און אַזוי אויך אונזערע גלות־צרות, און דער עיקר, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט אונז מבטיח געווען אַרויף און ניט אַראָפּ — וועט עס זיכער זיין אַ המשך, וואָס פירט נאָך אַ מדרגה העכער, צו דער העכסטער מדרגה, וואָס מענטשען קענען דערגרייכען צו איר. דער רעכטער זיווג וועט עס זיין, ווי דער דובנער מגיד זצ״ל האָט עס אָנגערופען אין איינעם פון זיינע שענסטע משלים, און דער פריערדיגער זיווג וועט נאָר זיין געווען אַ הכנה דערצו. די אמת׳ע גאולה וועט עס זיין, לויט ווי אונזערע נביאים האָבען זי געמאָלט מיט זייערע שטאַרקע, אייביגע ווערטער, אַ גאולה פאַר אידען און פאַר דער גאַנצער וועלט, אַ באַגליקען דאָס אידישע פאָלק מיט הייליגקייט פרייהייט און כבוד און אַן אויסטיילען נייע הערצער צו אַלע מענטשען.

אָט דאָס איז די גאולה, וואָס דאָס דערמאָנען זיך אין איר, דאָס האָפען אויף איר און קלערען ווי אַזוי זיך צוגרייטען צו איר, גייט אַריין אין דער מצוה, צו דערציילען וועגען יציאַת מצרים, און וואָס איז דער אינעווייניגסטער מיין פון דער דאָזיגער מצוה — אָט דאָס איז די גאולה פונ׳ם גאולה־יום־טוב פסח.



# דער זון־אויפגאַנג

פון דר. עמנואל קאַרלעבאַך ז"ל

**א**ויף דעם אידישען פאָלק איז געקומען דאָס גרעסטע נאַציאָנאַלע אומגליק. צום צווייטען מאָל איז געשטאַנען זיין בית־המקדש אין פלאַמען, ירושלים איז חרוב געוואָרען, דאָס אידישע לאַנד פאַרוויסטעט, און דאָס פאָלק — אַרויס־געשטויסען געוואָרען אין עלענד, נאָך שרעקליכע יסורים. אין איין וויסטען ווינקעלע, אינ'ם קליינעם נעסט בני־ברק, האָבען זיך אָפּגעשטעלט אייניגע אידישע גבורים. ס'איז געקומען דער יום־טוב פסח, מיט אַ האַרץ פול טרויער, מיט אַ געדריקטען געמיט, אַ געבויגטען גייסט און געדאַנקען פול דאגות, קוקענדיג אין דער טריבער צוקונפט, וואו זיי האָבען פאַר זיך קיין שום טרייסט נישט געזעהן, האָבען זיי ערוואַרטעט דעם נאָענטען יום־טוב. און אָט זיינען זיי, די דעמאָלטיגע גדולי התורה, געזעסען צוזאַמען אין שטענדיגער מורא פאַר רוים'ס גרויזאַמע און האַרצלאָזע כאַפּער; עלענד זיינען זיי געווען, פאַרביטערט און פאַריאָמערט און געשטאַנען איז פאַר זיי דער „לחם־עוני" און דער „מרור". פאַר זיי זיינען די דאָזיגע זאַכען נישט געווען קיין סימבאָל, נישט בלויז אַ זכר. ניין, דאָס איז געווען די רויע ווירקליכקייט, דאָס טרויעריג־ערנסטע לעבען.

און אָט האָבען זיי זיך פאַרטיפט אינ'ם סיפור פון יציאת מצרים, כדי אָפּצוגעבען אַ שבח צום אויבערשטען, וועלכער האָט מיט טויזענטער יאָר פריער אָפּגעהיט זיין פאַרקנעכטעט און גע'רודפ'ט פאָלק, אין מיטען דער נאַכט האָט ער צעריסען זיינע שקלאַפען־קייטען און געשענקט יעקב'ס משפחה די פרייהייט.

אָבער וויפיל זיי האָבען די גאַנצע נאַכט גערעדט וועגען דעם און געשמועסט צווישען זיך וועגען די ג־ט'ליכע נסים ונפלאות אין יענער צייט; ווי שטאַרק זיי האָבען אויך געשעפּט טרייסט פאַר זיך און פאַרן פאָלק אין די געשעענישען פון די גרויסע אומפאַרגעסליכע מעשים, און האָבען זיך געשטאַרקט מיטן בטחון און מיט דער האָפענונג, אַז אויך פאַר זייערע יסורים וועט געשטעלט ווערען אַ גרעניץ און אַ סוף — האָט עס דאָך פאָרט נישט געקאָנט דערוואַרימען, ווי געהעריג, זייערע הערצער און באַלייכטען פאַר זיי די אַרומיגע פינסטערניש, ווייל צו־גרויס איז געווען זייער יאָמער און צו־פינסטער די נאַכט פון זייער אומגליק.

און אָט האָט זיך געעפענט די טיר און עס זיינען אַריינגעקומען — די תלמידים: יונגע קינדערלעך, עלטערע און דערוואַקסענע בחורים; אויך אויף

זייערע פּנים׳ער האָט די פּורכטבאַרע נויט געלייגט איר חתימה, אָבער פון־דעסטוועגן האָבען זייערע אויגען געלויכטען און מיט אַ קוק פון יראת־הכבוד האָבען זיי געקוקט אויף זייערע רביים און לערער. און ווען די רביים האָבען זייערע תלמידים דערזעען, די גדולים האָבען באַמערקט די קטנים, איז פּלוצלונג פאַרשוואונדען געוואָרען יעדער קימער, יעדע זאָרג און יעדער יאוש. כל זמן נאָך דאָס מויל פון די קינדער האָט געלאָזט הערען די ווערטער פון דער תורה, כל זמן ס׳האָט נאָך פון זייערע ליפּען געשטראָמט די ג־ט׳ליכע תורה און דער געדאַנק פון די בחורים איז צוגעוועבט געווען דעם לימוד התורה הקדושה, איז דאָס פאָלק ישראל נאָך נישט געווען פאַרלאָזען, און אַ גליקליכע צוקונפט, אַ שענערער שיקזאַל איז געווען פאַר אים געזיכערט.

„עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם״ — דאָס ערשיינען פון די תלמידים האָט געבראַכט די בשורה די רביים: עס ווערט טאָג, עס מוז טאָג ווערען, ס׳פאַר־שווינדט די נאַכט, די זון שטייגט אויפן הימעל אַרויף, און מיר וועלען ווידער לויבען דעם רבונו של עולם און זאָגען פאַר אים „הלל״, אונטער דער זון פון אַ נייעם, שענערען טאָג.



אַן אַלטע האַנט־געשריבענע הגדה פון דער קאַאיראָ גניזה

# די עטישע באַדייטונג פון פסח

• פון דר. י. וואָלגעהמוט ז״ל

ווען דאָס אידישע קינד הויבט־אָן צו סימאביזירען קריאת־שמע, לייענט ער צום סוף דעם זאַץ: „איך בין דער אייביגער, דיין ג־ט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים״. ביי יעדער אונזער תפילה דערמאָנען מיר קודם־כל די גאולה פונ׳ם אַלטען בית עבדים, פון עגיפּטען. אין די תפילות פון שבת ויום־טוב, ביי קידוש, גיבען מיר תמיד צו דעם „זכר ליציאת מצרים״. ווען די תורה הקדושה דערמאָנט די איסורים פון מאכלות אסורות און פון פראָצענט־נעמען (ויקרא י״א; שם כ״ה), גיט זי צו די ווערטער: „איך בין דער אייביגער, דיין ג־ט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים!״

מיר זעען אַלזאָ, אַז דאָס געשיכטליכע געשעעניש, אַ דאַנק וועלכער מיר פייערען דעם יום־טוב פּסח, האָט אין דער אידישער געשיכטע, אין דער אידישער תורה און בכלל אינ׳ם גאַנצען מהות און וועזען פון אידענטום, באַקומען אַזאַ קאָלאָסאַל־הויכע באַדייטונג, אַז כמעט ביי אַלע רעליגיעזע מאָמענטען ווערט באַ־טאָנט אָט די „יציאת מצרים״. אונז טיילען שוין היינט אָפּ פון יענער היסטאָ־רישער געשעעניש העכער דריי טויזענט יאָר און נישט איין לייכטזיניגער פון אונזערע רייען מאַכט חוזק, צוזאַמען מיט יענעם גרויסען דיכטער, מיט יענעם „בן סורר״, „בן הרשע״ פון אונזער פאָלק, איבער די אידען, וואָס מורמלען ביי דער הגדה וועגען עפּעס שטראָף־געריכטען איבער אַ פאָלק, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוואונדען . . .

ס׳איז ניט לייכט אויפצוקלערן דעם מאָדערנעם „בן הרשע״ די טיף־הימלישע באַדייטונג פון „זכר ליציאת מצרים״. גיט בחנם פרעגט ער זיינע קשיות. זיין אידישער מח איז פאַרטעמפּט געוואָרען און זיין נשמה פאַראומ־רייניגט געוואָרען פון גוישע באַגריפען און פון אַ גוישען בליק אויף דער וועלט. לאָמיר־זשע היינט פּרובירען צו רעדען וועגען פסח אין זיין טערמי־נאָלאָגיע, און אין זיין שפּראַך אים באַווייזען די באַדייטונג פון „זכר ליציאת מצרים״. לאָמיר אים באַווייזען ווי אַזוי די גאולה פון עגיפּטישען בית עבדים האָט אונז באַשאָנקען מיט צוויי גרויסע מתנות וואָס זיינען מן הסתם אויך אָנגע־נומען ביי אים: ליבע צו פרייהייט און מיטלייד צום אונטערדריקטען.

מ׳באַגייט אַ גרויסען פעלער, ווען מ׳וויל פאָרשטעלען דאָס אַמאָליגע מלכות יהודה וישראל לויט דעם אַרט פון די אַזיאַטישע דעספּאָטען־מלוכות, אַ שטייגער ווי די אידישע מלכים האָבען, ווי די טיראַנען אין בבל און אַשור, אין פּרס און מדי, זייערע אונטערטעניגע מאַסען גאַנץ ווילקירליך געדריקט. דאָס איז אָבער אַ פאַלשע מיינונג. נאָכ׳ן טויט פון שלמה המלך זיינען די פירער פון די צען שבטים געקומען צו זיין זון, רחבעם, מיט דער פאָדערונג: „פאַרלייכטער אונז דעם שווערען יאָך און דעם האַרטען דינסט וועלכען דיין פאָטער האָט אויף אינז אַרויפגעלייגט, און דאַן וועלען מיר זיין דיינע אונטערטאַנען״. רחבעם האָט דאַן אַן עצה געהאַלטען מיט די זקנים, וועלכע האָבען אים געראָטען, אָפּצו־

ענטפערען אַ פריינטליכען ענטפער. ער האָט אָבער נישט געפאָלגט די דאָזיגע עצה און זיך געווענדעט צו זיינע יונגע חברים, לויט וועמענס עצה ער האָט געענטפערט דעם פאָלק: „מיין קליינער פינגער איז דיקער פון מיין פאָטערס לענדען. מיין פאָטער האָט אויף אייך אַ שווערען יאָך אַרויפגעלייגט, איך וועל אים נאָך שווערער מאַכען; מיין פאָטער האָט אייך מיט ריטער געשמיסען, איך וועל אייך שמייסען מיט אײדעקסען!" נאָר אָט האָט זיך אויפגעהויבען דער פאָלקס־שטורעם געגען רחבעם׳ען, און דער ענטפער האָט אים געקאָסט מער ווי צוויי־דריטעל פון זיין מלוכה.

אָט ווי שטאַרק ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען די פרייהייטס־ליבע אינ׳ם אידישען פאָלק. אמת, נאָכהער איז געקומען בבל און מיט זיין איבערמאַכט פאַרניכטעט די הערליכקייט פון דער אידישער מלוכה; נאָך שפּעטער האָט רוים מיט זיינע לעגיאָנען דורכגעזאָפּט דעם ארץ־ישראל־באָדען מיט אידיש בלוט; שפּעטער, אין מיטעל־אַלטער, זיינען די אידען געיאָגט און געפּלאָגט געוואָרען. פיל רדיפות זיינען מיר אויסגעשטאַנען אויך אין דער נייער צייט און הויפּטזעכליך אין די מזרח־לענדער. דאָך פון בבל איז דאָס אידישע פאָלק צוריקגעקומען אין זיין היימלאַנד. מיט רוים האָבען די אידישע העלדען געפירט די העפטיגע מלחמה, און אויך אין מיטעל־אַלטער און אין דער נייער צייט, וואו די אידען האָבען נאָר געהאַט די מעגליכקייט, זיינען זיי געווען די ערשטע פרייהייטס־קעמפער. דאָס איז ניט קיין צופאַל.

מיר האָבען דאָ נישט בדעה צו פאַרהערליכען די רעוואָלוציאָנערע גייסטער און באַוועגונגען; איז דאָך עס איינס פון אונזערע אַלטע לער־זאַצען: „ירא את ה׳ בני, ומלך, ועם שונים אל תתערב!" דאָך קען מען עס נישט פאַרלייקענען, אַז פיל פון אונזערע ברידער האָבען אינ׳ם קאַמף פאַר דער פרייהייט פיל געליטען און געאָפּפערט זייער לעבען. ווייל פון יציאת־מצרים־אָן ליגט אינ׳ם אידישען פאָלק איינגעוואָרצעלט די טיפע ליבע צו פרייהייט. מעגליך, אַז די דאָזיגע קעמפער ווייסען אַליין נישט וועגען זייער אָפּשטאַמונג פונ׳ם אידישען פאָלק, אָבער די ליבע צו פרייהייט איז ביי זיי בירושה איינגעוואָקסען טיף אין דער נשמה.

און די צווייטע מתנה, מיט וועלכער דער „זכר ליציאת מצרים" האָט אונז באַשאָנקען, איז דאָס מיטליידס־געפיל צום אונטערדריקטען. ביים געבאָט פון שמירת־שבת ווערט געזאָגט אין דער תורה: „למען ינוח עבדך ואמתך", צוגעבענ־דיג דערביי: „געדענק אַז ביזט אַ קנעכט געווען אין לאַנד מצרים און דיין ג־ט האָט דיך פון דאָרט אַרויסגעפירט!" און אויך דאָרט, וואו ס׳ווערט אויסגעדריקט דער פאַרבאָט נישט צו פאַרשאַפען קיין עגמת־נפש דעם פרעמדען, ווערט צוגע־געבען דער מאָטיוו: „איר קענט דאָך די נשמה פון פרעמדען, וואָרום פרעמדע זענט איר זעלבסט געווען אין מצרים. טו נישט קיין אומרעכט דעם פרעמדען און דעם יתום, נעם נישט פאַר אַ משכון דאָס בגד פון דער אלמנה! געדענק, אַז ביזט אַ קנעכט געווען אין מצרים, און ג־ט, דיין האַר, האָט דיך פון דאָרט אויסגעלייזט; דעריבער הייס איך דיך, דו זאָלסט דאָס דאָזיגע געזעץ ערפילען!"

אַלע אַנדערע פעלקער באַרימען זיך נאָר דערמיט, וואָס זיי זיינען קיינמאָל אין גלות נישט געווען, זיינען שטענדיג אויף זייער אייגענעם באָדען געזעסען; נאָר דאָס פאָלק ישראל אַליין באַטאָנט, אַז זיין עקזיסטענץ אַלס פאָלק האָט עס כלל נישט צו פאַרדאַנקען זיין אייגענער קראַפט, נאָר בלויז דעם חסד און דער

השגחה פון ג־ט. „ארמי אובד אבי!״ און איבעראל ווערט דערמאנט, אז מיר זיינען אין בית־עבדים געווען. דאס דאזיגע דערמאנען האט באמת די טייערסטע פרוכטען ארויסגעגעבען.

אונזערע חכמים ז״ל באצייכענען די נאציאנאלע אייגענשאפט פון אידישען פאלק אלס „רחמנים בני רחמנים!״. בשעת אחאב מלך ישראל האט געפירט מלחמה מיט הדד מלך ארם, וועלכער איז פון דער אידישער ארמיי ארומגע־רינגעלט געווארען, האבען זיינע אראמעאישע לייט געזאגט צו אים: „מיר האבען געהערט, אז די מלכי־ישראל זיינען בארעמהערציג, לאמיר גיין צו אים, ער וועט דיך לאזען לעבען!״. „לא תונו את הגר!״ איז איינע פון די הויפט־לערעס אין אידענטום און איז שטענדיג בפועל ערפילט געווארען. „איר זאלט דעם פרעמדען קיין עגמת נפש נישט פארשאפען, ווייל איר זעלבסט זענט פרעמדע געווען אין לאנד מצרים!״

די ליבע צו פרייהייט און דאס רחמנות־געפיל צו אונטערדריקטע, זיינען צוויי מדות, וואס מיר האבען זיך ערווארבען א דאנק דער אומאויפהערליכער ערינערונג אין יציאת מצרים. דאך, כדי די דאזיגע אידעען זאלען שטענדיג אין אונז לעבעדיג זיין, מוזען מיר אט די ערינערונג נאך היינט אין אונזער נשמה אויפפרישען. קודם־כל טוען מיר עס דורך סימבאלישע טאטען, ערפי־לענדיג די אלע פארשריפטען, וואס דערוועקען אין אונז די דאזיגע ערינערונג. און מחמת דעם, „וכי יאמרו אליכם בניכם, מה העבודה הזאת לכם״, ווען א ג־ט־לאזער דור וועט אייך פרעגען, צו וואס טויג די גאנצע ארבעט? וואס פאר א באדייטונגען האט דער סדר מיט אלע זיינע, פאר אים־אומפארשטענדליכע צערעמאניעס? — זאלסטו ענטפערן: „זבח פסח הוא לד׳״ — ס׳איז נאך היינט א פסח־יום־טוב פאר ג־ט; פון די דאזיגע צערעמאניאלע פארשריפטען שטראמט נאך היינט א פריש לעבען, טיפע געפילען און עמפינדונגען, וואס זיינען אויך פאר דער מענטשהייט א קוואל פון ערהאבענעם גליק און ברכה.

## די גדרים און סייגים פון פסח

דער יום־טוב פסח איז ארומגענומען מיט פיל גדרים און סייגים, פונקט ווי אין מצרים האבען אידען אפגעהיטען די גדרים און סייגים (שלא שנו שמם, שלא שנו לשונם, שהיו גדורין מן העריות), כאטש די גופי תורה האבען זיי נישט געהיטען (הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה הפרו ברית מילה), און אינ׳ם זכות פון אט די סייגים און גדרים זיינען זיי געווארען אויסגעלייזט.

דער קיום פון אידען אין גלות, אז זיי זאלען נישט אסימילירט ווערען צווישען די ארומיגע פעלקער, איז נאר א דאנק די גדרים און סייגים וואס פארשטארקען זייער אפגע־זונדערטקייט. און אין גלות בבל, כאטש די אידען האבען געהאלטען די גופי־תורה, נאר זיי האבען נישט געהאלטען די גדרים, זיי האבען געענדערט די שפראך — „היו בניהם מדברים אשדודית״ און געענדערט די נעמען, זיינען זיי צוגעקומען צו א געוואלדיגער אסי־מילאציע, גענומען נשים נכריות און זיך איינ־גאנצען אויסגעמישט מיט די גויי־הארצות.

דאס איז דער כח פון די אידישע סייגים און גדרים וואס דערהאלטען דאס אידישע פאלק און ברענגען אים די גאולה.

(משך חכמה)

[פונ׳ם תורה־קוואל]



# דער סדר

## (אויסצוגען פון „תורה-קוואַל")

• פון ר' אלכסנדר זושא פרידמאַן ז"ל

### ס ד ר

פאַרוואָס רופט מען די נאַכט פון פסח „סדר" ?

צו ווייזען, אַז אפילו נסים און נפלאות וואָס מען טוט פון הימעל, זיינען אויך אַ ספּעציעלע הנהגה מיט אַ געוויסען סדר און אָרדענונג, נישט קיין צופעליגקייטען. פונקט ווי די טבע האָט אַ סדר, אַזוי אויך די נסים וואָס זיינען העכער פון דער טבע — האָבען אַ סדר. (חידושי הרי"ם ע"פ המהר"ל)

כאָטש די אידען אין מצרים זיינען נישט ראוי געווען צו דער גאולה, האָט זיי השי"ת דאָך אויסגעלייזט, צוליב די מצוות וואָס זיי וועלען שפּעטער מקיים זיין, ווי דער פסוק זאָגט: בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים — זאָגט דאָרט רש"י: בעבור שאקיים מצוותיו כגון פסח מצה ומרור הללו... (שמות יג, ח).

קומט דאָך אויס, אַז די גאולה פון מצרים, וואָס איז דעמאָלט, בשעת מעשה, געווען „בחפזון" — אין איילעניש, אָן אַ טעם און אָן אַ סדר, באַקומט אָבער יעדעס יאָר, ווען אידען זיינען מקיים די מצוות פון פסח מצה ומרור, דעם געהעריגען טעם און געהעריגען סדר. יעדען פסח, וואָס מער אידען זיינען מקיים די מצוות, אַלץ מער ווערט מסודר דער ענין פון יציאת מצרים.

הייסט דעריבער די נאַכט — אין וועלכער מען איז מקיים די דאָזיגע מצוות — „סדר".

(שפת אמת)

ס'איז אַ מנהג ישראל אָנצוטאָן אַ קיטעל צום סדר.

ווייל אין דער דאָזיגער נאַכט דערגרייכט יעדער איד צו דער מדרגה פון כהן־גדול ווען ער איז אַריינגעגאַנגען יום־כיפור לפני ולפנים צו טאָן די עבודה. טוט מען דעריבער אָן אַ ווייס מלבוש, פונקט ווי דער כהן־גדול אין יום־כיפור האָט געטאָן די עבודה בבגדי לבן.

(לויטן מהר"ל)

### קדש ורחץ

דער נאָרמאַלער סדר פון עבודת השם איז: „סור מרע ועשה טוב". דעריבער דאַרף מען זיך פריער אָפּוואַשען פון שלעכטס און דער־נאָך קען מען זיך ערשט מקדש זיין — וטהרו וקדשו...

ביי יציאת מצרים האָט אָבער השי"ת נישט געוואַרט ביז אידען וועלען זיך הייליגען און ווערט זיין די גאולה, נאָר ער האָט זיי אויס־געלייזט און מקדש געווען איידער נאָך זיי האָבען זיך געהאָט אָפּגערייניגט פון טומאת מצרים — בחפזון.

דעריבער איז פסח דער זמן וואָס אַ איד קען צוקומען צום „קדש" נאָך פאַרן „ורחץ" — ער קען אָנהויבען ביים „עשה טוב" און דאַדורך ווערען אַ „סור מרע"...

(הגה"ק בעל אבני נזר ז"ל מסוכטשוב)

### כרפס יחץ

אויב דו וועסט דיך באַגנוגענען מיט עסען ירקות און נישט יאָגען זיך נאָך לוקסוס און טייערע מאכלים, וועסטו ממילא זיך קענען טיילען דיין ברויט מיטן אָרימאַן.

די מענטשען וואָס לעבען אין ברייטקייט און אין לוקסוס, איז פאַר זיי אַלץ ווייניג און קענען נישט ביי זיך פועל'ן צו געבען עפּעס פון זייערס אויך דעם אָרימאַן.

(לויטן אלשיך)

### יחץ

דעריבער צעברעכט מען די מצה, ווייל זי איז „לחם עוני" און „דרכו של עני בפרוסה",

אַן אָרימאַן עסט צעבראָכענע שטיקלעך.

מען איז בײַ זיך צעבראָכען אויף שטיקלעך, מען פילט זיך אָרים, אַז מען פאַרמאָגט גאָרנישט, נאָר מען קוקט אויס נאָך די הילף פון הימעל. עינינו אל ה׳ אלקינו עד שיחננו...

(שם משמואל)

## מגיד רחצה

נישט בלויז מען דאַרף זיך אַליין אָפּוואַשען פונם שלעכטס, נאָר מען דאַרף אויך אַנדערע ברענגען צו תשובה. מען דאַרף זאָגען צו אַנדערע, אַז מען דאַרף זיך אָפּוואַשען און מטהר זײַן. (אלשיך)

## מוציא מצה

פון די מצה קען מען אַרויסנעמען קדושה אויפן עסען פון אַ גאַנץ יאָר. מען קען מוציא זײַן קדושה פונם עסען די מצה.

(ישמח ישראל)

## מצה מרור

כאָטש מרור דאַרף דאָך זײַן פריער, פונקט ווי דער עינוי איז געווען פאַר די גאולה, עסט מען אים דאָך שפּעטער. ווײַל די טבע פון מענטש איז, אַז נאָכדעם ווי ער ווערט געהאָלפען פאַרגעסט ער די פריערדיגע פּיין און ביטערניש. זאָגט מען אים, אַז נאָך די מצה, וואָס איז מרמז אויף חירות, זאָל ער זיך אויך דערמאָנען אין מרור, כדי מען זאָל אים נישט דאַרפען דערמאָנען פון הימעל...

(אחד מגדולי המוסר)

## מצה מרור כורך

מצה איז מרמז אויפן יצר־טוב, מרור איז מרמז אויפן יצר־הרע. מען דאַרף צוזאַמענעמען דעם יצר־טוב מיטן יצר־הרע צו עבודת ה׳ — בכל לבבך, בשני יצריך ביצר הטוב וביצר הרע. (אלשיך)

## שלחן עורך

אויב אַ איד עסט בקדושה לשם שמים, הייסט זײַן טיש אַ מזבח און זײַן עסען אַ קרבן פאַר השי״ת. ווען אָבער פאַרקערט, איז עס זבחי מתים און עס גיט צו כחות דער סטרא אחרא.

זה השלחן אשר לפני ה׳ — ווען מען עסט לפני ה׳ איז דער טיש אַ „שלחן״. ווען ס׳איז אָבער בלויז לשם תאוה, ווערט דער שלחן איבערגעקערט. פון די אותיות „שלחן״ ווערט „לנחש״.

„שלחן עורך״ הייסט, אַז דער שלחן זאָל זײַן אַ גלייכגעשטעלטער, אַ געאָרדענטער, נישט חלילה אַ פאַרקערטער...

(הה״ק מאלכסנדר ז״ל לויטן עבודת ישראל)

## צפון

מען באַהאַלט דעם אפיקומן ביז נאָך דער סעודה.

דאָס איז אַ רמז, אַז דאָס נס פון יציאת מצרים איז געווען אַ הכנה צו אַלע שפּעטערדיגע גאולות און וועט ערשט נגמר ווערען בײַ דער גאולה שלימה פון לעתיד. (דעריבער זאָגט מען נישט גאַנץ הלל אין אַלע טעג פון פסח, ווײַל די גאולה פון יציאת מצרים איז נאָך נישט פאַרענדיגט...). אין יעדען דור ווערט די גאולה נענטער צום גמר ביז לעתיד.

באַהאַלט מען דעריבער אַ שטיקעל מצה אויף שפּעטער, צו ווייזען, אַז די ריכטיגע גאולה איז נאָך באַהאַלטען און וועט ערשט שפּעטער פאַרענדיגט ווערען. (שפת אמת

## הלל

פאַר דער סעודה הויבט מען אָן צו זאָגען הלל, אין מיטען עסט מען די סעודה און נאָך דער סעודה פאַרענדיגט מען דעם הלל.

דאָס עסען אַליין דאַרף אויך זײַן אַ הלל צו השי״ת, איז עס ממילא נישט קיין הפסק...

(בשם אדמו״ר מגור זצ״ל)

ענליך זאָגט מען נאָך פון פאַרצייטישע צדיקים אויפן פסוק: והיה באכלכם מלחם הארץ תרימו תרומה לה׳ (במדבר טו, מט) — איר זאָלט אַזוי עסען דאָס ברויט, אַז דאָס עסען אַליין זאָל זײַן ווי געבען אַ תרומה פאַר ג־ט...

## הלל נרצה

ווען אַ פאָטער איז ברוגז אויף זײַן קינד און לאָזט זיך נישט איבערבעטען, גיט זיך דאָס קינד אַן עצה און דערציילט פאַר אַלע כסדר נאָר די שבחים און די מעלות פונם פאָטער. דער פאָטער דערזעט אַז אַנשטאָט תרעומות צו האָבען, האַלט אים דאָס קינד אין איין רימען, ווערט ער ווייך און בעט זיך איבער מיט אים.

מיר וועלען השי״ת אַזוי לאַנג רימען און

זאָגען הלל ביז — נרצה — ער וועט זיך לאָזן איבערבעטען... (אבני אזל)

## סיפור יציאת מצרים

פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין ברכה פאַר דער מצוה פון סיפור יציאת מצרים, פונקט ווי מען מאַכט אַ ברכה פאַר יעדער מצוה (כל המצוות מברך עליהן עובר לעשייתן)?

די מפרשים דערקלערען, אַז דעריבער מאַכט מען נישט קיין ברכה אויף די מצוות שבין אדם לחבירו, ווי: צדקה, גמילות חסדים, בקור חולים, א. ד. גל., ווייל דאָס זיינען מצוות שכליות, וואָס דער מענטשליכער שכל פאַרשטייט אַליין אַז מען דאַרף אַזוי טאָן. קען מען דעריבער נישט זאָגען „אשר קדשנו במצוותיו וצונו", וואָרום קדושת ישראל קומט נאָר בולט צום אויסדרוק ביי אַזעלכע מצוות וואָס ווען נישט דער צווי ה' וואָלט מען זיי אַליין נישט פאַרשטאַנען.

אַז מען דאַרף לויבען השי"ת פאַרן נס פון יציאת מצרים, איז אויך אַזאַ פשוט'ע זאַך, אַז דער שכל פון געוויינליכסטען מענטש פאַר־שטייט עס. אַזוי ווי די חז"ל דערציילען: רב נחמן האָט געפרעגט זיין קנעכט דרו: אַ קנעכט וואָס זיין האַר לאָזט אים אַרויס פריי און גיט אים צו גאָלד און זילבער, וואָס דאַרף ער אים זאָגען? האָט דרו געענטפערט: ער דאַרף אים דאַנקען און לויבען. האָט רב נחמן געזאָגט: האָסט מיך שוין גע'פטר'ט צו זאָגען מה נשתנה (פסחים קטז) — ממילא איז עס אַ מצוה שכלית און מען דאַרף נישט מאַכען קיין ברכה אויף איר... (שפת אמת)

## כל המרבה לספר הרי זה משובח

דער סיפור יציאת מצרים בעסערט אויס דעם מענטש, דערהויבט אים און מאַכט אים איידעלער. וואָס מער ער דערציילט, אַלץ בע־סער ווערט ער... (ספרים)

דאָס ליגט אויך אין די ווערטער וואָס די חז"ל זאָגען: מתחיל בגנות ומסיים בשבח (מען הויבט אָן די הגדה „מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו" וואָס איז אַ גנות פאַר אידען און מען פאַרענדיגט מיטן לויב פון אידען). דער כח פון סיפור יציאת מצרים איז אַזוי גרויס, אַז אפילו ווען מען הויבט אָן צו זאָגען די הגדה איז מען אין אַ נידע־ריגען צושטאַנד, מען געפינט זיך אין אַ מצב מגונה, פאַרזיכערט מען אונז אַז ביים פאַר־ענדיגען וועט מען שוין זיין בעסער...

(הרה"ק מהרר"י מאלכסנדר זצ"ל)

הרי זה משובח איז דער טייטש: ס'איז אַ סימן, אַז ער איז שוין פריער אַ בעסערער מענטש. (דעריבער שטייט נישט „ראוי לשבחו" אָדער „ישובח", אַ לשון עתיד, נאָר „משובח", אַ תואר.)

דער קאָוונער רב הגאון ר' יצחק אלחנן ז"ל האָט עס מסביר געווען מיט אַ משל: אַ שיף האָט זיך אַמאָל געטרינקען אין ים און ס'האָט איר געדראָט אַ גרויסע סכנה. ווען די שיף איז ניצול געוואָרען פון געפאַר, האָט יעדער געלויבט השי"ת. דאָך פאַרשטייט מען, אַז אַנדערש איז געווען דער לויב פון די עשירים און אַנדערש אויך פון די אָרימע לייט. די לעצטע, וואָס זייער לעבען איז שטענדיג פול מיט יסורים, קען זייער לויב דאָך נישט זיין אַזוי גרויס ווי פון די עשירים, וואָס פאַר־ברענגען אַ גוט לעבען אין גליק און תענוגים.

ביי יציאת מצרים איז אויך די הילף גע־ווען אויף צוויי אופנים: איינער גאָר אַ פשוט'ער אופן, וואָס מען איז פריי געוואָרען פון קנעכטשאַפט און פון קערפערליכע פיין און דער צווייטער אופן אַ העכערער, אַ גייס־טיגער, וואָס מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער טומאה פון מצרים, פון גייסטיגער פאַר־שקלאַפונג און מיר האָבען זוכה געווען מקבל צו זיין די תורה, צו ווערען ג־ט'ס דינער און אַ הייליג פאָלק. דער פראָסטער מענטש וואָס פאַרשטייט נאָר צו דאַנקען פאַר דער קער־פערליכער באַפרייאונג, האָט ממילא נישט וואָס מאַריך צו זיין און מרבה צו זיין אין סיפור יציאת מצרים. דער וואָס איז אָבער יאָ מרבה לספר — איז עס אַ באַווייז אַז ער איז אַ משובח — אַ העכערער, בעסערער מענטש מיט אַ טיפערער הבנה אין תורה און אין אידישקייט, אַז ער פאַרשטייט צו לוי־בען, באַזונדער פאַר די גייסטיגע ישועה וואָס איז פאַרבונדען מיט יציאת מצרים. דעריבער וואָס מער איינער האָט זוכה געווען צו פאַר־שטיין די תורה, אַלץ מער מוז ער דאַנקען און לויבען צו השי"ת פאַר דעם נס פון יציאת מצרים. איז דאָך דער „מרבה לספר" אַ סימן אויפן מענטש, אַז — הרי זה משובח...

## מזכירין יציאת מצרים בלילות

אפילו מען געפינט זיך אין דער גרעסטער נאַכט־חושך און אין שפלות, זאָל מען זיך אויך נישט מייאש זיין, נאָר גלויבען, אַז מען קען דערהויבען ווערען פונם חושך און צו־ריקקומען צו עבודת השם. פונקט ווי די אידען אין מצרים, וואָס זיינען געווען משוקע

אין מ״ט שערי טומאה און דווקא אין די מינוטען פון גרעסטען שפלות איז געקומען די גאולה און זיי האָבען זוכה געווען צו ווערען עבדי ה׳... (ספרים)

## והיו מספרים ביציאת מצרים... הגיע זמן קריאת שמע של שחרית

די דאָזיגע צדיקים האָבען זיך אַזוי פאַרטיפט אין די נסים פון יציאת מצרים, אַז ס׳איז אַרום זיי געווען ליכטיג פונם זיו השכינה, אור פני מלך חיים (דעריבער בני־ברק — פון לשון: הרואה אומר ברקאי) און זיי האָבען לגמרי נישט געפילט קיין חילוק צווישען דער פינסטערניש פון דער נאַכט ביזן ליכט פון טאָג — ס׳איז כסדר געווען ליכטיג. האָבען די תלמידים דעריבער געמוזט דערמאָנען: הגיע זמן קריאת שמע של שחרית... (שבחא דמרא)

כאָטש די דאָזיגע צדיקים האָבען אַ גאַנצע נאַכט געווען עוסק אין יציאת מצרים און משיג געווען די גרעסטע השגות, זיינען זיי דאָך סוף כל סוף געבליבען שטיין ביי אמונה. ווייל זיי האָבען געזען, אַז דער מענטש קען נישט אַלץ משיג זיין. דאָס איז די כוונה: הגיע זמן קריאת שמע — ס׳איז שוין געקומען אַ מאָמענט וואָס דער מענטשליכער שכל קען ווייטער נישט גיין און מען מוז אָנקומען צו קריאת שמע — צו פשוט׳ע אמונה אין אחדות ה׳ און עול מלכות שמים... (שם משמואל)

## והגדת לבנך

די מצוה פון סיפור יציאת מצרים האָט די תורה בעיקר פאַרבונדען מיטן דערציילען צו די קינדער.

ווייל אידען זיינען דעמאָלט נתקרב געוואָרען צו דער קדושה און געוואָרען דאָס ג־ט־ליכע פאָלק, האָט מען זיי באַלד געלערנט, אַז דער יסוד פון אידישקייט איז בעיקר דער חינוך פון די קינדער, נישט צו באַגנוגענען זיך מיט דעם וואָס מען ווייסט אַליין, נאָר מען מוז עס אַריינברענגען אין די קינדער.

דעריבער האָבען די תלמידים געזאָגט: „רבותינו, הגיע זמן קריאת שמע״ — וואָרום ביי קריאת שמע, וואָס באַדייט קבלת עול מלכות שמים, שטייט אויך באַלד דער באַפעל „ושננתם לבניך״. זיי האָבען דעריבער איצט פאַרשטאַנען אַז ס׳קען נישט זיין קיין יציאת מצרים און קיין קבלת עול מלכות שמים אָן דעם „והגדת לבנך״ און „ושננתם לבניך״... (אבני אזל)

ביים סדר נעמט מען אָן ספעציעלע מיטלען און מען מאַכט היכרים, אַז די קינדער זאָלען פרעגען.

ס׳איז פיל בעסער, אַז דו זאָלסט זיי מעורר זיין אין דער היים, אַז זיי זאָלען דיך פרעגען, איידער זיי וועלען אַרויסגיין אין גאַס און אַנדערע זאָלען זיי מאַכען פאַר קשיא־פרעגער, דען דעמאָלט וועלען שוין דיינע תשובות נישט ווירקען... (אחד מגדולי המוסר)

אַז דער פאָטער איז אַ גוטער איד, ער איז מחבב די תורה און די מצוות און איז דאָ־דורך אַ גוטער ביישפיל פאַר די קינדער, וועט ער ממילא נישט שפעטער דאַרפען הערען די שאלה פון אַ בן רשע: „מה העבודה הזאת לכם״?

אויב ס׳איז פאַראַן אַ בן רשע, וועלכער פרעגט יאָ אַזעלכע שאלות, איז אַ סימן, אַז דער פאָטער איז שולדיג דערין. ער האָט זיך אַזוי געפירט אַז ער זאָל נישט זיין אַ גוטער מוסטער פאַר די קינדער און האָט זיך נישט געגעוג באַמיט אין זיי איינצופלאַנצען תורה און יראת שמים.

דעריבער זאָגט דער בעל הגדה: „ואף אתה הקהה את שיניו״ — דו ביסט עס שולדיג דערין, וואָס דו מוזט אים איצט קאַליע מאַ־כען די ציין, ווי דער פסוק זאָגט: „אבות אכלו בוסר ושיני בנים תקהינה״ — אַז די עלטערן עסען אומצייטיקע פרוכט, ווערען קאַליע די ציין פון די קינדער (ירמיה לא, כח).

ווען דער פאָטער איז נאָך אַ איד, וואָס איז אַ זהיר במצוות, פרעגט אים נאָך דער זון קשיות און מען קען אים זאָגען: ואתה הקהה את שיניו. אויב אָבער דער פאָטער איז שוין אַזעלכער וואָס פרעגט קשיות, וועט דער זון אים שוין נישט פרעגען, נאָר דעם פאָטער מקהה זיין די ציין... (בשם אחד מבעלי המוסר)

# „אַז דיין קינד וועט דיך פרעגן...״



• פון ר׳ יהודה לייב אָרלעאַן ז״ל

וועלכער פאָטער אָדער מוטער האָט עס ניט „אויסצושטיין״ פון די אָנצייליגע קידער־שאלות. פאַר רוב עלטערן זיינען די קינדער־פראַגען „פאַרוואָס״, „צו־וואָס״ און „ווי־אַזוי״ זייער ניט באַקוועם. „די קינדער זיינען שרעקליך נייגעריג, זיי ווילען צו־פיל וויסען, קינדער דאַרף מען אָפּגעוויינען פון שטעלען אַזעלכע שטייגער ׳שאלות״ — דאָס זיינען אַלץ טענות פון פיל עלטערן, וואָס ווילען באַרעכטיגען דערמיט זייער אָפּזאָג פון צו ענטפערן די פרעגענדיגע קינדער.

די פעדאַגאָגיק האַלט זיך אָבער ביי אַ פאַרקערטער מיינונג. דער בעסטער סימן אויף אינטעליגענץ איז — נייגעריגקייט. וואָס מער דאָס קינד איז אַנטוויקעלט, אַלץ גרעסער איז זיין אינטערעס און דראַנג צו וועלען וויסען און פאַרשטיין.

רעאַגירט ניט דאָס קינד אויף קיין זאַך, דאַרף מען ביי אים דעם נייגער ערשט וועקען. מ׳מוז דעם קינד צו דער שאלה צופירען. אָן דער שאלה, וואָס איז דער אויסדרוק פון זיין נייגעריגקייט, וועט די לערע ניט זיין דערפאָלגרייך. די פראַגע צעאַקערט פריער דעם באָדען, אויף וועלכען ס׳דאַרף זיך דערנאָך ערשט פונאַנדערבליען דער אונטעררייכטס־זאָמען.

פאַר אונז אידען איז אָבער אָט דער פרעג־מעטאָד ניט קיין נייע וויסענשאַפטליכע אַנטוויקלונג. דעם דאָזיגען מעטאָד האָט שוין די תורה געפאָדערט אָנצואווענדען אין דער דערציאונג. „והי׳ כי ישאָלך — ואמרת אליו״. ווען דאָס קינד וועט דיך פרעגען, ערשט דעמאָלט זאָלסטו אים דערציילען! „ושאינו יודע לשאול — אַת פתח לו״ — פרעגט ער ניט אַליין, רעג אים אָן צו דער שאלה! וואָרים אָן דער פראַגע, איז דאָס קינד ניט גענוג אויפנאַמס־פעאיג פאַר דער שפעטערדיגער לערע.

און מערקווירדיג. גראַדע דער דאָזיגער פרעג־מעטאָד, וואָס ווערט דורך דער תורה באַשטימט, אַלס דער יסוד אין דער דערציאונג, ווערט גאָר על־פי רוב, ביי רעליגיעזע אידען„ באַטראַכט אַלס שעדליך. דאָס קינד מוז דאָך פאַר זיך האָבען אַן איינהייטליך וועלט־בילד. די פראַגע ווידער ביים קינד אַנטשטייט אַלס רעזולטאַט פון אַ באַמערקטער סתירה אין דער וועלט. היינט־זשע ווער נאָך, ווי דאָס אידישע קינד, טרעפט זיך אָן מיט אַזוי פיל סתירות אין

דער וועלט און אין לעבען. ניט ווייט דאַרף דאָס קינד קומען, ס׳זאָל באַמערקען אַ סתירה צו דער אויפפירונג פון זיינע נאָענטסטע. און פאַראַן נאָך אַזעלכע עלענדע קינדער, וועמען די שאַרפע געגנזאַצען קומט זיי נאָך אויס צו באַמערקען אין זייער אייגענער היים גופא. פאַרוואָס־זשע זאָל אַזאַ קינד, אויב ס׳איז נאָר נאָרמאַל אַנטוויקעלט, ניט פרעגען? אויב ס׳האָט נאָר אַ מינימום פון אינטעלי־גענץ מוז עס דאָך פרעגען. און דאָס קינד, שטעלענדיג זיין פראַגע, איז באמת אומשולדיג. ס׳ווייסט ניט צו קלאַסיפיצירען, וועלכע פראַגען עס קען יאָ שטעלען און וועלכע ניט.

אדרבה, פאַר אים זיינען גראַד די פראַגען, אויף וועלכע ס׳איז שווער צו ענטפערן — פיינליכער און ממילא וויכטיגער, צו בעטען אויף זיי אַ באַפרי־דיגענדען ענטפער. דאָס קינד וויל נאָר וויסען, עס איז אים שרעקליך שווער צו פאַרטראָגען געגענזאַצען און אומקלאָרקייטען. עס ווילט זיך אים האָבען אַ שיינע, קלאָרע און האַרמאָנישע וועלט. פאַרוואָס זאָלען מיר עס טאַקע ניט באַהילפיג זיין, מיט אונזער ענטפער, די גליקליכע וועלט פאַר אים צו שאַפען?

פאַר די דאָזיגע עלטערן גילט גאָר אַן אַנדער מיינונג, ווייט ניט קיין תורה׳־דיגע. יעדע פראַגע אָן אונטערשייד — האַלטען זיי — איז שוין אַ רעזולטאַט פון אַ זינדיגען געדאַנק. ובכן, דאַרף מען טאַקע, אויב דאָס קינד שטעלט אַן ערנסטע שאלה, די שלעכטע פרוכט מיט׳ן וואָרצעל אַרויסרייסען, רייסט מען טאַקע אויף וואָס די וועלט שטייט.

„וואָס רעדסטו עפּעס? ווי קומט צו דיר אַזאַ שאלה? זאָלסט מיר מער ניט וואַגען אַזוינס צו פרעגען!" דאָס זיינען די תשובות פון די עלטערן צו זייערע פרעגענדיגע קינדער.

דעם קינד קלעמט ביים האַרץ, עס איז אים שווער תופס צו זיין; אַ שטיין האָט זיך אים אַנידערגעלייגט, פינצטער איז אים געוואָרען זיין וועלט און ער אַנטשליסט זיך. ער וועט פרעגען זיין פאָטער, און אַנשטאָט ליבע, וואַרעמקייט און מילדקייט באַקומט ער זיין ביטערן, שווערן פסק. פרעג ניט, יעדע פראַגע איז זינד! די אינטעליגענץ ביים קינד ווערט על־פּי־רוב דערמיט ניט דערשטיקט. די פראַגע נאָגט און מאַטערט אים ווייטער. דאָס קינד, וואָס איז ביז איצט געווען אָפענהאַרציג און רעדעוודיג, איז מיטאַמאָל פאַרשטומט געוואָרען אויף אַ לענ־גערע צייט. די אויטאָריטעט איז געפאַלען. פאַר׳ן קינד האָט ביז איצט דער לעבענס־וועג פונ׳ם פאָטער געגאָלטען אַלס אַבסאָלוטער אמת. עס האָט נאָר געוואָלט, אויף דער אַנדערער זייט פון זיין אייגען לעבען, אויך דעם דאָזיגען אמת געפינען. מיט׳ן קאַטעגאָרישען אָפּזאָג ווערט פון דער הענגען־בלייבענדיגער פראַגע אַ נאָגענדער ספק און דער ספק — מיט דער צייט — אַ וודאי אויף דער צווייטער זייט פונ׳ם פריערדיגען אמת.

דער פאָטער כאַפּט זיך ערשט אויף זיין פלוצלינגען אומגליק, אויף דעם שטיקט. אַ צייט גייט פאַרביי און דאָס קינד פרעגט ווידער, אָבער שוין ניט אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ געדאַנק, נאָר פון אַן אינערליכער אַנטשלאָסענקייט אויף שלעכטס, נאָר אַ שווערען און איינזאַמען קאַמף. עס פרעגט שוין מיט׳ן טאָן פונ׳ם רשע — „מה העבודה הזאת לכם — לכם ולא לו".

דער פאָטער כאַפּט זיך ערשט אויף זיי פלוצלינגען אומגליק, אויף דעם

גייסטיגען איבערברוך פון זיין קינד — אָבער שוין צו־שפּעט. דער איבערברוך איז שוין אַ פאַקט.

די תורה לערנט אונז אָבער, אַז די זעלבע שאלה, אין איר ריכטיגער צייט, באַלד אין תחילת, איז אַ שאלת חכם, אויף וועלכער מ׳דאַרף גערען ענטפערן. מ׳טאָר ניט שטיין איבער די קינדער, נאָר געבען זיי. ווען די קינדער געפינען זיך אין אַ גייסטיגער נויט, דאַרף מען זיך פאַרשאַפען דעם פאַרטרויען מצד זיי. ס׳ערשטע מוז מען ווערען זייערע פריינט.

די קינדער זיינען נאַטירלעך גענויגט צו רעליגיעזיטעט. זיי נויטיגען זיך, פיל מער ווי מיר מיינען, אין אַ רעליגיעזען וועלט־באַנעם, גיט זיי נאָר די דערצו נויטיגע סביבה!

ווער־זשע דאַרף זיי ס׳ערשטע די דאָזיגע סביבה געבען, אויב ניט די עלטערן גופא. זאָלען אונזערע קינדער זיך איבערצייגען, אַז נאָר צוליב דעם, וואָס זייערע עלטערן זיינען רעליגיעז, וויזען זיי אַרויס צו זייערע קינדער אַזאַ וואַרעמע און ליבליכע באַציאונג. דאָס דאָזיגע מיטעל איז דאָס שטאַרקסטע, אַז אידישקייט זאָל אַזויערנאָך ביי זיי ווערען באַליבט.

מוטשען די קינדער, וועלכע ס׳איז פראַגען, וועלען זיי זיך ווענדען צו די עלטערן, האָבענדיג אין זיי די אינטימסטע פריינט. די עלטערן וועלען ווידער, אויסער אַלץ, האָבען די געלעגענהייט צו באַאָבאַכטען די אינערליכע איבער־לעבונגען און גייסטיגע אַנטוויקלונג פון זייערע קינדער. וואָרים פאַר די היינ־טיגע רעליגיעזע עלטערן איז דאָך על־פּי רוב גענצליך פרעמד דער איבערברוך־פּראָצעס פון זייערע קינדער. זיי זעען נאָר דאָס פאַרטיגע אומגליק. און דאָס אַלץ אַ דאַנק דעם אומצוטרוי, וואָס דאָס קינד האָט באַקומען צו זיינע עלטערן דורך זייער באַציאונג.

וויל מען זיך דעם צוטרוי מצד׳ן קינד פאַרשאַפען, טאָר מען ניט לאָזען קיין איין פראַגע זיינע אָן אַן ענטפער. שטייגט דער ענטפער אויף דער פראַגע איבער זיינע אויפנאַמס־פעאיגקייטען, רעג־זשע אים אָן צום ווייטערן לערנען, מאַך עס ביי אים אָפּהענגיג פון זיין גראַד־וויסען. „ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח״ פרעג ווייטער, — זאָג צום קינד — נאָר לערן דערביי, וועסטו זיכער בעסער, מיט דער צייט, וויסען און פאַרשטיין.

פאַר אַלעם אָבער, האָב שטענדיג אָפען דיין אויער פאַר דיין קינד׳ס שאלה! דרינג אַריין אין די פאַרבאָרגענסטע ווינקעלעך פון זיין פאַרקלעמט האַרץ. באַמי דיך, ווי לאַנג ער פרעגט דיך נאָר שאלת חכם, בלויז פונ׳ם ערליכען באַגער צו וויסען, צו היילען מיט דיין מילדען ענטפער זיינע אינערליכסטע שמערצען: „והי׳ כי ישאלך בנך — ואמרת אליו!״

לה טיינדה די קטורה אי סוס פיג׳וס · טיינדה די אברהם אי שרה אי יצחק · טיינדה די הגר אי ישמעאל:



ואקח את אביכם את אברהם מעבר הנהר ואולך אותו בכל ארץ כנען וארבה את זרעו ואתן לו את יצחק ואתן ליצחק את יעקב ואת עשו ואתן לעשו את הר שעיר לרשת אותו ויעקב ובניו ירדו מצרימה:

ברוך שומר הבטחתו לישראל ברוך הוא שהקב״ה חשב את הקץ לעשות כמה שאמר לאברהם אבינו בברית בין הבתרים שנאמר ויאמר לאברם ידוע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה

ואקח

אי טומי א וואיסטרו פאדרי א אברהם די פארטי דיל ריאו אי לייבי א איל פור טודה טיירה די כנען אי מונג׳ואי א סו סימין אי די א איל א יצחק אי די א יצחק א יעקב אי א עשו אי די א עשו א מונטי די שעיר פור ארידאר א איל אי יעקב אי סוס פיג׳וס דיסינדיירון א אג׳יפטו:

ברוך

בינדיג׳ו גואדרן שו פ

פיאוזייא א ישראל בינדיג׳ו איל קונטאן איל פין פור פאזיר לוקי דישו א אברהם נואיסטרו פאדרי איג׳ טרי לוס איספארטימיינטוס קי אשי דיזי איל פסוק אי דישו א אברהם סאביר סאבראש קי פילגרינו סירה טו סימין אין טיירה קי נון א אילייוס אי ס סירבירלוס אן אי אפריאירן א איליוס קואטרו סיינטוס אניוס·




אַ זייט פון אַ היסטאָרישער הגדה מיט אַ לאַדינו איבערזעצונג און האָלץ־שניצען, געדרוקט אין יאָר שס״ט.

# „והגדת לבנך"

• פון הרב יהודא אַלטוסקי

ביי קיין אומה ולשון געפינט מען ניט אַזאַ זאָנדערבאַרע מצוה: אַוועקצוזעצן זיך אַ ספּעציעלע נאַכט אין יאָר, מיט די קינדער, און דערציילען זיי די הגדה! און ניט סתם דערציילען, פּאַר יוצא וועגן, נאָר עס מוז צוגיין מיטן אויסגעפּרוּוטען פּעדאַגאָגישען וועג פון שאלות און תשובות: „טאַטע, איך וויל דיר פרעגען פיר קשיות. די ערשטע קשיא איז... טאַטע, איך האָב דיר געפרעגט די פיר קשיות, איצט ענטפער מיר אַ תירוץ..."

ווי אַזוי דער טאַטע גיט זיך אַן עצה, מיטן תירוץ פון עבדים היינו, צו פאַרענטפערן די פיר קשיות, איז אַ באַזונדער אינטערעסאַנטער קאַפּיטעל; ווי אַזוי פאַרענטפערט „עבדים היינו" די קשיא, פאַרוואָס, הלילה הזה, טונקט מען אין צוויי מאָל, איינמאָל כרפס אין זאַלץ־וואַסער, און איינמאָל כריין אין חרוסת — איז אַ באַזונדערער שמועס.

אָבער אויב די פיר תירוצים זעען זיך ניט אָן אָפען, אויף די פיר קשיות — איז אָבער שוין גאָר גאָר אָפען, די פיר בנים — צו וועלכע עס ווערען אָנגעווענדעט פאַרשידענאַרטיגע צוגאַנגען.

„הקהה את שניו" — איז אַוודאי אַ גאַנץ אַנדער רעדענס־אַרט, ווי — „ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח..." און דער „את פתח לו" — באַזיצט געוויס אַן אַנדער צוגאַנג ווי אַפילו דעם תמ'ס — „ואמרת אליו..." אָבער ווי דער צוגאַנג זאָל זיין צו יעדען פון די פיר בנים, מוז אָבער דער צוגאַנג צו יעדען פון זיי זיין באַזונדער. צום רשע ווי צום חכם, און צום שאינו יודע לשאול ווי צום תם. קיינער פון זיי טאָר ניט איגנאָרירט ווערען און קיינער פון זיי טאָר ניט אויסגעלאָזט ווערען פון חשבון. „כנגד ארבעה בנים דברה תורה, אחד חכם ואחד רשע, אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול". און — וואונדער איבער וואונדער: די מצות עשה פון „והגדת לבנך" גייט גאָר אויפן שאינו יודע לשאול!

„והגדת לבנך, בבן שאינו יודע לשאול. והכתוב מלמדך, שתפתח לו אתה בדברי אגדה המושכין את הלב". איז דאָס ניט שווער צו פאַרשטיין. אַוודאי דאַרף מען אים לערנען! דאַגעגען דער וויכוח־מאָטיוו מיט'ן רשע, ווען אַפילו אין דעם הקהה את שניו פאָרם — איז שווער תופס צו זיין. דער רשע איז דאָך כל שכן דפקר טפי, און מ'טאָר זיך דאָך גאָרניט אַריינלאָזען מיט אים אין וויכוחים?!

יאָ. אָבער די תורה אַליין קלאַסיפיצירט אים דאָך אין דער קאַטעגאָריע פון בנים: „והי' כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם!" מיט זיין „רשע"־באַצייכענונג איז ער פאָרט איינער פון די פיר בנים. ווייל זיין „כפר בעיקר" איז ניט קיין אַבסאָלוטער. ער איז עס נאָר פון אַנאַלאָגישען שטאַנדפּונקט. „ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל — כפר בעיקר".. צו פאַרשטיין דעם רעכטזעלהאַפטען יאָ־רשע — ניט־רשע, דאַרף מען צוקומען צום מקור, און זעען דעם תורה־צוגאַנג און די תורה־אָפּשאַצונג וועגען אים.

די תורה גיט פריער אַן אַריינפיר, צו קענען אַריינדרינגען אין דער פסיכיק פון דעם רשע: והי׳ כי תבאו אל הארץ אשר יתן ד׳ לכם כאשר דבר ושמרתם את העבודה הזאת. והי׳ כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם. אָט דאָ איז די וויזיאָנעריש־היסטאָרישע גרונדלאַגע פאַר דעם רשע׳ס געדאַנקען־גאַנג. דער רשע איז גאָר דוקא א זון פון אידישען פאָלק. אַ שטאָלצער זון און אַ פאַראַנטוואָרטליכער. ער האָט אַ פאַראַנטוואָרטליכקייטס־געפיל פאַר׳ן אויפ־האַלט פון אידישער אייגענאַרטיגקייט און אַחדות־האומה אונטער פרעמדע הימלען און האָט פיעטעט פאַר אידישע טראַדיציעס און מנהגים. אין גלות, צווישען פרעמדע קולטורען — פאָדערן זיך קאָלאָסאַל־מעכטיגע שוץ־מיטלען צו באַוואָרענען דעם קיום און המשך פון אידישען פאָלק... און די אָפּהיטונג פון תורה ומצוות אין גלות איז אַן אויסגעפּרואווטער וועג און ווירקזאַמע מע־טאָדע! קלוג איז ער, דער תורה׳דיגער רשע. אים קען מען ניט איינשמועסען. ער ווייסט אַז אידיש, אידישע בבא־מעשיות, אידישע פאָלקס־לידער זיינען ווייט ניט קיין סגולה בדוקה פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער — שה פזורה ישראל. „קאַבצאַנסק״, „פישקע דער קרומער״, „מאָטקע גנב״, א. ד. ג. באַרעכטיגען ניט די עקזיסטענץ פון איינזאַמען שעפּסעלע צווישען די גרויזאַמע וועלף...

אָבער — והי׳ כי תבאו אל הארץ, ווען דער פרייליכער, אויסגע׳חלומ׳טער שיבת־ציון־טאָג וועט קומען; ווען מען וועט אַריינקומען אין דעם אייגענעם לאַנד — ושמרתם את העבודה הזאת!!! ניין! דערצו איז ער גיט נאָר ניט מסכים, נאָר ער איז בפירוש געגען! ער פירט אויך אַ שטאַרקע אַגיטאַציע ניט נאָר אין זיין קלאַס און סביבה, נאָר אויך צווישען דעם עלטערען דור, צווישען די פרומע אידען. והי׳ כי יאמרו אליכם בניכם... די בנים פרעגען ניט. זיי זיינען גאַנץ ווייט פון וועלען לערנען פון עלטערען דור. — שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך — איז ניט זייער לעבענס־דעוויז.

די סאָרטען בנים, די בנים רשעים, זיי ווילען זיין די וועג־ווייזער פאַר די טאַטעס. זיי האָבען זיך נאָך ניט אויסגעפיקט פון דער שאָל, און זיי ווילען שוין האַלטען דעם טיטעל און לערנען דעם תורה־פּרינציפּ אויף דער צווייטער, פאַרקערטער זייט. די תורה זאָגט: ושמרתם את העבודה הזאת! זאָגען זיי: מה העבודה הזאת לכם?! די תורה זאָגט אַז דוקא „אין אייגענעם לאַנד״ מוז מען נאָך האָבען טאָפּעלטע וואַכזאַמקייט. אין גלות וועט שוין דער טבעת המן הרשע שטיין אויף דער וואַך פון אידישער אייביגקייט... אָבער אין אַרץ ישראל מוז מען האָבען גרויסע אייגענע שמירה. ושמרתם את העבודה הזאת. איר אַליין זאָלט זיך היטען דורך העבודה הזאת! זאָגען די „בנים״: „מה העבודה הזאת לכם?״

מיט׳ן מאָמענט פון „כי תבואו אל הארץ״ — „ארץ״ מיט אַלע „ארץ״־אַטריבוטען, ווי: אייגענע מלוכה׳שאַפט, אייגענער שפּראַך א. אַ. וו., איז די עבודת הקודש שוין ניט מער נויטיג פאַר׳ן אויפהאַלט פון פאָלק — טענה׳ן די „בנים״. יאָ, פאַר׳ן דעקאָרום, וועט מען זיך נאָך צייטענווייז באַנוצען מיט שם ד׳. אָבער דאָס ניט מער אָפען, פאַרשטעלטערהייט, ווי „צור ישראל״, וואָס אַז מען וויל, מיינט עס אידישע שטאַרקייט. אָבער... ווייל מען דוקא קען מען אויך אַריינטייטשען אין די ווערטער דעם רבונו של עולם. ווייל אָפיציעל איז מען ניט ח״ו קיין „כופר בעיקר״. מען וויל זיך נאָר ניט אידענטיפיצירען מיט

די „עבודה״־אידעז, ניט פון היינטיגען דור און אוודאי ניט מיט די „פּאַנאַטיקער״ פון פריערדיגען דור.

די דאָזיגע בנים זיינען ניט קיין „כפר בעיקר״. זיי גייען גאָר צוריק צום ריינעם אורשפּרונגליכען תורה־קוואַל... צום תנ״ך אַליין, צו די איידעלע נבי־אים... זיי ווילען נאָר ניט וויסען פון די צוויי־טויזענט־יאָריגע אין מיטען פון גלות און פון זיינע שאַפונגען.

און אָט וועגען די דאָזיגע „בנים״ רעדט דער בעל־הגדה: „ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר״ מען מוז ניט דוקא אָפען פּראָקלאַמירען די כפירה. גענוג דאָס אַרויסנעמען זיך פון כלל אידען, פון כלל אידישער געשיכטע און דער וואָס האָט די אַכזריות׳דיגע חוצפּה אַרויסצושניידען אַ שטיק פליש פון לעבעדיגען אידישען אָרגאַניזם, דער שניידט זיך דערמיט אַליין אַרויס פון כלל ישראל. „אין בכלל אלא מה שבפרט״ — יעדער פּרט אין דער טויזענט־יאָריגער עקזיסטענץ, יעדער יאָר־הונדערט אין דער אידישער געשיכטע — איז אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט. האַקט מען איבער אינמיטען, ווערט אַלץ צעשאָטען און צעוואָרפען.

אָבער אויך די דאָזיגע „בנים״ גיט דער בעל־הגדה ניט אינגאַנצען אויף. גלייכצייטיג מיט הקהה את שיניו, וואָס איז די רעאַקציע פון מאָמענטאַלען אויס־ברוך, איז עס נאָר הקהה... ניט הכה... און דאַן קומט די פּאָטערליכע אויפ־קלערונג. די זעלבע אויפקלערונג ווי צום שאינו יודע לשאול, און אַפילו גאָר אין נאָך אַ מילדערער פאָרם! דער והגדת — דברים קשים כגידין, וואָס ווערט באַנוצט אין פּאָטער׳ס ווענדונג צום שאינו יודע לשאול, ווערט דאָ גאָר פיר־ביטען אויף דער מילדער אַמירה־פאָרם, „ואמור לו״... רעד זיך אַדורך מיט אים. פּרואוו אים איבערציידוגען און זע ער זאָל דיך פאַרשטיין. אויך ער, דער „בן הרשע״, איז ניט אויסזיכטלאָז. ער איז פאַרפירט געוואָרען. פאַרפירט פון אַ פאַלשער נאַציאָנאַלער טעאָריע.

עס איז די פליכט אויפצוקלערען אויך דעם בן הרשע דעם אונטערשיד פון דער פילאָזאָפיע פון גוי׳אישען נאַציאָנאַליזם, וואָס זאָרגט נאָר פאַר׳ן כבוד פון פאָלק, צו דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, וועלכע זאָרגט הויפטזעכליך פאַר׳ן יחיד. בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים — לי ולא לו. פיל פון די נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניגע אידען זאָרגען פאַר אַלעמען, פאַר דער גאַנצע וועלט, נאָר ניט פאַר זיך, פאַר זיינע קינדער, פאַר זיין פאַמיליע. עס איז טאַקע ניט קיין זעלטענע דערשיינונג צו זען דעם פייערדיגען נאַציאָנאַליסט אויף אַלע נאַציאָנאַלע שמחות, און זיצען מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ ביי זיך אין שטוב!... זיין זון און טאָכטער האָבען שוין אָוועקגעטאָנצט גאָר ווייט. און טאַקע גראָד צוליב אים. ווען ער איז געווען טאָג און נאַכט פאַרנומען מיט די נאַציאָנאַלע דאגות — איז זיין היים געבליבען אויסגעהונגערט פון נאַציאָנאַלען גייסט. ניט קיין שבת און יום־טוב, ניט קיין שול און בית־מדרש. אַפילו דעם נאַציאָנאַלען באַפרייאונגס־יום־טוב פסח האָט ער אויסגעלידיגט פון זיין אינהאַלט און פאַרביטען אים אויף אַ טעאַטראַלען דריטען סדר, מיט אַ הגדה פון אַ חזק־מאַרשאַלעק.

בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים — בעבור שאַקיים מצוותיו, כגון פסח, מצה ומרור הללו. די גאולת מצרים איז געקומען ניט בכדי צו דער־הויבען דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ פון פאָלק, נאָר בכדי צו באַזאָרגען דעם גייסטיגען

„איך". ניט פאַר'ן צוועק פון באַמבאַסטיש־נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציעס, נאָר בכדי מזכה צו זיין דעם איד צו קענען דערנענטערען זיך צו השם יתברך.

והגדת לבנך... דערציייל דיינע קינדער דעם תורת־אמת, אַז נאַציאָנאַלע באַפרייאונג קומט פון ג־ט — עשה עשה ד' לי בצאתי ממצרים און בחוזק יד הוציאנו ד' ממצרים. און דער צוועק פון דער דאָזיגער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג איז געווען בכדי „איך" און „דו" פערזענליך זאָלען מקיים זיין די מצוות בעבור שאַקיים מצוותיו.

הי' ר' מתיא בן חרש אומר, הרי הוא אומר ואעבור עליך ואראך וכו' ולא היו בידם מצות להתעסק בהם כדי שיגאלו, שנאמר ואת ערום וערי', ונתתי להם שתי מצות דם פסח ודם מילה וכו'. אמר להם משכו ידיכם מאלילים, וקחו צאן של מצוה.

והגדת לבנך, צום חכם ווי צום רשע, צום תם ווי צום שאינו יודע לשאול, רעד צו זיי אין דער הייליגער פסח־נאַכט. רעד צו זיי קלאָרע דיבורים. לערן זיי, אַז אַלע סופערלאַטיווע, הויך־נאַציאָנאַלע פרייהייטס־געדאַנקען זיינען ניט דער תכלית פון כלל־ישראל. אויך די, וואָס פרעדיגען זיי, קענען אין דער אמת'ן זיין נאַקעט און פוסט, — ואת ערום וערי'!... וויין זיי דעם אמת'ן וועג. דער חכם, מער ווי אַלע, וועט זיכער פאַרשטיין, אַז ניט נאָר „עדות חוקים ומשפטים זיינען די אידישע קליידער, נאָר אַפילו יעדער דין און מנהג ביז „אין מפטירין אַחר הפסח אַפיקומן" זיינען דער דם־התמצית פון יעדער אידישער נשמה אין ארץ־ישראל פונקט ווי אין חוצלאָרץ...

## דער אייביגער געראַנגעל...

דער קאַמף גייט שטענדיג צווישען חכם און רשע. דער תם און שאינו יודע לשאול — די פשוט'ע תמימות'דיגע און גאָר נישט ווי סענדיגע — געפינען זיך אין מיטען פון דאָזיגען קאַמף. יעדער ווי זיי צוציען אויף זיין צד. און אָט די דאָזיגע תמימים און שאינם יודעים לשאול, זיי דעצידירען תמיד אינ'ם קאַמף וואָס פירט זיך צווישען די חכמים און רשעים. צו וועמען זיי הערען זיך צו, דער האָט די מערהייט און ממילא דעם כח אין אידישען לעבען.

דער רשע וואָלט באמת געווען אין אַ פאַר־שווינדענדער מינדערהייט, ווען נישט דער תם און שאינו יודע לשאול וואָלטען אים צוגע־האָלפען...

(תורה־קוואַל)

# נישט־פאַרענטפערטע קשיות

• פון הרב דר. יצחק לעווין

איך וויל זיך אָננעמען די עוולה פון אונזערע „שואלים" אין דער הערליכער פסח־נאַכט. פיר קשיות פרעגען זיי: פאַרוואָס מען עסט בלויז מצה, פאַרוואָס מען עסט מרור, פאַרוואָס מען טונקט איין צוויי מאָל, און, שליסליך, פאַרוואָס מען עסט אָנגעלעענטערהייט? פון די פיר קשיות ווערען פאַרענטפערט — בלויז צוויי. טאַקע די ערשטע צוויי, אויף וועלכע דער בעל־הגדה גיט אַ תשובה מיטן מאמר פון ר' גמליאל: „כל שלא אמר שלשה דברים אלו לא יצא ידי חובתו" א. אַ. וו. דאָס איז אָבער ווייניג. וויל זייט מוחל און זוכט אין דער גאַנצער הגדה אַ תשובה אויף דעם, פאַרוואָס „מען טונקט איין" און פאַרוואָס „מען עסט אָנגעלעענטערהייט". קיין זכר נישטאָ! נו, איז דאָס גלייך? זיינען די דאָזיגע קשיות באמת אַזעלכע שווערע, אַז עס איז אויף זיי קיין תשובה נישטאָ? עס ווילט זיך עפּעס נישט גלויבען.

**
*

אַ פאַקט איז, אַז דער גאַנצער ענין מיט די פיר קשיות איז ווייט נישט קיין קלאָרער. אין דער משנה אין פסחים דף קט"ז ווערט אַלס דריטע קשיא גאָר אויסגערעכענט אַזאַ מין שאלה: „שבכל הלילות אנו אוכלים בשר צלי שלוק ומבושל, הלילה הזה כולו צלי". און די שאלה מיטן אָנגעלעענט־זיין פעלט לגמרי. נאַטירליך, איז צוליב דעם מער פאַרשטענדליך די תשובה פון ר' גמליאל'ן אין דער הגדה (וואָס איז אייגענטליך די שכנות'דיגע משנה אין פסחים), וויל איינע פון זיינע ערקלערונגען איז דאָך „פסח על שום מה" (חוץ מצה און מרור). זיינען דעריבער, לויט דער דאָזיגער נוסחא פון „מה נשתנה", פאַרענטפערט דריי קשיות. איין תשובה פעלט אָבער נאָך אַלץ.

אין ירושלמי (פרק ערבי פסחים הלכה ד') זיינען אויפגעציילט געוואָרען אין גאַנצען דריי קשיות און דאָס אַזעלכע: פאַרוואָס מען טונקט איין אין דער נאַכט פון פסח צוויי מאָל, פאַרוואָס מען עסט בלויז מצה, און פאַרוואָס מען עסט דעמאָלט בלויז געבראָטען פלייש? מער פרעגט מען נישט. און אויף דעם קומט די תשובה פון ר' גמליאל'ן, וואָס שטימט ווידער נישט, וויל, ערשטענס, אַנטהאַלט זי דאָך אויך דעם „מרור על שום מה", און אויף דעם איז איבערהויפּט — לויט'ן ירושלמי — נישט געפרעגט געוואָרען; צווייטענס, אויף דער קשיא פון „איינטונקען", וועלכע איז דאָרט די ערשטע, איז קיין תירוץ נישטאָ.

דער רמב"ם אין משנה תורה (הלכות חמץ ומצה פרק ח') רעכענט אויס פאָלגענדע קשיות: פאַרוואָס מען טונקט איין אין דער נאַכט פון פסח צוויי מאָל? פאַרוואָס מען עסט בלויז מצה? פאַרוואָס מען עסט בלויז געבראָטען פלייש? פאַרוואָס מען עסט מרור? פאַרוואָס מען עסט אָנגעלעענטערהייט? — אַז מען ציילט איבער דעם רמב"ם'ס קשיות, זעט מען, אַז עס זיינען פאַראַן

גאַנצע פינף. אויך דער סדר פון די קשיות איז אַן אַנדערער, ווי דער, וואָס איז איצט ביי אונז אָנגענומען.

דער רמב״ם גיט־צו: „בזמן הזה אינו אומר והלילה הזה כולו צלי שאין לנו קרבן״. אָבער מיר זעען, אַז על־כל־פנים בזמן המקדש האָט מען געפרעגט פינף קשיות. פעלט דעריבער אַ תירוץ אויף צוויי קשיות, ווייל אויך דער רמב״ם זאָגט נישט מער, ווי דעם באַקאַנטען „פסח מצה ומרור״ פון ר׳ גמליאל׳ן. נו, קען מען אָננעמען, אַז אויך דער רמב״ם האָט נישט געהאַט קיין תשובה אויף די צוויי שאלות?

נאַטירליך, זיינען מיר דאָ נישט אויסן מברר צו זיין דעם היסטאָרישן מהות פון די פסח׳דיגע קשיות. דער ענין איז שטאַרק קאָמפּליצירט. עס איז נאָר כדאי געווען צו באַמערקען, אַז לויט אַלע נוסחאות פון „מה נשתנה״ איז דאָ מער קש... ווי תירוצים...

*****

היינט פרעגט מען אויף יעדען און אויף אַלצדינג אַזויפיל קשיות, אַז אייגענטליך וואָלט גאָר נישט געווען קיין חידוש, ווען מען קען ענטפערען אויף אַ העלפט קשיות. צו זיין פופציג פּראָצענט אין אָרדענונג, איז שוין גאָר גוט. וואויל איז דעם, וואָס האָט פאַרענטפערט אַ העלפט קשיות, וואָס מען פרעגט אויף אים! און וואָלט די הגדה געווען אַ פּראָדוקט פון אונזער צייט, וואָלט מען עס געקענט אונטערשטרייכען לשבח: זעט, מען האָט געפרעגט פיר קשיות און עס איז שוין פאַראַן אַ תירוץ אויף גאַנצע צוויי!... אַזש אויף צוויי!... דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע דערגרייכונג.

אָבער די הגדה איז איינער פון אונזערע עלטסטע שריפטליכע דאָקומענטען. מיר האָבען געזעען, אַז שוין אין דער משנה ווערען געבראַכט גאַנצע שטיקער פון איר. איז שווער, גאָר שווער אָנצונעמען, אַז נאָך מיט אַזויפיל יאָרהונדער־טער צוריק האָט זיך פּראַקטיצירט אַזאַ מין „צוואַנגס־אויסגלייך״, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איינער האָט געהאַט טענות און געפרעגט קשיות און דער אַנדערער איז אים אָפּגעקומען מיט אַ פופציג־פּראָצענטיגער תשובה. ניין, דער „והיה כי ישאלך בנך״ איז זיכער געווען אַזוי געדאַכט, אַז אויף דער שאלה וועט קומען אַ גאַנצע תשובה, אַ פולשטענדיגע תשובה. טאָ וואו איז זי אַהינגעקומען?

*****

אַז מיר ווילען זיך פאַרגעגענווערטיגען, וואָס איז די באַדייטונג פון די צוויי נישט־פאַרענטפערטע קשיות, ווילען מיר קומען צו דער מסקנה, אַז אייגענט־ליך האָט עס גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין. ניין; אויף אָט די קשיות איז במשך יאָרטויזענטער פון אונזער געשיכטע קיין תירוץ נישט געווען. און אַז איר ווילט וויסן דעם אמת, איז דאָס פעלן פון אַ תירוץ אויף זיי — אויך שוין אַ מין תירוץ... אַ ריכטיגער, בלוטיג־אמת׳דיגער תירוץ!

די חוקרים זאָגען, אַז דאָס איינטונקען פון שפּייזען בשעת דער סעודה, און גאַנץ נאַטירליך אויך דאָס אָנלענען זיך ביים עסען, איז אַ סימן פון גרויס־קייט, פון פרייהייט. אַזוי פלעגען זיך נוהג זיין גרויסע פאָרנעמע פירשטען

און פּרינצען בשעת זיי האָבען זיך געלאָזט וואויל־גיין מיט זייערע מעדנים. טוען מיר זיי נאָך ווען עס קומט דער זמן־חרותנו. אַ וואונדערבאַרע היסטאָרישע ערינערונג פון אונזער אַמאָליגער גרויסקייט און פרייהייט!

אָבער דאָס קינד, וואָס פרעגט די קשיות, פאַרשטייט נישט קיין היסטאָרישע רעמיניסצענצען. דאָס קינד וויל, און קען, פאַרשטיין — נאָר די טרוקענעווירקליכקייט.

ווען עס פאַלען דעם קינד אויף פאַרשידענע וואונדערליכע זאַכען, וועלכע די ליל שימורים ברענגט מיט זיך — די מצה, דער מרור, די נישט־געוואוינטע מנהגים מיטן טובל־זיין דאָס עסען און מיטן אָנלענען זיך — דאַן פרעגט עס און פאַרלאַנגט אַן אויפקלערונג.

ווי לייכט איז דאַן די תשובה אויף די ערשטע צוויי ק[illegible] [illegible]צה, מרור? דאָס איז דאָך געווען אונזער אַל־טעגליכע שפּייז במשך די [illegible]נגענע יאָר־הונדערטער. „על שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ" — [illegible] פיל מאָל האָט עס פּאַסירט ביי אידען, אַז „לא הספיק בצקם"! ליידער, ליידער, האָבען אידישע קינדער פאַרשטאַנען גאָר גרינג די דאָזיגע ווערטער, ווייל טאָג־איין, טאָג־אויס במשך דעם גאַנצען גלות־עטאַפּ פון אונזער געשיכטע איז געווען „לא הספיק בצקם"... ווען דער פאָטער ענטפערט די דאָזיגע תשובה, איז עס אַ תירוץ מספיק. דאָס קינד פאַרשטייט גוט דעם זין פון דער מצה. די ערשטע קשיא איז אין אָרדענונג.

און דער מרור? ער האָט נאָך אַ בעסערע, נאָך מער פאַרשטענדליכע ערקלערונג. „על שום שמררו המצרים את חיי אבותינו במצרים, שנאמר וימררו את חייהם בעבודה קשה..." ווי גוט פאַרשטייט דאָס אידישע קינד אַזעלכע ווערטער, וועלכע שפּיגלען אָפּ די רעאַליטעט פון אידישען לעבען במשך לאַנגע דורות!

אויב דער מרור סימבאָליזירט דאָס פאַרוויטאָגטע ראַנגלען זיך מיט צרות און רדיפות, מיט קוואַל און פּיין פון זיך אָדער פון די נאָענטע — דאַן האָט ער קיינמאָל נישט געפעלט אין אַ אידישער שטוב. עס האָט נישט געפעלט אין רוים, ער איז געווען אין שפּאַניע, מען האָט אים געהאַט אין רוסלאַנד און אין וועלכער מאָס האָבען אים פונאַנדערגעטראָגען די דייטשע בעסטיעס אין די לעצטע יאָרען!

דאָס אידישע קינד האָט זיכער געפרעגט אַ קשיא — בנוגע מרור — אויף וועלכער עס איז לייכט צו ענטפערן. אַ בליק אויף דער אידישער לאַגע, אַ דערמאָן זיך פון נעכטען ממש, איז גענוג, כדי אַלץ אויפצוקלערען. די צווייטע קשיא פאַרשווינדט גאָר לייכט.

אָבער אַז עס קומט צו די סימבאָלען פון פרייהייט, פון גרויסקייט, איז די סיטואַציע גאָר שווער. גיי דערצייל דעם אידישען קינד, אַז מיר דאַרפען פייערען די פרייהייט פון אידישען פאָלק — בשעת די געשיכטע דערציילט גאָר אַנדערע זאַכען. גיי דערצייל אים, אַז אידען דאַרפען זיך פּסח באַנעמען ביים סדר ווי פירשטען און פּרינצען — דאָרט וואו עס ווייסט, אַז הונדערטער יאָרען האָט מען די אידען נישט געלאָזט פריי אָטעמען, אַז מען האָט זיי נישט געלאָזט לעבען ווי איינפאַכע בשר־ודם׳ס, אַז מען האָט זיי צוגענומען אַלע קוואַלען פון פּרנסה און געטריבען אַן רחמנות פון איין לאַנד צום צווייטען. גיי דערצייל דעם אידישען קינד, אַז נאָך פּרעה׳ס מפּלה זיינען אידען געווען גרויס און פריי — ווען עס שטייען נאָך פאַר אונזערע אויגען די געשטאַלטען

פון טאָרקוועמאַדאָ און כמיעלניצקי און היטלער, ימח שמם, וועלכע האָבען אונז אַזוי דערנידעריגט.

אין דער תקופה פון אוישוויץ און מיידאַנעק און טרעבלינקע — איז אַוודאי שווער צו רעדען צו אַ אידיש קינד וועגען סימבאָלען פון גרויסקייט און פרייהייט.

מיר דוכט זיך דעריבער, אַז מען גיט נישט קיין תירוץ אויף די לעצטע צוויי קשיות — ווייל מען וואָלט דעם תירוץ נישט פאַרשטאַנען.

בעסער לאָזען צוויי קשיות נישט־פאַרענטפערט, ווי געבען אַ תירוץ, וואָס דאָס אידישע קינד האָט שוין צוויי טויזנט יאָר נישט געקענט פאַרשטיין.

די דאָזיגע צוויי קשיות וואַרטען, ווייזט אויס, אויפן מלך המשיח, אַז ער זאָל זיי פאַרענטפערען...

# נאָר מיט אמונה!

אַזאַ רשע, וואָס האָט שוין געטאָן פיל עבירות פאַר זיך, אָבער דאָך וואַגט ער נישט אָפּצולאַכען פון אַנדערע, ווען זיי זיינען מקיים די מצוות ד׳ און האָט נישט די חוצפה געגענצושטעלען זיך זיינע עלטערן און אָפּצושפעטען פון זייער עבודת ד׳ — אַזאַ רשע האָט נאָך אַ האָפענונג, אַז ער וועט דאָך אַמאָל אויסגעלייזט ווערען פון זיין טומאה. דער בן רשע אָבער וואָס זיין עזות און חוצפה דערגרייכען שוין אַזוי ווייט, אַז ווען ער זעט דעם פאָטער דערפילען אַ מצוה, לאַכט ער אים אין פנים אַריין מיט חוצפה און זאָגט מיט שפּאָט: „מה העבודה הזאת לכם״ — אַזאַ רשע האָט שוין קיין שום האָפענונג נישט אַנדערש צו ווערען.

דעריבער זאָגט אים דער פאָטער: בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים — נאָר צוליב דעם זיינען אידען דאַן אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים, כאָטש זיי זיינען געווען משוקע אין דער טומאה פון מצרים, ווייל זיי האָבען געהאַט דרך ארץ פאַר זייערע עלטערן די זקנים און די מנהיגי האומה, זיי האָבען נישט מעיז פנים געווען זיך געגענצושטעלען משה רבנו און די זקנים, ווען זיי זיינען געקומען און גערעדט צו זיי; פאַרקערט גאָר, „ויאמן העם״ — דאָס פאָלק האָט געגלויבט, זיך באַצויגען צו זיי מיט כבוד און ערפורכט און זיי נאָכגעגאַנגען — דעריבער האָבען זיי געקענט שפּעטער ראוי זיין צו דער גאולה, אָבער אַזעלכע רשעים ווי דו, וואָס האָבען אָפּגעלאַכט און געשפּעט פון זייערע עלטערן, און האָבען געפרעגט מיט חוצפה: „מה העבודה הזאת לכם״ — די זיינען טאַקע פאַרלוירען געגאַנגען און פאַרפאַלען געוואָרען אין דער טומאה. די זיינען נישט אויסגעלייזט געוואָרען. ממילא — אלו היה שם לא היה נגאל — אַזעלכע ווי דו קענען קיין האָפענונג נישט האָבען צו ווערען אויסגעלייזט און באַפרייט פון רשעות...

(כתב סופר)

[פונ׳ם תורה־קוואַל]

# פסח — ספירה — שבועות

• פון הרב בנימין זאב העגדלעס

**פ**סח איז אַ גרויסער יום־טוב. גאָר אַ גרויסער. אַ זמן חרותנו. אידען זיינען אַרויס פון פאַרשקלאַפונג, באַפרייט געוואָרען פונ׳ם גלות־מצרים. אויס־געלייזט געוואָרען פון שעבוד מצרים, און געוואָרען פרייע, זעלבסטשטענדיגע מענטשען.

און ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט, אַז צוזאַמען מיטן אויסגעלייזט ווערען פונ׳ם רשעות׳דיגען שונא׳ס רשות, דערלעבט מען נאָך צו זען דעם פייניגערס פאַרניכטענדע מפלה, איז עס זיכער גאָר אַ גרויסע דערלעבונג, און ממילא גאָר אַ גרויסע דערפרייאונג און יום־טוב.

אַזוי איז עס ביי אַלע אומות ולשונות. דער טאָג פון זייער באַפרייאונג פון אויפגעצוואונגענעם שעבוד און גלות, ווערט דער גרעסטער געפייערטער טאָג, דער נאַציאָנאַלער ים־טוב.

ביי אונז אידען איז אַנדערש. אויף אידען וואָס: „ודתיהם שונות מכל עם״, זיינען ניט חל די הנהגות העולם און אַנגענומענע מענטשליכע געזעצען. מיר אידען זיינען אין אַלעם אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. זיכער, אויך ביי אונז אידען איז פסח, זמן חרותנו, אַ גרויסער היסטאָרישער יום־טוב, וועלכער ווערט גע־פייערט יאָר־יערליך מיט גרויס שמחה און התרוממות הנפש; געוויס ווערט דער גרויסער טאָג פון אונזער גלות־באַפרייאונג, פון: „הוציאנו מעבדות לחרות, מיגון לשמחה, מאבל ליום טוב, מאפלה לאור גדול, ומשעבוד לגאולה״, קיינמאָל ניט פאַרגעסען; געוויס זיינען מיר אייביג אַליין מקיים דעם: „למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך״, און מיר גיבען עס איבער אונזערע קינדער מדור לדור. „והגדת לבנך ביום ההוא״, „ולמען תספר באזני בנך ובן בנך״ איז איינע פון די תרי״ג מצות שבתורה. אָבער טראָץ דעם אַלעם איז דער יום־טוב פסח ניט קיין גאַנצער און ניט קיין אָפּגעשלאָסענער יום־טוב פאַר זיך, נאָר ער איז געבונדען מיט אַ צווייטען יום־טוב, און דאָס איז — שבועות.

ווי שווער עס פאַלען אויף אונז אידען די פיזישעליידען, און ווי דערפרייענדיג מיר נעמען אויף די באַפרייאונג פון די פורעניות׳דיגע שעבוד־מלכיות, שפּילט נאָך אַלץ דערביי די גייסטיגע זייט די הויפּט־ראָלע. די פיזישע יסורים דערדריקען אונז אַממערסטען ווען זיי זיינען געבונדען גלייכצייטיג מיט גייסטיגע ליידען, און די פיזישע באַפרייאונג דערפרייט אונז אַמשטאַרקסטען אויב זי ברענגט אויך מיט זיך גייסטיגע דערלייזונג.

דער חג הפסח, דער חג החרות, האָט אַזאַ גרויסע און היסטאָרישע באַדייטונג, ווייל זיין פיזישע גאולה פירט צו גייסטיגער גאולה, צום — חג השבועות.

***

פסח איז די התחלה, שבועות איז דער גמר

די ג־ט׳ליכע נסים פון יציאת מצרים זיינען ניט געשען בכדי די בני

אברהם, יצחק ויעקב זאָלען נאָר באַפּרייט ווערען פון זייער גלות ביי די מצריים, און ווערען סתם בני חורין, נאָר בכדי זיי זאָלען דאַדורך זיין ראוי און מוכשר צו ווערען אַן עם השם.

„ואתכם לקח ה׳ ויוצא אתכם מכור הברזל ממצרים להיות לו לעם נחלה כיום הזה״ (דברים ד׳ — כ׳).

דער טיפערער זין פון אונזער פרייד מיטן יום־טוב פסח, דער זמן חרותנו איז, ווייל ער פירט צום יום־טוב שבועות, דער זמן פון מתן תורתנו.

און דאָס איז אויך דער באַדייט און כוונה פון ספירת העומר. זי׳, די זיבען וואָכען און 49 טעג פון די ימי הספירה, — צווישען פסח און שבועות — שטעלען מיט זיך פאָר די קייט וואָס בינדט צוזאַמען דעם פסח מיטן שבועות, דעם המשך פון דער פיזישער גאולה מיט דער גייסטיגער גאולה.

תיכף, דעם ערשטען טאָג פסח ביינאַכט; תיכף, ווי מען דערפילט דעם טעם פון דער גאולה הגופנית, הייבט מען אָן צו ציילען די טעג און וואָכען וועלכע דאַרפען דערפירען צו דער גאולה הנפשית אין חג השבועות. קיין איין טאָג לענגער וויל מען זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט דער פיזישער אויסלייזונג, נאָר מען ציילט תיכף און אומגעדולדיג די ימי הספירה, די טעג וועלכע פירען צו דער גייסטיגער דערלייזונג.

**
*

אידען האָבען אויסגעהאַלטען און איבערגעהאַלטען דורות־לאַנג פאַרשידענע פינסטערע גלות׳ן, פאַרבונדען מיט אומפאַרגלייכליכע פיין, ענויים און יסורים, און דאָך זיך דערהאַלטען. און ניט נאָר דעם פיזישען קיום, נאָר אויך זייער רוחניות׳דיגען קיום. זייער אָפּגעזונדערטקייט און אייגענאַרט, זייער מהות און תוכן, זייער רוח און נשמה. דער איינציגער סוד פאַר אָט דעם וואונדערליכען און אומפאַרגלייכליכען זכות הקיום, איז געווען דער אייביגער און אומדער־שיטערליכער גלויבען אין די הבטחות התורה און יעודי הנביאים וועגען דער בחירה און נצחיות ישראל, און איז דער יסוד פאַר דער אומאויפהערליכער התחזקות של ישראל.

דאָס אידישע פאָלק איז אַ ג־ט׳ליכע שאַפונג. און קיין בשר ודם, מעג ער זיין דער מעכטיגסטער און רשעות׳דיגסטער, קאָן די שאַפונג ניט אונטער־ברעכען. דער בורא כל העולמים האָט אונז באַשאַפען אַלס נצח און אונז מיט זיין ג־ט׳ליכער נצחיות פאַרבונדען מיט אַ קשר לעולמי עד.

קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל חד הוא.

פסח, מיטן יציאת מצרים, איז געווען דער ערשטער שריט צום ווערען פון די בני ישראל אַ פאָלק, און שבועות, מיטן קבלת התורה, איז געקומען דער גמר, צו ווערען — ג־ט׳ס פאָלק.

**
*

אָט מיט דעם באַוואוסטזיין האָבען אידען געלעבט דורות־לאַנג. זייט זיי זיינען אידען געוואָרען. מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז אידען און יהדות איז אַן אָריגינעלע ג־ט׳ליכע שאַפונג, און אַז אין איר עצם מהות איז ניט נאָר ערדישע

עקזיסטענץ, ניט נאָר יציאת מצרים, נאָר די התקשרות מיטן היסטאָרישען מעמד הר סיני.

געווען, וואָס אַן אמת, אין אַלע צייטען און תקופות מענטשען וועלכע האָבען בשוגג, אָדער אַמאָל גאָר במזיד, אָפּגעווייכט פון דרך־החיים און תורה־השקפות. איינצעלנע שוואַכע אידען וועלכע האָבען ניט געוואָלט אויף זיך טראָגען דעם עול התורה און עול מלכות שמים. אָבער זיי זיינען געבליבען יחידים אין דער אידישער מחנה, און ניט אויסגעאיבט קיין השפעה אויף די מאַסען, וועלכע זיינען געבליבען טריי צום איינגעוואָרצעלטען דרך־האָבות.

היינט, ליידער, לעבען מיר אין אַ צייט אַ טראַגישע, אין אַ צייט ווען די שוואַכע און אָפּטריניגע באַגנוגען זיך ניט מיט בלייבען יחידים, נאָר זיי פאַר־מעסטען זיך מיט זייערע השפעות, לדאבוננו הרב, אויף גרויסע טיילען פון אידישען פאָלק.

דאָ און דאָרטען געפינען זיך גוט־אָרגאַניזירטע כחות פאַר אָפּרייסען אידען פון אידישקייט; פאַר אויסליידיגען דאָס אידישע פאָלקס־לעבען פון אַלע רגשי קודש; פאַר פאַרשוועכען אַלע קניני וקדשי האומה; און פאַר פאַרוואַנדלען דעם עם הסגולה והנבחר אין: ככל הגוים בית ישראל. און בכדי די דאָזיגע צילען צו דערגרייכען, זעען זיך ברייט־פאַרצווייגטע אַקציעס פון סיסטעמאַטישער העברת־הדת, הן אין זין פון מעשים און הן אין זין פון מחשבה און השקפה. די פירער פון רעפאָרם און קאָנסערוואַטיווען חדר אין חוץ לארץ, טוען אַלעס מעגליכעס אַראָפּצואוואַרפען פון זייער גייסטיגען באַגאַזש הייליגקייטען מיט וועלכע מיר אידען האָבען געלעבט אַלע צייטען און דורות; אָפּצורייסען אידען פון תורה ומצוות־מעשיות, און פון אונזער טיף־איינגעוואָרצעלטער אמונה אין בורא שמים וארץ. און אונזערע היינטיגע מושלים און די פרייע כחות אין מדינת ישראל, באַמיען זיך ווידער מיט אַלע זייערע כחות און מיטלען צו פאַרוואַנדלען דעם עם הקדוש אין אַ ככל הגוים, און דאָס ארץ הקדושה אין אַ ככל הארצות.

מען וויל מיט אַלע כחות פאַרוואַכעדיגען ביי אידען דעם באַגריף פון קדושת התורה און קדושת החיים. און מען פרובירט מיט אַלע אופנים איבער־רייסען דעם ענגען שייכות פון פסח מיט שבועות, פונ׳ם חג החרות מיטן חג מתן תורה.

***

דאָ האַנדעלט זיך ניט עפּעס אין איינצעלנע פּרטים. צי אַביסעל מער פרום אָדער אַביסעל ווייניגער זהיר במצוות. דאָ גייט אין גאַנצען יסודות׳דיגען איינשטעל, אין גאַנצען מהות, תוכן און נשמה פונ׳ם עם ישראל.

במשך אַלע דורות, מיום היותנו לעם, האָבען מיר אידען אַליין געוואוסט און געווען באַוואוסטזיניג איבער אונזער אַבסאָלוטער אַנדערשקייט פון דעם גאַנצען אַרום. און אויך די גאַנצע גרויסע וועלט פון ניט־אידען האָבען כסדר און ביי יעדער געלעגענהייט, צי צום גוטען אָדער צום שלעכטען, אונטער־געשטראָכען אונזער אייגענאַרטיגע אַנדערשקייט. שוין דער ערשטער המן הרשע האָט באַצייכענט דאָס אידישע פאָלק מיט די ווערטער: „ישנו עם אחד... ודתיהם שונות מכל עם״... און אַזוי טאַקע איז דער אמת. אַלע אומות ולשונות האָבען צווישען זיך אַ געוויסע ענליכקייט און נאָענטקייט, און אַלע אומות ולשונות קאָנען זיך לייכט דערנענטערן איינער צום צווייטען דורך וויתורים פון זייער אייגענס.

אָבער מיר אידען זיינען שוין טויזנטער יאָרען, הגם „מפוזר ומפורד בין העמים״, אַלץ געבליבען דער „ישנו עם אחד״ וואָס דערנענטערט זיך ניט צו דער אַרומיגער וועלט, נאָר האַלט זיך פעסט און עקשנות׳דיג אין זייער: „ודתיהם שונות מכל עם״. און עס איז קלאָר, און אויסער יעדען ספק, אַז דאָס, און נאָר דאָס, האָט אונז במשך דורות און תקופות דערהאַלטען אַלס זעלבסטשטענדיג פאָלק און אמונה. און דאָס, און נאָר דאָס, דערהאַלט אונז אויך היינט אין אונזער קיום אַלס עם ישראל.

דאָס איז די ענגע שייכות פון פסח מיט שבועות, פונ׳ם חג החירות מיטן חג התורה. ניט אַ פאָלק גלייך ווי אַלע פעלקער, נאָר אַן אייגנאַרטיג פאָלק, אַן עם התורה און אַן עם השם. און די אַלע כחות נייע ביי אונז, וועלכע ווילען דערפירען צו אַ פירוד בין הדבקים, צווישען חג הפסח און חג השבועות, ווילען זיי צונישט מאַכען דעם „ודתיהם שונות מכל עם״ און ממילא אונטערגראָבען דעם יסוד און זכות־הקיום פון דעם „עם אחד״.

דאָס געשעט ווייל זיי פאַרשטייען ניט דעם ספעציפישען מהות און חילוק בין ישראל לעמים. ביי אַלע אַנדערע פעלקער ענדיגט זיך דער קולמינאַציע־פונקט פון זייער נאַציאָנאַלער שטרעבונג, מיטן דערגרייכען זייער חג־החרות, זייער נאַציאָנאַלע פאָלקס־פרייהייט. ביי אונז איז דאָס אויך זייער וויכטיג, אָבער נאָר אַלס אַן התחלה צו אונזערע ווייטערע נאַציאָנאַלע באַשטימונג — מתן תורה.

אונזער ערשטער אידישער פאָטער, אברהם אבינו, האָט שוין דאָס פעסט־געשטעלט. לויט אונזערע הייליגע חכמים ז״ל, איז דער נאָמען אברהם העברי, עברי פון וואָרט עבר (זייט), דער סימבאָל פון צוויי זייטען אין וועלכע די מענטשהייט אין דער וועלט איז איינגעטיילט: „כל העולם מעבר זה ואברהם מעבר זה״. די וועלט איז געטיילט אין צוויי. איינע — פון אַלע אומות ולשונות, און די צווייטע — פונ׳ם עם ישראל.

***

שרעקען זיך דאַרפען מיר, מאמינים בני מאמינים, נישט. נישטאָ פאַרוואָס. מיר זיינען ג־ט׳ס פאָלק, מיט דעם כח האָבען מיר געלעבט, לעבען מיר, און ווילען לעבען.

„הסכת ושמע ישראל היום הזה נהייתה לעם לד׳ אלקיך״ (דברים כ״ז־ט׳).

„היום הזה״, דאָס איז דער טאָג פון קבלת התורה, זעקס טאָג אין חודש סיון, אינ׳ם חג השבועות.

מעגען אַנדערע זוכען ערדישע יסודות פאַר אידישען קיום, ווי שפּראַך, לאַנד און פיזישע שטאַרקייטען, מיר מאמינים גייען און ווילען גיין מיט אונזער אַלטען אויסגעפּרוּווטען אידישען וועג. מיט קבלת התורה זיינען מיר געוואָרען אַ פאָלק, און ניט סתם קיין עם, נאָר אַן עם לד׳ אלקיך, און פון דעם ווילען מיר ניט אָפּטרעטען.

„אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ד׳ אלקינו נזכיר״, און מיר זיינען זיכער, אַז „ואנחנו קמנו ונתעודד״.

צו די אַלע פעלשער און פאַרפעלשער, צו די אַלע מהרסי הדת והאמונה, האָט דאָס היסטאָרישע און אייביגע תורה־אידענטום איין־איינציגען ענטפער, וועלכען אונזערע הייליגע חכמים זל האָבען שוין געגעבען, און דאָס איז:

„אלף כיוצא בהם יבטלו, ואל יבטל אות אחת מן התורה״.

# דער יום־טוב פון דער אידישער היים

• פון הרב משה שערער

קיין שום יום־טוב אין אידישען קאַלענדאַר דרייט זיך ניט אַזוי אַרום דער אידישער היים און דער אידישער פאַמיליע ווי פסח. פסח על שום מה?... אשר פסח על בתי בני ישראל... ואת בתינו הציל — ווערט פאַרטייטשט פון רבי שמשון רפאל הירש ז״ל, אַז דער הויפּט־מאָטיוו פון פסח איז תמיד געווען — „ואת בתינו הציל״ — די רעטונג פון דער אידישער היים. און די רעטונג פון דער אידישער היים מיינט אייגנטליך די רעטונג פון גאַנצען פאָלק.

פאַר לאַנגע דורות האָבען אידען ניט מער פאַרמאָגט ווי די פעסטונג וואָס רופט זיך אידישע היים. פאַרלוירען די מלוכה׳שאַפט, פאַרטריבען פון לאַנד, דאָס בית־המקדש צעשטערט, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע קאָנטינענטען פון כדור הארץ. אָבער אַזוי לאַנג ווי עס האָט עקזיסטירט דאָס הייליגע ווינקעלע פון דער אידישער היים, וואו דער איד האָט אין זיין איינזאַמקייט זיך געקענט איינהילען ווי אין אַ טלית און באַשיצען זיך ווי אין אַ פאַנצער — אַזוי לאַנג האָט ער ניט נאָר געראַטעוועט זיך אַליין, נאָר טאַקע דאָס גאַנצע אידישע הויז־געזינד, דעם גאַנצען בית ישראל.

און כאַראַקטעריסטיש, אַ תורה־סינאָנים פאַרן כלל־ישראל איז — בית ישראל, דאָס אידישע הויז, וואָס קומט אפשר אונטערצושטרייכען, אַז כלל־ישראל באַזירט זיך אויף בית־ישראל, אויף דער אידישער היים.

טאָ לאָמיר־זשע היינט, ערב דעם אידישען היים־יום־טוב־פּסח — אַ יום־טוב וועמענס רוב מצוות און מנהגים אַקצענטירען אַזוי שטאַרק די אידישע היים און די אידישע משפּחה — אַ שמועס טאָן וועגען אונזערע אידישע היימען.

***

וואָס איז אַ שיינע אידישע היים? פרעגט אַזאַ שאלה אַ אידען אין גאַס און ער וועט אויף אייך אָנשטעלען אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגען. וואָס הייסט? אַ שיינע היים, איז אַ שיינע היים. און ער וועט אייך אויסרעכענען דאָס אַלץ וואָס איז היינט לויטן געוואָרען דער סטאַנדאַרד פון דעם באַגריף שיינקייט און וואָס איז דער אידעאַל פאַר וועלכען מיליאָנען מענטשען קוילענען זיך אַוועק.

לויטן דאָזיגען באַגריף פון שיינקייט זיינען אַוודאי די היימען פון אונזערע עלטערן און אור־עלטערן געוויס ניט געווען שיין. אָבער וואָס איז באמת אַ שיינע אידישע היים? אונזערע עלטערן און אור־עלטערן האָבען ניט געהאַט קיין „האָליוואוד קיטשענס״ און איינגעבויטע „עיר־קאָנדישאָנערס״. און דאָך האָבען זייערע היימען געשיינט מיט טויזענט חנ׳ען און געלויכטען מיט טויזענט שטראַלען פון שימערירענדען ליכט. אונזערע עלטערן און אור־עלטערן האָבען געוויס ניט געהאַט די אַלע לוקסוס־באַקוועמליכקייטען וואָס מיר פאַרמאָגען, אָבער ווער קען וואַגען צו זאָגען, אַז היינטיגע אידישע היימען זיינען שענער און גליקליכער פון זייערע?

אין אַ דור פון פאַלשע באַגריפן, איז אויך דער באַגריף „שיינע היים" פאַרוואָסערט און פאַרפעלשט געוואָרן. אַן אויסערליך רייכע און באַקוועמע היים, וואָס איז געוויס אַ ברכת ד', מיינט נאָך אַלץ ניט אַ שיינע, גוטע און גליקליכע היים. אַ היים קען זיין שיין מיט אַלע אויסערליכע עפעקטן און דאָך קען זי זיין — מיאוס. זי קען זיין באַקוועם און רחבות'דיג ווי אַ פּאַלאַץ און דאָך — ענג. זי קען זיין געבויט פון שטאַרקסטען גראַניט און דאָך — צע־טראַציע איז פּשוט איבעריג.

**
*

וואָס־זשע איז פאַרט אַ שיינע היים?

ווען מיר זעצען זיך צום סדר לערנען מיר עס בולט פון די מצוות און מנהגים ביים שיינעם סדר־טיש.

סימבאָליש, גראָד אין דער נאַכט ווען דער פאָטער פון הויז ווערט באַ־צייכענט אַ מלך, די עקרת־הבית אַ מלכה און די קינדער בני־מלכים; גראָד אין דעם „ליל שימורים", ווען מיר עפענען ברייט די טירען אַלס סימן פון זיכערקייט און חירות — גראָד דעם דאָזיגען סדר פאַנגען מיר אָן מיט „הא לחמא עניא" — מיט לחם עוני; עסען מיר כרפס, אַן אָרעמע און ביליגע גרינצייג, עסען מיר מרור...

איז עס ניט כאַראַקטעריסטיש? פאַר קיין שום יום־טוב ווערען אין דער אידישער היים ניט געמאַכט אַזוי פיל הכנות עס שיין צו מאַכען ווי פאַר פּסח; פאַר קיין שום יום־טוב'דיגע סעודה ווערט ניט אַזוי פיל געזאָרגט און אַזוי שפּאַנענדיג דערוואַרט ווי דער סדר, און אַט ווען עס קומט דער לאַנג־דערוואַר־טעטער מאָמענט און ווען מען זעצט זיך מיט שיינענדיגע אויגען און גליקליך־קלאַפּענדע הערצער צום סדר־טיש, פאַנגט מען עס אָן מיט... לחם עוני!

פאַראַן אַן אַ שיעור טעמים און סימבאָלען אין יעדער אידישער מצוה און אין יעדען אידישען מנהג און ד' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר. און איינער פון זיי דאַרף זיכער זיין אונז צו לערנען אַן אייביגען אמת וועגען דער אידישער היים.

אַ אידישע היים קען זיין באַשיידען און אַפילו אָרעם און דאָך קען זי צויבערן מיט שיינקייט; אַ אידישע היים קען זיין ענג ד' על ד' און דאָך זיין רחבות'דיג ווי אַ מלכות'דיגער פּאַלאַץ; זי קען זיין שוואַך און שלאַבערדיג ווי אַ שטרויענע כאַטקע און דאָך — שטאַרק ווי גראַניט, אומצעשטערבאַר ווי שטאָל.

יאָ, אויך מיט לחם עוני, אויך מיטן אָרעמען כרפס, און אַפילו ח"ו מיט מרור — קען דער אידישער מאַן זיין אַ מלך, די אידישע פרוי אַ מלכה און די היים אַ מלכות'דיגער פּאַלאַץ.

אויפן פּסוק „ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם" זאָגען אונז די מפרשים, אַז ניט נאָר אין גושן, נאָר אַפילו אין די אידישע היימען וואָס האָבען זיך געפונען צווישען די מצריים, איז געווען ליכטיג אין די ימי חושך. פאַראַן אַ ליכטיגקייט אין אידישע היימען וואָס לעכערט אדורך דאָס אויסערליכע חשכות פאַראַן אַן אור אין אידישע היימען וואָס אַנערקענט ניט די אַרומיגע פינצטערניש

ווי טעות'דיג איז אונזער לעבען אויב אין אונזער זאָרג פאַר דער היים לייגען מיר דעם טראָפּ אויף אַלע אויסערליכע לוקסוסען און באַקוועמליכקייטען

די דאָזיגע מאַכען בשום אופן אונזערע היימען ניט שענער, ניט גליקליכער און ניט זיכערער. די שיינקייט פון אַ אידישער היים זיינען ניט אירע טייערע מעבעל־שטיקער, ניט די פערסישע טעפּיכער, בשום אופן ניט דאָס אַלץ נאָך וועלכען מיר יאָגען זיך אַזוי. די שיינקייט פון אַ אידישער היים האָט גאַנץ אַנדערע שטריכען.

**
*

אַ אידישע היים באַזירט זיך קודם־כל אויף אירע קינדער. און טאַקע דער יום־טוב פסח און די פסח־נאַכט אַקצענטירט דעם דאָזיגען יסוד אַזוי שטאַרק: „והגדת לבנך ביום ההוא לאמור", „וכאן הבן שואל", „כנגד ארבעה בנים דברה תורה"... פּאַקטיש די גאַנצע סדר־נאַכט איז דאָך פאַרן צוועק פון והגדת לבנך, פאַר וועקען דעם אינטערעס פון די קינדער, זיי דערציילען און מחנך זיין און אַזוי אַרום זיי אַריינפירען אין דעם מעכטיגען ג־טליכען פּראָצעס פון אידישער געשיכטע וואָס יציאת מצרים איז זיין צענטראַלער אויס־גאַנגס־פּונקט.

אין דעם געיעג צו בויען אַ שיינע און זיכערע היים, איז וויפיל מאָל פאַר־געסען אידישע עלטערן דעם דאָזיגען יסוד. אַפּטמאָל זוכען זיי צו בויען און באַפעסטיגען זייערע היימען טאַקע נאָר פאַר די קינדער־וועגען, אָבער די קינדער גופא פאַרנאַכלעסיגט מען. מען שענקט אַוועק פאַר די קינדער־וועגען אַלץ וואָס מען פאַרמאָגט, די גאַנצע כוחות און די גאַנצע ענערגיע, אָבער גראָד דעם יסוד היסודות, דעם „והגדת לבנך", ווערט פאַרגעסען אין געיעג צו בויען דאָס הויז.

אָבער אַ אידישע היים בויט זיך אין שיינקייט און אין זיכערקייט נאָר דאַן ווען די טאַטע־מאַמע האָבען געגוג צייט פאַר דער אויפגאַבע פון „והגדת לבנך", ווען זיי געפינען געגוג געדולד פאַר די קינדערישע שאלות — וכאן הבן שואל; ווען זיי באַמיען זיך אַליין צו לערנען ווי אַזוי צו ענטפערן יעדער טיפּ קינד — כנגד אַרבעה בנים דברה תורה; נאָכמער ווען זיי פאַרנאַכלעסיגען אפילו ניט דעם שאינו יודע לשאול, דאָס קינד וועמענס אינטעלעקטועלע כוחות זיינען שוואַך, אַת פתח לו...

אָט איז דער סדר, די נאַכט וואָס מען דאַרף פייערן דעם גרעסטען געשיכט־ליכען מאָמענט פון אַ פאָלק וואָס איז אַרויס מעבדות לחירות און וועלכער סימבאָליזירט ניט נאָר דעם פסח־מצרים, נאָר אויך די גאולה לעתיד לבא — בב"א, און פאַרבונדען האָט די תורה די נאַכט מיט די האַרבסטע מצוות — און אָט דאָס אַלץ, דער גאַנצער צערעמאָניאַל, די אַלע מצוות און מנהגים זיינען גאָרניט — ניט מער ווי בכדי דאָס קינד זאָל פרעגען און דו זאָלסט ענטפערן און אַזוי אַרום בויען אַן עכט אידיש־שיינע היים...

**
*

ווי אַזוי איז מען אייגנטליך מחנך אַ אידיש קינד, וואָס איז דער אידישער דערציאונגס־סיסטעם?

די סדר־נאַכט גיט אונז די מעטאָדע, דעם סיסטעם.

„והגדת לבנך ביום ההוא לאמור בעבור זה... בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך". דערציילט דיין קינד און לערן עס ניט מיט קיין רעדעס און דרשות, נאָר מיט מעשים, מיט פּראַקטישע מצוות. מיט זיין אַ מוסטער פאַר דיין קינד. אַ קינד פאַרשטייט ניט קיין פילאָזאָפישע טראַכ־טאַטען. עס זעט און הערט און עס מוז דעריבער זען דיך אַליין טאָן, — „מצה ומרור מונחים לפניך" (לויט רשר"ה ז"ל).

וויפיל מאָל פאַרגעסען מיר אָט דעם וויכטיגען יסוד. אוודאי ווילען מיר, אַז אונזערע קינדער זאָלען זיין גוט און פרום; זאָלען אין זיך איינזאַפּען אַ ליב־שאַפט צו תורה און מצוות, אַלע פיינע און איידעלע אידישע מידות. פאַרן דאָזיגען צוועק שיקען מיר זיי אין ישיבות און אין בית־יעקב שולען. מיר זוכען פאַר זיי אויס די בעסטע מלמדים און לערער. אָבער די סדר־נאַכט לערענט אונז אַז דאָס איז ניט גענוג. אויך מיר מוזען זיין דערביי. מיר מוזען זיין אַ מוסטער.

ווי קען מען דערוואַרטען צו אַנטוויקלען ביי קינדער אַ ליבשאַפט צו גייסטיגע ווערטען, אויב מען איז אַליין תמיד איינגעטונקען אין גשמיות? ווי קען מען דערוועקען ביים קינד אַ חשק צום לערנען, אויב מען געפינט אַליין ניט קיין צייט צו עפענען אַ אידיש ספר? ווי קען מען פלעגען ביים קינד אַ ריכטיגע באַציאונג צו תורה, אויב מען איז אַליין ניט גענוג אַ מוקיר רבנן? און ווי קען מען דאָס קינד מדריך זיין צו אידישע מידות אויב מען איז אַליין ניט נזהר אין ענינים פון בין אדם לחבירו?

פאַר דער שיינקייט פון דער אידישער היים, דאַרפען מיר בעת מיר טראַכטען וועגען חינוך פון אונזערע קינדער, אויך אַ טראַכט טאָן וועגען אונזער אייגענעם חינוך...

***

אַ אידישע היים בויט זיך אויף דער אָפּהענגיגקייט אין העכערן רצון ד' און אויף בטחון. און נאָר דערפאַר האָבען אונזערע אור־עלטערן באַוויזען צו בויען אַזעלכע שטאַרקע אידישע היימען אויך אין צייטען פון פיין און נויט פון אָרעמקייט און רדיפות. אַ אידישע היים בויט זיך אויף דעם יסוד, אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, אַז „כחי ועוצם ידי" זיינען גאָרניט.

אויף אַ וואונדערליכען אופן סימבאָליזירט עס די מצה, וויזט אָן דער לוצקער רב הגאון ר' זלמן סאָראָצקין שליט"א אין זיין פירוש „אזנים לתורה". אויפן פסוק „כי בחוזק יד הוציא ה' אתכם מזה ולא יאכל חמץ", גיט ער צו פאַרשטיין, אַז דאָס ניט עסען חמץ סימבאָליזירט דאָס באַוואוסטזיין, אַז נאָר ד' „הוציא אתכם מזה", אַז עס איז ניט געווען קיין אייגענער מענטשליכער כוח. די מצה טוט גאָרניט פון זיך אַליין אין איר ווערען. עס איז די אַרבעט פון אַן אַנדערן כוח וואָס מישט די מעל מיטן וואַסער, קנעט אויס די טייג און באַ־שאַפט. דער חמץ דאַגעגען באַטייליגט זיך אַליין אין זיין באַשאַפונג. די חמץ קען ניט געמאַכט ווערען, סיידען זי אַליין זויערט זיך אויף און וואַקסט.

און טאַקע אין זמן פון אַרויסגיין מעבדות לחירות, רוימען מיר אויס דעם חמץ־באַגריף, בכדי צו געדענקען, אַז דער מענטש אַליין איז ניט דער בעל־בית איבער זיין שיקזאַל, אַז ער קען גאָרניט אויפבערענגען אָן דעם רצון ד'

אידישע היימען זיינען געווען פיל גליקליכער ווען דאָס באַוואוסטזיין פון אָפּהענגיגקייט אין השם יתברך האָט באַהויכט די אידישע משפחה. ווען מאַן און פרוי און קינדער וויסען, אַז די מענטשליכע פליכט און מעגליכקייט איז נאָר צו טאָן אָבער ניט אויפצוטאָן, און אַז הצלחה איז אָפּהענגיג ניט פון מענטשען; אַז גליק אָדער ח״ו אומגליק, רייכטום אָדער ח״ו עניות, זיינען ניט אָפּהענגיג אין מענטשליכער ענערגיע אָדער כשרון, נאָר אין ווילען פון אַלמעכטיגען.

וויפיל צעבראָכענע אידישע היימען וואָלטען היינט געווען גאַנץ, ווען מיר וואָלטען פאַרמאָגט אָט דעם „מצה־באַגריף״, די אמונה תמימה, דעם בטחון אין אויסשליסליכער הילף פון השי״ת, ווי עס האָבען געהאַט אונזערע זיידעס און באָבעס.

**
*

מיט אַ טויזענט חנ׳ען האָבען זיך אַמאָל אויסגעצייכענט אידישע היימען און איינע פון זיי דערמאָנט זיך גראָד אין דער סדר־נאַכט: די חנ׳עוודיגע אידישע מידה פון הכנסת אורחים, וועלכע ציט זיך ווי אַ גאָלדענער פאָדעם אַזש פון אַברהם אָבינו.

מיר זעצען זיך צום סדר־טיש און זאָגען נאָר די ערשטע איינלייטונג־ווערטער פון „הא לחמא עניא״ און באַלד האָקען מיר איבער דעם גאַנצען ענין און זאָגען: „כל דכפין ייתי ויכל״, אַ דעקלאַראַציע, אַז אַ אידישע היים האָט ברייטע, אָפענע טירען, אָפען פאַר יעדען הונגעריגען, אָפען פאַר יעדען נויט־באַדאַרפטיגען. און ניט נאָר זיינען זיי אָפען; די אידישע היים וואַרט אַפילו ניט ביז יענער וועט קומען און בעטען. די איינלאַדונג קומט אין פאָראויס.

די אידישע היים איז ברייט און אָפען, ניט נאָר ווען זי האָט שפע, ווען זי איז איבערפולט מיט כל־טוב. „הא לחמא עניא״ — אויך דאַן ווען זי האָט ניט מער ווי „לחם עוני״ — אויך דאַן „כל דכפין ייתי ויכל״. אַזוי האָבען אַמאָל אויסגעזען אידישע היימען. דאָס איז דער קען־צייכען פון אַ אידישער היים.

**
*

„ואת בתינו הציל״ — די סדר־נאַכט קען טאַקע ראַטעווען אונזערע היימען, אויב מיר וועלען טיף־נשמה׳דיג איינזאַפּען איר לערע, און עס מאַכען פאַר אונזער סדר פאַר אַ גאַנץ יאָר.

# „...נאָר דורך אים אַליין״

• פון ניסן גאָרדאָן

„ויוציאנו ה׳ ממצרים — לא על ידי מלאך ולא על ידי שרף ולא על ידי שליח, אלא הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו״.

**ק**יינעם, קיינעם האָט דער אויבערשטער ניט איבערגעגעבן די שליחות פון אַרויסנעמען די אידען פון מצרים.

משה איז נאָר געווען אַ שליח צו גיין צו פרעה׳ן און וואָרענען אים. און די מכות וואָס זיינען געקומען אויף פרעה׳ן דורך משה׳ס האַנט אָדער שטעקען האָבן טאַקע ניט געבראָכן פרעה׳ס עקשנות, ביז דער אויבערשטער אַליין איז אַדורכגעגאַנגען דאָס לאַנד מצרים (ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה, אני ולא מלאך), אַליין געשלאָגען די בכורים (והכיתי כל בכור בארץ מצרים, אני ולא שרף) און אַליין געטאָן משפט׳ן זייערע אָפּגעטער (ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים, אני ולא השליח).

די גאולה איז ניט אָנפאַרטרויט געוואָרען צו קיינעם, ניט צו קיין געווינט־לעכען מלאך וועמענס געשטאַלט בייט זיך יעדען טאָג, ניט צו קיין שרף וועל־כער טונקט זיך אין דעם נהר של אור וואָס פלאַקערט אונטער׳ן כסא הכבוד, און אַפילו ניט צום שליח, דעם מלאך מטטרו״ן, דער שר של ישראל.

לא על ידי מלאך ולא על ידי שרף ולא על ידי שליח.

אין מצרים, דער מקור פון טומאה און עבודה זרה, אין אַ מצרים וועמענס קעניג שרייט אויס לא ידעתי את ה׳, אין אַזאַ מקום הטומאה קען די גאולה ניט קומען דורך אַ השתלשלות־פּראָצעס וואָס זאָל אַדורכפירען דאָס גאולה־ליכט איבער די מדרגות וועלכע ציען זיך פון דער העכסטער הויך ביז דעם נידעריגסטען פונקט אויף דער ערד.

אויף בייצוקומען דעם חושך מצרים האָט זיך גענויטיגט אַזאַ ליכט וואָס זאָל ניט האָבן דעם מינדעסטען שפּור פון מענטשלעכער באַווירקונג אָדער פאַרמיטלונג. עס האָט זיך גענויטיגט אַ גילוי שכינה וואָס ווערט באַצייכענט (ליקוטי תורה פ׳ ד׳) אַלס אַ „המשכה שלמעלה מסדר ההשתלשלות״, אַזאַ סאָרט גילוי שכינה וואָס אַ מלאך קען עס אַפילו ניט סובל זיין און ניט פאַרטראָגען אַלס אַ שליח.

די גאולה פון מצרים האָט ניט געקענט קומען אויף קיין שום אַנדער וועג ווי נאָר דורך הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו. אַנדערש וואָלט זיך די טומאה ניט גערירט און איר אָרט וואָלט ניט אָפּגעליידיגט געוואָרען פאַר׳ן אָנקום פון דער גאולה־ליכט.

עס קען אויך זיין אַז די טומאה איז געוואָרען אַזוי גרויס אין מצרים, אַז אויב די גאולה וואָלט געקומען דורך אַ שליח, מעג ער אַפילו זיין אַ מלאך אָדער

אַ שרף, וואָלט עס געגעבען אידען אַ מקום לטעות און זיי וואָלטען עס אָנגעטאָן אין לבוש פון טבע. פאַרשיידענע דערקלערונגען פון נאַטירליכע עוואָלוציעס און אַנטוויקלונגען וואָלטען דאַן פאַרנומען דעם אָרט פון דער ריינער אמונה וואָס האָט דערגרייכט איר קלימאַקס אין אויסזינגען „זה א־לי ואנוהו".

ראתה שפחה על הים... אַפילו די שוואַכסטע פון די שוואַכע, אַפילו די וואָס זיינען אונטערטעניג און משועבד און דינען דעם אייגענעם איך, אַפילו זיי האָבען אין מצרים געזען „את היד הגדולה אשר עשה ה'".

אני ה', אני הוא ולא אחר.

***

און ווער נאָך ווי מיר וועלכע לעבען אין דער איצטיגער תקופה האָבען באַשיינפערליך געזען אַז די גאולה קען ניט קומען דורך קיינע שליחים, נאָר דורכ'ן כביכול אַליין?...

שוין איבער פופציג יאָר ווי אַ גרויסער טייל פון אידישען פאָלק האָט זיך פאַרנומען אויף אַ דרך וואָס וויל ברענגען די גאולה דורך „מלאכים" און „שרפים" און שלוחים, און נאָך פופציג יאָר ציוניזם דאַרף מען גאָר ניט זיין קיין קנאי'שער פאַנאַטיקער כדי איינצוזען, אַז ס'איז ניטאָ, פשוט ניטאָ אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט, קיין אַנדער אויסוועג ווי אָנצוקומען צו הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו.

דער נאַטירליכער פּראָצעס דורך וועלכען אַנדערע פעלקער געווינען זייער פרייהייט האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין פאַר אונז אידען פאַרלייגט מיט אבני־נגף וועלכע קומען פון אַלע זייטען, פון רעכטס און פון לינקס און פון די אַזוי־גערופענע נייטראַלע אויך.

אַפילו די פריינט אונזערע, דאָס הייסט אַפילו די, וואָס האָבען זיך שוין אַרונטערגענומען די האַנט פון הארצען און זאָגען מיט איין זייט פון זייער פאַלשען מויל, אַז דער גאָלף פון אַקאַבאַ איז אַ פרייער אינטערנאַציאָנאַלער וואַסער־וועג און אַז אידישע שיפען מעגען דורכפאָרען דעם סועץ־קאַנאַל, אַפילו זיי ווילען זיך דאָך באַוואָרענען געגען „איזראַעל'ס עקספּענשאָן"... און זיי האָבען שוין טאַקע ניט דערלאָזען!...

ווי אַזוי, רבותי, קענען מיר דערוואַרטען על־פי דרך־הטבע געהאָלפען צו ווערען אין אַזאַ ים פון שנאה ווען קיינער וויל אונז ניט אָנקוקען, און מזרח און מערב שלאָגען זיך איבער אַ שמייכעל פון אונזערע בלוטיגסטע שונאים?...

מדינת־ישראל דרייט זיך אַרום אויפן פעלקער־יאַריד ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער יתום וועמען יעדער איינער וויל אָפּשטופען און אַוועקמאַכען מיט דער האַנט, און דער פּאַרדרוס איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס די פאַרטרעטער פון דער מדינה אויפן פעלקער־יאַריד מיינען טאַקע, אַז די מדינה איז אַ יתום אויף אַן אמת, ניט נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט אַז וואָס־וואָס אָבער קיין יתומים זיינען מיר ניט...

פאַראַן אַ האַרציג־דביקות'דיג חב"ד'ער ניגון, וועלכער איז אַריינגעפּאַסט אין אַ פּאָר שורות רוסישע ווערטער און גייט עס אַזוי:

„כאַטש מי כודי, כאַטש מי ביעדני,
„אַלע נאַשי באַטשקי דאָבריי".

(כאטש מיר זיינען ארים, כאטש מיר זיינען דאַר, אָבער אונזערע עלטערן זיינען גוט).

מיר זיינען עלענד אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע ווייל מיר זיינען עלענד ביי זיך אין הארצען, ווייל מיר האָבען געבויט די גאַנצע צייט אויף „מלאכים" און „שרפים", וועלכע האָבען אונז צום וויפעלטען מאָל פאַרראַטען און געוויזען זייער אמת'ן פרצוף.

און די טומאה וואָס פילט היינט אָן דעם חלל פון דער וועלט איז לגמרי ניט היגטערשטעליג אַנטקעגען דער טומאה פון מצרים.

דעמאָלט איז די עבודה זרה געווען דער טייך נילוס און אויך היינט איז די עבודה זרה אַ וואַסער־קאַנאַל — אין זעלבען נילוס־טייך — צו וועלכען די גאַנצע וועלט דינט און בוקט זיך.

דער כוח פון היינטיגען פרעה איז אויך על שפת היאור, דאָרט חלומ'ט ער אַלע זיינע הערשערישע טרוימען און דאָרט באַהאַלט ער אויס, פונקט ווי זיין פאָרגייער, אַלע זיינע שוואַכקייטען... און די חרטומים שטראָמען אַהין צו פותר זיין אים צו גוטען אַלע זיינע חלומות און זיי קומען ניט מיט ליידיגע הענט... ניין, זיי קומען מיט גרויסע מתנות פאַר זיינעטוועגען, מתנות אויפן חשבון פון אידישען פאָלק, וועלכעס האָט זיך פאַרלאָזט אויף די חרטומים און געטרויט זיי.

דורך די „מלאכים" און „שרפים" פון דער יו־ען זיינען מיר ניט געהאָלפען געוואָרען און אונזערע אַזוי־גערופענע פריינט האָבען אונז ברוטאַל פאַרראַטען.

אַזאַ טומאה קען ניט אויפגעריסען ווערען דורך קיין מלאכים און שלוחים.

אַזאַ חושך קען ניט פאַרטריבען ווערען ניט דורך דיפּלאָמאַטיע און ניט דורך קאַמף.

פונקט ווי אין מצרים וועט אויך איצט מוזען קומען די גאולה מיט אַ גילוי שכינה וואָס וועט זיין ריין פון מענטשליכער באַווירקונג, אַ ליכט־שטראַל וואָס איז העכער פון סדר השתלשלות און העכער פון טבע.

**
*

פאַראַן אַ מעשה פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער מיט אַ טיפען מוסר־השכל פאַר אונז היינט:

ר' לוי יצחק האָט געפראַוועט דעם ערשטען סדר מיט אַזוי פיל התלהבות און דביקות, אַז ער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין מכוון געווען אַלע כוונות.

האָט מען אים מגלה געווען פון הימעל:

„גרויס זיך ניט מיט דיין סדר... דאָ אין שטעטעל איז דאָ אַ איד, חיים דער טרעגער הייסט ער, און ער פראַוועט דעם סדר שענער פון דיר..."

האָט ר' לוי יצחק אַ פרעג געטאָן ביי די חסידים, וואָס זיינען געזעסען אַרום דעם טיש, צי זיי קענען חיים דעם טרעגער. נאָר איינער פון זיי האָט געענטפערט אַז ער קען אים, אָבער וואו ער וואוינט ווייסט ער ניט.

האָבען זיך די חסידים אַרויסגעלאָזט אין דער ערשטער סדר־נאַכט איבער די פינצטערע געסלעך פון שטעטעל אויפצוזוכען חיים דעם טרעגער. זיי האָבען געפונען די הייזקע וואו ער האָט געוואוינט און דעם טרעגער'ס ווייב האָט זיי באַגעגענט מיט פאַרוויינטע אויגען:

„וואָס ווילט איר פון מיין מאַן?... אָט־דאָרט ליגט ער אַ שיכור׳ער און שלאָפט..."

די חסידים האָבען אים גלייך אויפגעוועקט און אַוועקגעטראָגען אויף די אַקסלען צו ר׳ לוי יצחק׳ן, וועלכער איז געזעסען אין ווייסען קיטעל ביים סדר־טיש און געוואַרט אויף חיים דעם טרעגער.

„ר׳ חיים", האָט אים ר׳ לוי יצחק אַ פרעג געטאָן, „איר האָט געזאָגט שבת הגדול „עבדים היינו"?..."

„יאָ", האָט דער טרעגער געענטפערט מיט אַ שאָקעל פון זיין פאַר׳שיכור׳טען קאָפּ.

„...און חמץ האָסטו בודק געווען?..."

דער טרעגער האָט ווידער אַ שאָקעל געטאָן אויף יאָ.

„...און דעם סדר האָסטו היינט ביינאַכט געפּראַוועט?..."

„...רבי, איכ׳ל אייך אויסזאָגען דעם ריינעם אמת..." האָט דער טרעגער אָנגעפאַנגען צו רעדען מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, „...איך ווייס אַז די אַכט טעג פסח טאָר מען ניט טרינקען קיין שנאַפּס, האָב איך זיך אָנגעטרונקען היינט איינדערפרי, אַז ס׳זאָל מיר קלעקען פאַר אַכט טעג... ווען עס איז געוואָרען נאַכט און די וויב האָט מיך אָנגעפאַנגען וועקען און בעטען צו פּראַווען דעם סדר ווי אַלע אידען, האָב איך האַלב ברוגז׳לעך געענטפערט: ׳וואָס ווילסטו פון מיר?... איך בין אַ איד אַ פּראָסטאַק און מיין טאַטע איז געווען אַ פּראָסטאַק ...איך ווייס איין זאַך — די אידען זיינען געווען אין גלות אין מצרים און מיר האָבען אַ ג־ט וואָס האָט זיי פון דאָרט אַרויסגענומען... איך איצט זיינען מיר אין גלות און ג־ט וועט אונז ווידער אויסלייזען׳..."

ר׳ לוי יצחק האָט געהייסען די חסידים אַוועקטראָגען חיים דעם טרעגער צוריק צו זיין געלעגער און ער אַליין האָט זיך פאַר׳דביקה׳ט און אויסגערופען אויף זיין שטייגער:

„זיינע רייד האָבען, ווי עס זעט אויס, אויסגענומען אין הימעל מער ווי מיין התלהבות אין ווייסען קיטעל... מער ווי דאָס ווייסט ער ניט און דאָס וואָס ער ווייסט, האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ תמימות..."

***

דער פּראָסטער טרעגער, וועמען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט מקנא געווען זיין אמונה פשוטה, ער האָט זיך לכל־הפּחות אויפגעכאַפּט אויף אַ ווײַלע פון זיין פאַר׳שיכור׳טען שלאָף און געזאָגט דער וויב זיינער, אַז ער ווייסט נאָר איין זאַך, אַז ג־ט וועט אויסלייזען די אידען!...

מיר שלאָפען נאָך פאַר׳שיכור׳טערהייט און ווייזען ניט קיין סימנים, אַז מיר האַלטען ביים אויפכאַפּען זיך.

מיר שלאָפען טראָץ דעם וואָס מ׳וועקט אונז מיט וועלט־אויפטרייסלענדע איבערקערענישען, טראָץ דעם וואָס פון יעדען ווינקעלע אויפן ערד־קוגעל שרייט אויס אַ בת־קול וואָס וואָרענט:

„לא על ידי מלאך ולא על ידי שרף ולא על ידי שליח אלא הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו..."

## חסידים דערציילען . . .

# גלות און גאולה

פון יהודא ליב לעווין

## אַרויסציען פון אידען

רבי יעקב שמשון שעפּעטיווקער האָט געזאָגט:

— ס'איז פיל גרינגער אַרויסנעמען די אידען פון גלות אידער אַרויסנעמען דעם גלות פון אידען . . .

## די שכינה און די אידען

רבי שלמה הכהן פון ראַדאָמסק האָט אַמאָל געפרעגט זיינס אַ חסיד:

— איבער וואָס זיפצטו אַזוי?

—איבער גלות השכינה — האָט דער חסיד געענטפערט.

האָט ר' שלמה אים צוריק געענטפערט:

— אויף גלות השכינה אַליין האָסטו זיך נישט וואָס מצער צו זיין. די שכינה ברויכט נישט אונזער רחמנות. זי קען אייביג זיצען אין גלות און בלייבען אַזוי ווי זי איז. אויף אונז, זעסטו, איז דאָ וואָס זיך מצער צו זיין, ווייל מיר, איך און דו, קענען נישט אויסהאַלטען אַזוי לאַנג דעם גלות . . .

## מיט אַראָפּשלינגען מרור איז מען ניט יוצא

ר' ירחמיאל ישראל יצחק פון אַלכסנדר, דער „ישמח ישראל", האָט געזאָגט: מיר האָבען געלערענט: בלע מצה יצא בלע מרור לא יצא — ווייל דער מרור איז געמאַכט געוואָרען מען זאָל אים גוט צעקייען . . .

## איידער משיח וועט קומען

דער רבי ר' בונם פון פּשיסכע האָט געזאָגט:

—איידער משיח וועט קומען וועט געמאָלט זיין זומער אָן היץ און ווינטער אָן קעלט; לומדים אָן תורה, חסידים אָן חסידות; צדיקים אָן מעשים טובים און בעלי מידות אין וועלכע ס'איז פאַראַן כל מום רע . . .

## נאָכ'ן מרור

רבי נחמן בראַסלאַווער האָט אַמאָל דערציילט:

אַ איד און אַ גוי האָבען געמאַכט שותפות און געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט נעמען נדבות. זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט פונקט אויף פסח. דער גוי האָט זיך נישט אויסגעגעבען אַז ער איז אַ גוי און איז אַזוי ווי זיין חבר דער איד, געגאַנגען צום סדר אַלס אורח צו אַ בעל־הבית.

דער גוי איז געזעסען ביים סדר אויפגעשטורעמט און נערוועז. מ'האָט אים אָנגעגאָסען אַ ביסעל ווייז און געגעבען אַ שטיקעל פּעטרישקע. דער גוי האָט געוואַרט אויף דער סעודה אָבער דער בעל־הבית האָט זיך גאָר גענומען צו דער הגדה.

ווי דער באַלעבאָס האָט אויף אַ מאָמענט אויפגעהערט דאַווענען — האָט דער גוי געטראַכט, אפשר וועט ער איצט באַקומען עפּעס צום עסען. און אָט האָט דער בעל־הסדר גענומען אַ שטיקעל מרור און גענומען טיילען צו די מסובים.

דאָ האָט דעם גוי'ס סבלנות געפּלאַצט, אַ וואַרף געטאָן דעם מרור אויפן טיש און אַרויסגעלאָפען אין מאַרק.

נאָך חצות האָט דער איד געטראָפען דעם גוי און דער לעצטער האָט זיך געבייזערט: וואָסערע מנהגים האָט איר עפּעס אידען, מען זיצט און מען רעדט גאַנצע שעה'ן און דערנאָך, אָנשטאָט עסען גיט מען ביטערס?

— שוטה איינער — האָט דער איד צוריקגעענטפערט — וואָס ב'סטו אַזוי אויפגערעגט? ווען דו וואָלסט געהאַט אַביסעל געדולד, וואָלסטו זיך איבערצייגט, אַז נאָכ'ן מרור קומען אַלע גוטע מטעמים . . .

## מה נשתנה

מען האָט ר' פּנחס'ל פון פראַנקפורט געפרעגט:

— פאַרוואָס פרעגט מען „מה נשתנה"

פסח און נישט סוכות, ווען מען גייט אריבער פון דער שטענדיגער דירה צו א פראוויזאר׳ש ביידעל?

האט ר׳ פנחס׳ל געענטפערט:

— פסח פירען מיר זיך אויף מעשה שררה, פרעגט מען מה נשתנה? וואס עפּעס אזא ברייטקייט אין א פארוויטאגטען גלות? סוכות, דאגעגען, גייט דער איד אריין אין א וואקעלדיגער סוכה, ווי עס פאסט טאקע פאר א איד אין גלות — דעמאלט איז ניטא קיין ארט צו פרעגען „מה נשתנה״...

## נאר משיח אליין...

מען פלעגט נאכזאגען אין נאמען פון א רבי׳ן:

— ווען אלע גדולי ישראל וואלטען געמאכט יד אחת, באשטימט א געוויסען טאג און אים געמאכט פאר א טאג פון ביאת המשיח, אנגעטאן בגדי יו״ט, זיך מקדש ומטהר געווען און ארויסגעגאנגען אין גאס באגריסען משיח׳ן, וואלט זיכער משיח זיי נישט מבייש געווען און זיי אקעגענגעקומען. אבער דאס איז דער שווער־פונקט: צו פועל׳ן אז אלע גדולי ישראל זאלען זיך פאראייניגען און ארויס צוזאמען אין גאס — דאס קען נאר טאן טאקע משיח, נאכדעם ווי ער וועט קומען...

## יסורים פון זאלץ

ר׳ מנחם מענדיל פון סקיערניעוויץ האט געזאגט:

— עס שטייט: יסורים ממרקים עוונותיו של אדם. מה מלח מטעים את הבשר כך היסורים מחזירים את האדם למוטב.

און ער האט צוגעגעבען: הגם פלייש דארף זאלץ, פארלירט דאס פלייש דעם טעם, אז מען זאלצט עס צופיל. אויב אזוי, רבונו של עולם, אז די יסורים צערייבען די עוונות מער ווי מען דארף, פארלירט עס דען נישט אמאל זיין טעם?

## אויף די כנסת ישראל

א פרוי האט זיך באקלאגט פאר׳ן קאזשעניצער מגיד:

— מיין מאן האט מיך פארלאזען. ער האט געזאגט, אז איך בין אים פאר׳מיאוס׳ט געווארען.

— און אפשר איז עס אזוי? — האט דער מגיד געפרעגט.

— און וואס בין איך געווען ביי אים נאך דער חתונה? — האט די פרוי צוריקגעענטפערט.

דער מגיד האט געווענדעט זיינע אויגען צום הימעל און געזאגט:

— רבונו של עולם! האב רחמנות אויף דער דאזיגער פרוי, וואס איז געגליכען צו דער כנסת ישראל. מיר זיינען היינט אין דיינע אויגען שווארץ און מיאוס, אבער, האסטו דען אונז ניט גענומען ביים בארג סיני, בעת מיר זיינען געווען ווייס און שיין? כארוואס האסטו אונז איצט אוועקגעווארפען פון דיר?...

## מען דארף וויסען אויף וואס צו בעטען

רבי ישעי׳ אשר פון ראפשיץ האט דערציילט:

— בעת דער באלאגערונגס־צייט פון סעוואסטאפאל איז דארט געקומען דער קייסער נ קאלאי אויף באזוך. א טערקישער סאלדאט האט נאכשפּיאנירט דעם קייסער ווי ער וואלט אים געוואלט אומברענגען. פלוצים איז אונטערגעקומען א רוסישער סאלדאט און האט דעם קייסער אפגעראטעוועט.

דער קייסער האט גערופען דעם זעלנער וואס האט אים געראטעוועט און אים געפרעגט:

— וואס פארלאנגסטו פאר ראטעווען מיך און דו וועסט עס קריגען.

— איך פארלאנג — האט דער זעלנער ארויסגעשטאמעלט — אז מען זאל טוישען אונזער איצטיגען אפיציר אויף אן אנדערען, מחמת ער איז אן אכזר.

— שוטה — האט דער קיסר אויסגערופען — האט דאך בעסער געקענט פארלאנגען איך זאל דיך מאכען פאר אן אפיציר.

און ר׳ ישעי׳ אשר האט פארענדיגט:

אזוי איז מיט אונז. מיר פארלאנגען כסדר נארישקייטען און קלייניגקייטען אנשטאט צו בעטען אז די גאולה זאל קומען...

## דער אמת׳ער גלות

ר׳ דוד׳ל סאכאטשאווער האט געזאגט:

דאס רחבות אין גלות איז נישט עפּעס אנדערש ווי דער אמת׳ער גלות. ווייל עס מאכט אונז מסיח דעת זיין און פארגעסען, אז מיר זיינען נאך אלץ אין גלות...

## היינט — ווי נעכטען

מען האָט געפרעגט דעם „איד הקדוש" פון פשיסכע:

— פאַרוואָס קומט נישט משיח?

האָט דער איד הקדוש געענטפערט:

עס שטייט: „מדוע לא בא בן ישי גם תמול גם היום?"

— פאַרוואָס איז ער נישט געקומען? ווייל מיר זיינען היום — היינט אַזוי ווי תמול — ווי נעכטען, גאָרנישט בעסער ווי אין נעכטיגען טאָג...

## משיח איז נאָך נישט געקומען

מען האָט געפרעגט ר' נחומ'טשע פון טריסק:

— צוליב וואָס זיינען מ'ר מצוה געוואָרען אויסצוקוקען יעדע מינוט אויף משיח'ס קומען, מיר ווילען זיך דען נישט פרייען מיט אים אויסער דעם?

האָט ר' נחומ'טשע געענטפערט:

— מיר זיינען מחויב צו האָפען אויף זיין קומען, כדי מיר זאָלען נישט פאַרגעסען און מיינען, אַז ער איז שוין באמת געקומען.

## ווי אַזוי וועט מען אויסגעלייזט ווערען

— דער מענטש וועט נישט אויסגעלייזט ווערען, איידער ער וועט מתקן זיין וואָס ער האָט קאָליע געמאַכט. זאָל דער מענטש זיך אַליין פאַרבעסערען — וועט ער אויסגעלייזט ווערען. אַ מענטש וואָס האַלט, אַז ער האָט נישט וואָס אויסצובעסערען, האָט נישט קיין שום שייכות צו גאולה. אין דער מאָס וואָס מיר ווילען זיך אויסבעסערען — אַזוי פיל וועט מען אויסגעלייזט ווערען.

## שמחה איז מדאורייתא...

דערשלאָגען און פאַר'צער'ט איז אַ חסיד אַריינגעקומען צו רבי יצחק פון נעסכיז אָראָפּ־ריידען זיך זיין ביטער האַרץ פאַרן רבי'ן: די ווייצען פון שמורה זיינען פאַרזויערט און ער קען קיין אַנדערע ווייצען נישט קריגען. ס'קומט אים אויס צו עסען פסח מצה פשוטה.

האָט אים דער נעסכיזער געענטפערט:

— מצה שמורה איז דוקא אַ מצוה דרבנן. דאַגעגען זיך פרייען יום־טוב זיינען מיר מחויב מדאורייתא, היינט אַזוי, איז גלייכער צו עסען מצה פשוטה בשמחה איידער מצה שמורה בעצבות.

## פרייען זיך וואָס מען איז אַ איד

רבי אהרן הגדול מקארלין האָט געזאָגט:

— אויב מען רעדט דערפון, אַז מען דאַרף זיין בשמחה, איז נישט די כוונה צו אַ שמחה של מצוה. שמחה של מצוה איז אַ מדרגה און נישט יעדער קען דערגיין צו מדרגות. די כוונה איז צו אַן איינפאַכן שמחה: נישט זיין טרויעריג. אַ איד וואָס איז נישט בשמחה בלויז פון דעם אַליין וואָס ער איז אַ איד — איז אַ כפוי טובה.

## די יסורים וועלען פאַרשווינדען

געוועזן אַ מעשה און אַ חסיד איז געקומען צו ר' אברהם פון פאַריסאָוו, טרויעריג, זיפּ־צענדיג און פאַרביטערט:

— ס'איז מיר שלעכט און ביטער, כ'ווייס נ'ישט פון קיין פרייד. איך בין תמיד אַ בעל־יסורים.

האָט אים רבי אברהם געענטפערט:

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט, אַז צוליב די יסורים ביסטו טרויעריג, אפשר צוליב דיין טרויעריגקייט קומען די יסורים. זיי זיך מתגבר און פאַרשאַף דיר אַביסעל שמחה — און דאַן וועלען די יסורים פאַרשווינדען פון זיך אַליין.

## גלות ביי זיך אַליין...

ר' שלום בעלזער האָט געזאָגט:

— ס'זיינען פאַראַן דרייערליי סאָרטען גלות און וואָס איינער איז ערגער פון אַנדערן: 1) אין גלות ביי גוים; 2) אין גלות ביי אידען; 3) דער שווערסטער גלות — ווען אַ מענטש איז אין גלות ביי זיך אַליין...

## וכאשר יענו — כן יפרוץ

דער לובלינער רב רבי מאיר שפירא האָט געזאָגט:

— דער מנהג וואָס מען עסט האַרטע אייער אין אבלות איז מרמז אויף דעם וואָס אידען זיינען אין גלות... פונקט ווי דאָס איי, וואָס לענגער עס קאָכט ווערט עס האַרטער, אַזוי איז מיט די אידען — וואָס מער מען פייניגט זיי אַלץ שטאַרקער און האַרטער ווערען זיי...

## סובל זיין דעם גלות

רבי יצחק מאיר מגור האָט געזאָגט:

— דאָס גלות מצרים איז געווען מיט דעם אַ גלות, וואָס מען האָט זיך צוגעוואוינט עס

צו פארטראגען. א גלות קען נאר דאן גע־
רופען ווערען גלות, אויב מען קען עס פאר־
טראגען. והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים
— פון סובל זיין דעם גלות.

## פארוואס ?

ווען די פרוי פון ר׳ שלום בעלזער איז
נפטר געווארען, איז ער זיך פארגאנגען אין
א געוויין און געזאגט :

— ס׳איז דאך פאר דיר, רבש״ע, גלוי
וידוע, אז אויב איך וואלט געקענט אויפשטע־
לען מיין פרוי פון דער ערד, וואלט איך עס
געטאן.

און דו, מיין באשעפער, דו קענסט דאך
אויפהויבען דאס פאלק ישראל פון שטויב,
פארוואס הויבסטו עס נישט אויף ? פאר־
וואס ? . . .

## ניטא וואו צו אנטלויפען

דער בעש״ט האט געזאגט:

— א צרה און א דערדריקעניש קומען
נישט אויפן מענטש פון א צופאל. און ווער
עס מיינט, אז ער קען אנטלויפען דערפון,
איז ער געגליכען צו יענער נארישער פרוי,
ווען עס האבען איר אנגעכאפט געבורטס־
ווייטאגען, איז זי אוועק אין אן אנדער פלאץ,
כדי צו אנטלויפען פון זיי. די ווייטאגען הא־
בען איר ניט אפגעלאזט. זיי זיינען מיטגע־
גאנגען מיט איר.

איין עצה איז פאראן: זיך צו באהעפטען
אין השי״ת און מתפלל זיין, ווי עס שטייט :
מן המיצר קראתי י־ה עני במרחב י־ה.

אז די אידען האבען געזען, אז די מצרים
פארען נאך נאך זיי, האבען זיי זיך איבער־
צייגט, אז מ׳קאן נישט אנטלויפען פון יסורים
און דערפאר שטייט ביי דעם : ויצעקו בני
ישראל אל ה׳.

## דור שכולו חייב

רבי נחום משטפנשט האט געזאגט :

— עס שטייט : אין משיח בן דוד בא אלא
בדור שכולו זכאי או כולו חייב. און איך
בעט, אז דער דור זאל זיין כולו חייב.

האט מען אים געבעטען :

— זאל דער רבי מפרש זיין זיינע ווערטער.

האט רבי נחום געזאגט :

— אז א איד ווערט געבענטשט מיט שפע
וברכה, איז ער זיך באלד מתנצל און זאגט :
איך דאנק דיר, רבש״ע, איך בין דאס נישט
ווערט. קומט דאך אויס, אז ער זיך מודה
אין זיין שולד.

קומט אויף א איד, חלילה, יסורים, איז ער
זיך ווידער מתנצל פאר השי״ת : רבש״ע, איך
בין נישט קיין צדיק, אבער אזעלכע יסורים
האב איך זיך נישט פארדינט. קומט אויס, אז
ער איז בחזקת זכאי.

און דערפאר בעט איך : זאל שוין דער
גאנצער דור בבחינת חייב, זאלען זיי בעסער
האבען אלדאס גוטס איידער צו זיין צדיקים
(זכאים) און ליידען צרות.

# די לינקע הגדות

• פון יעקב גלעים

אויב עס איז אמת דער זאָג, אַז די ליטעראַטור פון אַ פאָלק אָדער גרופּע איז אַ ריכטיגע אָפּשפּיגלונג פון זיין כאַראַקטער און מהות — דאַן איז באמת ג־ט׳ס רחמנות אויף דעם טייל פון ישוב אין ארץ ישראל וואָס מען האָט פאַר לאַנגע יאָרען געוואָלט אָוועקשטעלען אַלס די סאַמאָראָדנע גייסטיגע סמעטענע און אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע: די קיבוצים.

אין קיין שום צייט פון יאָר ווייזען די קיבוצים ניט אַרויס אַזאַ ליטעראַרישע ריירעוודיגקייט, ווי ווען עס קומט דער יום־טוב פּסח. אין „אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר" עסען זיי מן המוכן און שפּייזען זייערע נשמות מיט דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע פון די פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטען. אָבער, אַז עס קומט פּסח־צייט, „נידערט אויף זיי אַלעמען אַראָפּ" אַ רוח פון קינסטלערישער אינספּיראַציע און אַלע, ממש אַלע, ווערען מיטאַמאָל מחברים, שרייבער און דיכטער. און דאָס גראָד מחברים פון לכאורה אַ גאַנץ „רעאַקציאָנערע" ליטעראַרישע סחורה — מחברים פון הגדות.

און אויב אָט די דאָזיגע ליטעראַטור דאַרף אָפּשפּיגלען דעם גייסטיגען מהות און כאַראַקטער פון זייערע מחברים און פון דער סביבה אין וועלכער זיי לעבען — איז דאָס באמת אַ טרויעריג און נעבעכדיג בילד פון גייסטיגער באַדענקלאָזיגקייט און עקרות, פון אינטעלעקטועלער אביוניש׳קייט אין העגנען אין דער לופטען.

דאָס מיינט אַבסאָלוט ניט צו זאָגען, אַז די „הגדות" פון די קיבוצים זיינען ליטעראַריש־גענומען שוואַכע שאַפונגען. אָ, ניין! די מחברים ווייזען דאָ גראָד אַרויס „וואונדערליכע" ליטעראַרישע „שלימות". איר האָט אין די דאָזיגע הגדות אַלץ וואָס דאָס האַרץ קען נאָר באַגערען: פּראָזע און פּאָעזיע; בעלעטריסטיק, פיקציע, זשורנאַליזם, פּובליציסטיק, מאמר׳יסטיק, רעפּאָרטאַזש, פאָלקלאָר, הו־מאָר, סאַטירע, ערנסטע ליטעראַטור און שונד, הכלל אַלץ, ממש אַלץ. נאָר דווקא אָט די ליטעראַרישע „רייכקייט" באַווייזט ווי אָרעם עס איז דער מוח און ווי אויסגעטריקענט דאָס האַרץ. זי שפּיגעלט קלאָר אָפּ דעם אומגייסט, די גייסטיגע אויסגעוואָרצעלטקייט און די פאַרקריפּעלטקייט פון די מוחות וואָס האָבען זיך געקענט אַראָפּקייקלען צו אַזאַ אַבסורדאַלע נאָכמאַכעניש פון דער הגדה — פון אָט דעם הייליגען ספר — וואָס איז זייט טויזענטער יאָרען אַ קוואַל פון אַזוי פיל גוטס און שיינקייט אין אידישען לעבען.

***

ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די קיבוצים מוזען זיך שאַפען „אייגענע" הגדות. ווען עס קומט דער פּסח, דערפילען זיי מיטאַמאָל, אַז עס פעלט זיי עפּעס פון דעם וואָס זיי האָבען פאַרוואָרפען. ערגעץ וואו, טיף אין האַרצען

דערוועקט זיך אַ בענקשאַפט נאָך דעם סדר, וואָס מען האָט געזען ביים טאַטען אָדער זיידען. עס שווימען אויף זיסע זכרונות פון דער אַלטער ליכטיגער היים, פון דער וואַרעמער משפחה־אידיליע און פון דעם פּראַכט און ליכט וואָס האָט אַראָפּגעשיינט אַפילו פון אָרעמסטען סדר־טיש. אָבער די אַלטע „הגדה" פּאַסט זיך מער ניט אַריין אין זייער „נייער געזעלשאַפט". די קאָלעקטיוויסטישע אידעאָלאָגיע פון מאַרקסיזם־לעניניזם קען ניט מער „אָקצעפּטירען" די הגדה כמות שהיא. „אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר" קעמפען זיי מיט די געדאַנקען וואָס קומען צום אויסדרוק אין דער הגדה, אַלס אַן איבערבלייבעכץ פון „פינצטערן אַלטערטום און מיטעלאַלטער". ווי־זשע קען מען מיטאַמאָל „כשר'ן אויף פּסח"? דאַרף מען אַלזאָ „באַשאַפען" אַ „נייע" הגדה, און בכדי זי זאָל נאָך עפּעס דער־מאָנען פון'ם אַמאָל, וועלכען מען וויל אָבער מען קען אינגאַנצען ניט פאַרגעסען, מוז מען נעמען די אַלטע הגדה, זי צערייסען, צעטרענען, איבערדרייען און איבערניטשעווען און איבערנייען אַזוי, אַז זי זאָל זיך אַריינפּאַסען אין אַ „קלאַסען־באַוואוסטיניגער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט".

***

ווי אַזוי מאַכט מען פּאַרט אַן הגדה של פּסח אין קיבוץ?

איז קודם־כל, „ראשית חכמה", דאַרף מען איינטוישען דעם נאָמען. דער נאָמען פּסח אַליין דערמאָנט אין אַ גאַנצע ריי רעאַקציאָנערע זאַכען און איז אַ פאַרלייקענונג פון די פּרינציפּען פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם. און אַזוי איז דער „חג הפּסח" פאַרטוישט געוואָרען פאַרן „חג האביב" — דער „יום־טוב פון פרילינג". דער פאַקט אַז אויך די תורה רופט אָן פּסח חג האביב, איז אָדער זיי האָבען דערפון ניט געוואוסט אָדער עס איז ניט קיין ספּעציעלער שטער. „אביב" — פרילינג פּאַסט זיך מער אַריין אין גייסט פון קיבוץ. דאָ קען מען דערציילען די קינדער וועגען די פלאַנצען וואָס וואַקסען פון זיך אַליין" און וועגען דער ערד וואָס האָט זיך „מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף". די געפּאַר פאַר דערמאָנען ג־ט'ס נאָמען איז דאָ אַ קלענערע, ווי ביים נאָמען „פּסח", וואָס איז פאַרבונדען מיט אַזעלכע „קלאַסען־פיינטליכע" ענינים ווי נסים פון יציאת מצרים...

אין דער הגדה פון קיבוץ „גת" האָט זיך אַפילו אַריינגע'גנב'עט אַזאַ רעאַקציאָנערע זאַך ווי אַ ברכה. נאָר דערשרעקט אייך ניט. דער נוסח פון דער ברכה גייט אַזוי: „ברוך שהחיינו לחג האביב". ווער בענטשט און לויבט ווען, דאָס איז ניט קלאָר. אַפּנים, מען דאַרף דאָ אָפּוואַרטען אויף די נייעסטע אינ־סטרוקציעס פון די לעצטע פּאַרטייטשער פון ריינעם מאַרקסיזם־לעניניזם (אַמאָל איז עס כידוע געווען אַ „דריי־איינציגקייט" מיט אַ הוספה פון סטאַליניזם, אָבער היינט בימי כרושטשעוו איז ער אַרויסגעפאַלען). אין דעם קיבוץ גבעת־ברנר, איז מען אַזוי ווייט „אַראָפּ פון וועג" און „אָפּגעגייגט פון דער ליניע" אַז איר געפינט אין זייער הגדה אַפילו אַ „לשם יחוד". נאָר דערשרעקט אייך ניט, דאָרט לייענט זיך עס אַזוי: „הנני מוכן ומזומן לקיים מצוות שמור את את האביב". ווי אַזוי מען איז מקיים די דאָזיגע מצוה איז ניט מפורש. אַפּנים, איז אויך דאָ וואַרט מען אויף דער ריכטיגער און אויטאָראַטיווער אינטערפּרעטאַציע.

אין טייל קיבוצים איז ניט נאָר דער נאָמען פסח „אָסור לבוא בקהל“ נאָר אויך דער נאָמען „הגדה“ אַליין שמעקט מיט „רעאַקציע“. דאָרט הייסט עס „מקראה“. אין דער דאָזיגער „מקראה“, אָדער אַנטאָלאָגיע, איז בכלל ניטאָ קיין זכר פון פסח, פון יציאת מצרים, פון קידוש אָדער הלל, פון כרפס אָדער חרוסת. אָנשטאָט דעם איז עס אַ קאָמפּילאַציע פון לידער און דערציילונגען, דראַמעס, קאָמעדיעס, וואו די געשיכטע פון אידישע גדולים און צדיקים פאַנגט זיך אָן מיט מענדעלע און ביאַליק, טשערניכאָווסקי און דוד פרישמאַן און די געשיכטע פון אידישען פאָלק פאַנגט זיך אָן מיט דער „החלוץ“, „השומר“ און „פלמ״ח“. די דאָזיגע „מקראה“ האָט ניט קיין שייכות מיט פסח אָדער נס פון יציאת מצרים. זי איז פולשטענדיג אַ רעאַליסטישע, זי האָט צו טאָן מיט׳ן פרילינג, מיט די ביימעלעך וואָס בליען, מיט די פייגעלעך וואָס זינגען, מיט די טאָמייטאָס וואָס רויטלען זיך, מיט׳ן רעגען וואָס מאַכט ווייך די ערד און מיט די קי אין קיבוץ וואָס האָבען אָנגעפאַנגען צו קעלבען...

די פאַרשידענע לינקע קיבוצים האָבען זיך ביז׳ן היינטיגען טאָג ניט געקענט איינינגען אויף אַן איינהייטליכער הגדה. ספּעציעל זינט סטאַלין איז געשטאָרבען און זינט טאַבענקין פון „לאחדות העבודה“ האָט זיך געֹגט מיט מאיר יערי פון „השומר הצעיר“, האָבען זיך בכלל געמערט די צאָל פון די אָפּנייגער פון דער ליניע. און אַזוי מאַכט איצט יעדער קיבוץ פסח (פאַרדאָן — פרילינג) פאַר זיך. עס ווענדעט זיך ווי ווייט עס גייט די אידעאָלאָגישע אָפּנייגונג פון מזכיר הקיבוץ און די קיבוצישע טינטלער. און אַזוי אַרום זיינען אַנטשטאַנען כמעט אַזוי פיל הגדות וויפיל קיבוצים. און בכדי מען זאָל זיי ניט חושד זיין אין ענגליכער צוריקגעשטאַנענקייט ווי די פרומע וואָס נוצען שוין יאָרטויזענטער די „אַלטע“ הגדה, שאַפען אַ גרויסע טייל קיבוצים יעדען יאָר נייע הגדות.

אין גרעסטען טייל פון די „הגדות“ האָט מען איבערגעלאָזען נאָר צוויי זאַכען פון דער אַלטער הגדה. דאָס זיינען „מה נשתנה“ און „חד גדיא“. די דאָזיגע צוויי אויסצוגען, זיינען אָפּנים בייגעשטאַנען דער ליטעראַרישער צענזור אַלס אומגעפערליך אָבער ווען ניט די צוויי דערמאָנטע אויסצוגען, קען מען די הגדות לייענען סיי דעם ערשטען מאַי, סיי ערב פורים און סיי איג׳ם יום־העצמאות, פאַרן „תיקון“ אָדער נאָכן „תיקון“. דער „אידעאָלאָגישער“ פּרינציפּ וואָס מערקט זיך אָמ׳בולט׳סטען איז דאָס קאָנסעקווענטע אויסמעקען דעם שם־שמים איבעראַל, סיי וואו דאָס איז מעגליך און סיי אַפילו דאָרט וואו עס איז — לויט יעדען געזעץ פון לאָגיק און געשמאַק — אוממעגליך.

אין דער „מקראה“ פון „נגבה“ געפינען מיר אַזאַ פסוק: „ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא כי אמר פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה, ויסב את העם דרך המדבר“. ווער האָט זיי ניט געפירט דרך פלשתים? ווער האָט געזאָגט? ווער האָט זיי געמאַכט אַרום־קרייזען דורכ׳ן מדבר? נאָך דער אָפּעראַציע איבער׳ן פסוק, זאָגט ער דאָך ממש גאָרניט. אָבער פרעגט ניט די ליטעראַרישע כירורגען פון קיבוץ. זיי מוזען האָבען אַ פסוק פאַר פסח „כשר למהדרין מן המהדרין“. פאַר דעם צוועק מוז מען איבעראַל און אומעטום אויסרייסען דעם שם־שמים, ווען אַפילו דער פסוק (פאַרדאָן: זאַץ) פאַרלירט אַפילו יעדען זין.

די מחברים פון אָט דער „הגדה“ האָבען אין זייער לייטזעליגקייט באַוויליגט

אַריינצונעמען אַן אויסצוג פון „והיא שעמדה". אָבער אויך דאָ האָבען זיי זיך אַן עצה געגעבען ניט איבערצולאָזען ג־ט׳ס נאָמען. נאָכן „שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו" האָט דער מחבר אַוועקגעשטעלט אַ גרויסען פונקט. וחסל. דעם סוף „והקב"ה מצילנו מידם", האָט ער מיט זיין ליטעראַריש־כירור־גישער געניטקייט פשוט אַרויסגעוואָרפען. און ער האָט זיך אַפילו אַליין ניט געפרעגט: ווי האָט עס דאָך טאַקע פּאַסירט, אַז „בכל דור ודור האָט מען אונז געוואָלט פאַרטיליגען" און דאָך זיינען מיר דאָ? אויפן אָרט פון הקדוש־ברוך־הוא איז פאַראַן — אַ פונקט.

די לייט פון קיבוץ „השומר הצעיר" לייענען אַזוי אין זייער הגדה: „שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו ואנו נצלים מידם". ווי אַזוי ווערען מיר פאַרט ניצול? גייט און פרעגט זיי!

אויך דער „חד גדיא", וואָס האָט זיי לכתחילה אויסגעזען צו זיין אַזוי „אומשולדיג", האָט אין דער לעצטער מינוט זיך געגויטיגט אין אַ כירורגישער אָפּעראַציע. מען האָט זיך געכאַפּט, אַז דער לעצטער אָפּזאַץ: „הקב"ה שחט למלאך המות" שטעלט מיט זיך פאָר אַ שרעקליכע געפאַר און אַזוי האָט מען אים שנעל אַרויסגעוואָרפען.

די חכמים וגדולים אין קיבוץ „בארי" האָבען געפונען אַזאַ תשובה צו די קשיות פון מה נשתנה: „עבדים היינו לפרעה במצרים ויוציאנו משם ביד חזקה". ווער האָט אַרויסגענומען? וועמענס יד חזקה? דאָס קען טאַקע בלייבען אַ רעטעניש. דער עיקר, אַז ג־ט׳ס נאָמען איז דאָרט ניט דערמאָנט.

אין קיבוץ „נגבה" ווערט ביי דער הגדה ממש רעאַליזירט די וועלט־רע־וואָלוציע. דאָרט געפינט איר אַזאַ פּאַטעטישע דעקלאַראַציע: „השתא עבדי לשנה הבאה כל העולם בני חורין". וואָס מען דאַרף נאָך קלאָר מאַכען איז, צי אין דעם באַגריף „כל העולם" ווערען אויך אַריינגענומען די לענדער הינטער׳ן איזערנעם פאָרהאַנג...

אַריינקוקענדיג אין דער הגדה פון „עין גדי", האָבען מיר לכתחילה אויפ־געלויכטען די אויגען. איר האָט דאָ קידוש על היין, דעם גאַנצען טראַדיציאָ־נעלען קידוש. אָבער באַלד קומט דער טשוואָק. באַלד קומען די פיר קשיות, און דאָ אָנשטאָט די טראַדיציאָנעלע מה נשתנה האָט איר אָט אַזאַ ביליגע פּאַ־ראָדיע: „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות. אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, רייט דובי (געמיינט וואַרשיינליך דעם מזכיר הקיבוץ) אויף אונז, די היינטיגע נאַכט רייטען מיר אויף אים? אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, זיינען מיר סיי הונגעריג און פרעסענדיג, די היינטיגע נאַכט זיינען מיר אַלע פרעסענדיג". די אַנדערע שאלות זיינען ענליך אין זייער ביליגקייט און זינלאָזיגקייט. איר קענט אייך אויך לייכט פאָרשטעלען וואָס עס איז די תשובה צו אָט אַזעלכע פיר קשיות. עס פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „עבדים היינו למורי הגימנזיה".

דאָ און דאָרט געפינט איר פסוקים פון תורה, נביאים, תהלים, אָבער כמעט איבעראַל וואו עס איז אַ שם ד׳, איז אָדער מען האָט אים אַרויסגעוואָרפען אָדער אַריינגעשטעלט עפּעס אַנדערש וואָס זאָל זיין אויסגעהאַלטען לויט די כללים פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע. אין דער הגדה פון „השומר הצעיר", וואו עס וואוינט שמעון אורן, האָבען מיר אומזיסט געזוכט אַן „עבדים היינו לסטאַלין וכרושטשעוו", אָבער מיר האָבען עס ניט געפונען.

אַזוי זעען אויס די פּסח־הגדות אין צענדליגער קיבוצים אין הייליגען לאַנד און ווען מיר זעצען זיך צום סדר, לאָמיר צוזאַמען מיט דער תפילה פאַר גאולתנו ופדות נפשנו אויך בעטען פאַר דער גייסטיגער גאולה פון די דאָזיגע פאַרפירטע אידען, וואָס ווערען אין דער הייליגער נאַכט פון פּסח באַרויבט פון דעם הימ־לישען גענוס פון דערציילען די הגדה של פסח ווי זי איז דערציילט געוואָרען מדורי דורות.

## דער בן הרשע...

חיים רוגליצער אַ פּאַרצייטישער משכיל אָבער אַ גרויסער בעל־דקדוק, האָט איינמאָל געבעטען דעם אַלטען רישער רב, ער זאָל אים געבען אַ תירוץ מספּיק אויף דער באַקאַנטער וועלטס־קשיא — וואָס איז דער חילוק צווישען דעם חכם פון דער הגדה וואָס זאָגט „אתכם" און דעם רשע וואָס זאָגט „לכם"? — פאַרוואָס דרינג איך מיר ביים חכם נישט, אַז ער האָט זיך מוציא געווען פון כלל (אתכם ולא אותו) און ביים רשע יאָ (לכם ולא לו)?

דער רישער רב, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט אַן אויג אויפן דאָזיגען משכילישען בעל־דקדוק, האָט מיניה וביה געפונען אַ תירוץ:

„ס'איז אַ פּשוט'ע זאַך! בשלמא ביים חכם איז ניחא ווייל אַ חכם קען קען נישט קיין דקדוק און ווייסט נישט דעם חילוק צווישען „את־כם" און „אותנו". אָבער דו רשע, דו קענסט דאָך יאָ דקדוק, און פאַרשטייסט דאָך מבחין צו זיין צווישען „לכם" און „לנו", פאַרוואָס־זשע זאָגסטו „לכם"? — אלא מיינסט דאָך להכעיס, און דערפאַר טאַקע — הקהה את שניו"...



שפוך

חמתך על הגוים

אשר לא ידעוך ועל

הממלכות אשר

בשמך לא

קראו:

שפוך עליהם זעמך וחרון

אפך ישיגם תרדוף באף

ותשמידם מתחת שמי יי:

די ערשטע אילוסטרירטע הגדה מיט האָלץ־שניצען, געדרוקט אין פראג אין יאָר רפ״ו.

# דער לעצטער סדר
# פון הגאון ר׳ מנחם זעמבא זצ״ל

• **פון הרב אברהם זעמבא**

אנפאַנג אַפּריל, 1943. די איבערגעבליבענע אין וואַרשעווער געטאָ פיבערען. מ׳ריכט זיך אויף אַ נייעם שרעקליכען שטורעם. ס׳איז שוין מער ניט קיין סוד. מען מאַכט זיך שוין ניט מער קיין אילוזיעס. מען שמועסט, אַז דער ימח־שמו׳ניק, הימלער אַליין, איז געווען לעצטענס אין וואַרשע און איבער־געלאָזט אַ באַפעל, אַז וואַרשע מוז ווערען „יודענריין״ (דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מתנה פאַר׳ן „פירער״ צו זיין געבורטסטאָג, דעם 20־טען אַפּריל). מען פרעגט זיך שוין ניט מער איבער, אויב דאָס איז אמת. מען פילט דעם אָנקומענדיגען שטורעם אין דער לופט...

אין געטאָ גייט אָן אַ פיבערהאַפטע טעטיגקייט. מען מוז זיך שנעל דעצידירען. ניט פאַראַן מער קיין צייט אויף וועלכע עס איז פלענער. אַלע גרייטען זיך: ווער אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער אַרישער זייט, ווער יידן אויסצובאַהאַלטען אין בונקער און ווער צום קאַמף. עס גרייטען זיך אויך, פון דער אַנדערער זייט, די נאַצישע רוצחים צו זייער טייוולאַנישען פאַרניכטונגס־פּלאַן. זיי ווייסען, אַז דאָס מאָל וועט עס ניט גיין אַזוי לייכט. עס זענען שוין צו זיי דערגאַנגען ידיעות, אַז די געטאָ באַוואָפענט זיך און גרייט זיך צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד. די באַזוכען און רעוויזיעס פון די טרויעריג־באַרימטע סאַדיסטישע רוצחים קלויסטערמייער און פלעשער אין געטאָ, זענען דער בעסטער באַווייז, אַז זיי אָריענטירען זיך וואָס אין געטאָ קומט פאָר.

זיי פּרואווען דעריבער אויס אַ פריש מיטעל. עס ווערען מכלומר׳שט באַ־שטימט אַלס קאָמיסאַרען איבער׳ן געטאָ די באַקאַנטע שאָפּ־דירעקטאָרען טעבענס און שולץ. דורך די דאָזיגע נאַצים, וועלכע זיינען געווען אין שטענדיגען קאָנ־טאַקט מיט די אידען אין געטאָ, זייענדיג מכלומר׳שט די ברויט־געבער פון געטאָ, האָבען די דייטשען פּרובירט באַרואיגען די געמיטער פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, רעכענענדיג, אַז זיי וועלען געווינען דעם צוטרוי פון די געטאָ־איינוואוינער. טעבענס און שולץ האָבען אָנגעפאַנגען מיט אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע, אַז די אידען אין געטאָ זאָלען זיך פרייוויליג איבערזידלען מכלומר׳שט, צוזאַמען מיט זייערע ווערקשטאַטען, אין די לאַגערן אַרום לובלין.

ניט לאָזען זיך פאַרפירען

אָבער, ווי געזאָגט, דאָסמאָל האָט די געטאָ זיך אַנדערש אָנטשלאָסען. די „פאַרטיע״ — אַזוי האָט מען גערופען די געהיימע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג — האָט גלייך אונטערגענומען אַ געגען־אַקציע, רופענדיג, דורך עפענטליכע פּלאַקאַטען און געהיימע בולעטינען, ניט צו לאָזען זיך מער פאַרפירען.

די בהלה ביים עולם שטייגט. מאַסען מענטשען שטראָמען צו דער וואוינונג פון דעם גאון ר׳ מנחם זעמבאַ, — מיין אָנקעל — יועמענס הויז איז אַ צענט־ראַלער פונקט פאַר התחזקות און בטחון אין די דאָזיגע שווערע טעג. יעדער קומט מיט זיינע פּראָבלעמען זיך באַראַטען וואָס צו טאָן. דער גאון, זצ״ל, ענטפערט יעדען אינדיווידועל, אויב ער קען זיך ראַטעווען אויף דער „אַרישער״ זייט, זאָל ער דאָס טאָן, אויב ניט, זאָל ער זיך פאַרשאַפען אַ בונקער. וועגען פאָלגען די עצות פון די „גוטע״ דייטשען און פאָרען קיין לובלין — חס ושלום. אַליין זיך איבערגעבען צו די רשעים אין די הענט — איז אַ מעין פון „איבוד עצמו לדעת״...

עס קומט אויך צום רב אַ דעלעגאַציע פון די „שאָפען״, וועלכע פאַרטרעטען טויזענטער אידען. דער גאון וויל ניט נעמען אויף זיך זעלבסט דאָס אחריות, און רופט דעריבער צו זיך אַ באַראַטונג פון רבנים און באַקאַנטע כלל־טוער. דער גאון זאָגט קלאָר זיין מיינונג: ניט פאָרען און ניט לאָזען זיך פאַרפירען. ווען עמעצער פּרובירט אים באַמערקען, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג מיט פאַרשפּרייטען אַזאַ באַשלוס, זאָגט דער רב, אַז ער האַלט עס פאַר זיין חוב אויפצוקלערען, בכדי דער עולם זאָל זיך ניט לאָזען נאַרען.

ביים גאון אין דער וואוינונג שפּילען זיך אָפּ טראַגישע סצענעס. עס קומט דאָרט אַ פאַרוויינט יונג פּאָרעל. זיי ווילען זיך גט׳ן. פאַרוואָס? ער האָט אַ מעגליכקייט זיך אַרויסצובאַקומען אויף דער אַרישער זייט און וויל זי אויך מיטנעמען. אָבער די פרוי האָט מורא צו ריזיקירען. זי האָט אַ ספּעציפישען אידישען אויסזען און וויל זיך אויך ניט שיידען מיט אירע עלטערן, וועלכע בלייבען אין געטאָ. זי וויל טיילען זייער גורל. זי וויל אָבער איר מאַן ניט שטערען ווען ער האָט אַ מעגליכקייט זיך צו ראַטעווען. דער רב פירט אַדורך דעם גט ביים ספּאָזמאַטישען געוויין פון ביידע צדדים. אויך פון רב׳ס אויגען טריפען טרערען, דערמאָנענדיג דערביי די גמרא: כל המגרש אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות...

עס קומט אַריין אַ יונגערמאַן מיט אַן אַלטער מוטער. ער גייט יעדען טאָג אַרויס אויף אַן אַרבעטס־פּלאַץ אויף דער אַרישער זייט. דאָרטען האָט ער זיך באַקענט מיט אַ גוי, וועלכער איז גרייט אים אויסצובאַהאַלטען (נאַטירליך ניט בחינם). אָבער אַלס פרומער קריסט האַלט יענער, אַז עס איז אַ זינד צו ראַטעווען אַ איד. ווען דער יונגערמאַן און די מוטער וועלען זיך שמד׳ן וועט ער זיי שוין קענען ראַטעווען אַלס קריסטען. די מוטער, אַ פרומע אידענע, וויינט און שרייט, אַז זי וויל בעסער שטאַרבען אַלס אידיש קינד איידער לעבען אַלס גוי׳ע. דער רב זאָגט צום יונגערמאַן: דיין מוטער וויל לעבען אַלס אידיש קינד זאָל איך, ח״ו, זי הייסן שטאַרבען ווי אַ גוי׳ע? און ער רופט אויס פאַרביטערט: ארורים הרשעים שאין טובתם שלימה!

ר׳ מנחם זעמבאַ פּראָקלאַמירט תענית־ציבור

די צייט טוט דאָס איריגע. עס דערנענטערט זיך דער טערמין... עס איז ענדע אדר. רבי מנחם זעמבאַ רופט צוזאַמען אַלע נאָענט־וואוינענדיגע רבנים, ווי: דער שערפּצער רב, הרב גאָלדשלאַג; דער קאַלביעלער רב, הרב

לאַנדאָ; ר׳ אליעזר איטשע מייזעלס, פון לאָדזש, דעם וואליער רב, הרב בעער, און אַנדערע.מען רעדט אַרום די לאַגע און מען באַשליסט גוזר תענית צו זיין דעם טאָג פון ערב ראש חודש ניסן און באַשטימען אים פאַר אַ יום תשובה, תפילה וצדקה ווי אויך אַ פדיון נפש אַקציע, דאָס געלט זאָל גיין אויף מעות־חטים פאַר נויטבאַדערפטיגע אויף פסח. זיי האָבען אויך פאַרפאַסט אַ ספּעציעלע תפילה אויף דעם טאָג.

טראָץ דעם וואָס מען האָט דאָס ניט געקענט פּובליקירען, האָט זיך דער דאָזיגער באַשלוס שנעל פאַנאַנדערגעטראָגען איבער דער גאַנצער געטאָ. איבער־אַל וואו עס האָט זיך נאָר געפונען אַ מנין אידען, האָבען זיי זיך באַטייליגט אין דעם יום תפילה. ספּעציעל ביים רב איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם. די בכיות און יללות זיינען געגאַנגען עד לב השמים. רבי מנחם זעמבאַ האָט געזאָגט אַ התעוררות־דרשה מיט אויסערגעוויינליכער התלהבות. דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די זכיה מערערע מאָל צו הערען דעם רב׳ס דרשות, אָבער דאַסמאָל איז עס דערגאַנגען כמעט צו התפשטות הגשמיות.

אין זיין דרשה האָט דער גאון גערופען צו בטחון און געוואָרענט געגען יאוש חס ושלום. יודע ד׳ דרך צדיקים — האָט ער אויסגערופען — דער דרך פון אַ צדיק איז און דאַרף זיין יודע ד׳, אַז דער רבונו של עולם ווייסט. מען דאַרף דעריבער האָבען בטחון; ודרך רשעים תאבד, דער דרך פון רשעים איז פאַרקערט: צו זאָגען יענעם תאבד, דו ביזט פאַרלוירען, ניטאָ קיין האָפענונג. דער דאָזיגער נעמט זיך אַפילו ניט אַליין אַריין אין כלל. נאָר קודם שוואַכט ער אָפּ דעם אַנדערען, זאָגענדיג אים תאבד, דו ביזט פאַרלוירען...

נישט קוקענדיג אויף דער אַזוי שווערער בין־השמשות צייט, אין סאַמע ערב פון גרויסען שטורעם, האָט דער רב, ווי אַ רועה נאמן, ניט פאַרגעסען, אַז עס גייט צו פסח, אַז פסח ברויכען אידען וויין און מצה וכדומה. דער רב רופט צוזאַמען אַן אַסיפה פון אַלע רבנים און עסקנים און עס ווערט געשאַפען אַ קאָמיטעט מיט די ענערגישע עסקנים: ר׳ יעקב טראַקענהיים (געוועזענער סענאַטאָר אין פּוילען), ר׳ יוסף קעניגסבערג (געוועזענער פּרעזידענט פון ישיבת חכמי לובלין) און ר׳ אליעזר גרשון פרידענזאָן (רעדאַקטאָר און געוועזענער פּרנס פון לאָדזשער קהילה) בראש, וועלכע האָבען ביי די ערגסטע אומשטענדען געאַרבעט ממש מיט מסירת־נפש בכדי צו באַזאָרגען גרויסע טיילען פון דער געטאָ־באַפעלקערונג מיט פּסח׳דיגע אַרטיקלען.

אַנטקעגענאיבער רבי מנחם זעמבאַ׳ס הויז אויף קופּיעצקאַ 4, אין דער וואוינונג פון נאָוואָמינסקער רבי׳ן ז״ל (ברודער פון, יבדל לחיים, דעם נאָוואָ־מינסקער רבי׳ן הרב ר׳ נחום פּערלאָוו פון ברוקלין), זיינען שוין עטליכע טעג פאַר פסח געלעגען פולע שטובען מיט מצות, וויין און אַנדערע פּראָדוקטען. דער עולם שטראָמט צום רב נאָך ספּעציעלע צעטלעך פאַר די פּראָדוקטען, און טראָץ דער הערשענדיגער שרעק, ווערט די שטימונג אַן ערב יום־טוב׳דיגע.

## דער שטורעם פאַנגט זיך אָן

אור לאַרבעה עשר... די נאַכט פון בדיקת־חמץ. איבער׳ן געטאָ פאַר־שפּרייט זיך בליץ שנעל אַ ידיעה, וואָס שטאַמט פון עפּעס אַ פּוילישען פּאָלי־ציאַנט, אַז די פּוילישע פּאָליציי־קאָמאַנדע אויף יענער זייט געטאָ, האָט באַקומען

אַ באַפעל היינט צוועלף אַזייגער ביינאַכט צו באַזעצען די געטאָ־מויערן. עס ווערט אַ געוואַלדיגע פּאַניק. מען ווייסט שוין מיט וואָס דאָס שמעקט. יעדער לויפט צו זיך אַהיים, פּאַקט זיך און איז גרייט צו גיין אין בונקער.

אויך די „פּאַרטיע" מאַכט אירע לעצטע הכנות. זי שטעלט אירע מיט־גלידער אויף די באַשטימטע פּונקטען און שיקט אַנדערע אויף אויסשפּיר און אָבסערוואַציע. זיי האַלטען אויך וואָך אין די „שאָפּען" ניט צוצולאָזען צו קיין פּאַניק, צוזאַגענדיג כסדר צו אינפאָרמירען וועגען גאַנג פון די געשעענישען.

10 אַזייגער ביינאַכט. די „פּאַרטיע" באַקומט די טרויעריגע ידיעה, אַז עס באַשטעטיגט זיך דער קלאַנג, אַז די געטאָ ווערט באַזעצט. זי שיקט אַרויס אירע חברים איבער די געהיימע פאַרבינדונגס־גענג, וועלכע גיבען איבער די דאָזיגע ידיעה אין שאָפּען און פּריוואַט־הייזער.

12 אַזייגער. אַלע מיטגלידער פון דער „פּאַרטיע" זיינען שוין אויף זייערע פּאָסטענס. כמעט אַלע דעכער זיינען באַזעצט, מערסטענס מיט יונגע אינגלעך, וועלכע האָבען נאָך אפשר קיינמאָל קיין געווער ניט געטראָגען. זיינען אָבער איצט אַזוי אויסגעהאַרטעוועט און קאַמף־גרייט ווי אַלטע, אויסגעדינטע אָפיצירען. זיי האָבען באַשלאָסען און געשוואוירען ניט צו שטאַרבען מער סתם אַזוי, נאָר נקמה צו נעמען אין די רוצחים און ערשט נאָכדעם פאַלען. אפשר פון דער לעצטער קויל. אָדער ניין, די לעצטע קויל איז אויך אַ שאָד. פּאַר זיך אַליין, אין נויטפאַל, איז דאָ „ציאַנקאַלי" (גיפט) און דאָס האָט דאָך כמעט יעדער ביי זיך... זיי האָבען עס טאַקע מיט'ן גרעסטען שלימות אויסגעפּירט. געזעגענט זיך מיט די נאָענטסטע. אָן ווערטער אַפילו. נאָר בלויז אויגען מיט אויגען. ניט געוויינט. נאָר פאַרביסען די ליפּען און געגאַנגען אויפן דאַך. ווער מיט אַ פּיסטאָלעט און ווער מיט מאַשין־געווער, ווער מיט האַנט־גראַנאַטען (אייגענע פּראָדוקציע) און ווער אויך מיט פלעשער זאַלץ־זויער און סטראַשאַקעס.

אין די מאָרגען שעה'ן, ווען די נאַצישע אָפּטיילונגען זיינען אַריין אין געטאָ, זיינען זיי באַגעגענט געוואָרען מיט אַ העפטיגער שיסעריי און אַ האָגעל פון קוילען, וואָס איז געקומען פון אַלע דעכער און לעכער, און זיי זיינען געוואָרען געצוואונגען זיך ציטווייליג צוריקצוציען. אַזוי האָט עס זיך, מער וויניגער, אָנגעפאַנגען.

דער רב, זייענדיג פון די צענטראַלע פיגורען אין געטאָ און ווערענדיג אַזוי אַרום שטענדיג אָבזערווירט, האָט פערזענליך ניט געקאָנט זיין אין פאַר־בינדונג מיט דער „פּאַרטיע". זיין פאַרטרויאונגס־מאַן אָבער, ר' יוסף קעניגסבערג, געוועזענער פּרעזידענט פון דער ישיבת חכמי לובלין, איז געווען איינער פון די הויפּט־ראַטגעבער פון אויפשטאַנד־באַוועגונג. ווען די „פּאַרטיע" האָט פּראָ־קלאַמירט אַ געלט־זאַמלונג פאַר דער פאַרטיידיגונג פון געטאָ, איז ר' מנחם זעמבאָ געווען פון די ערשטער ביישטייערער.

אין'ם באַנקער פון רבי מנחם זעמבאָ

קופּיעצקאַ 7, אויפן 4־טען שטאָק, אין אַ ווינקל אונטער'ן דאַך, האָט מען זינט חדשים פאַרמאַסקירט אַ באַהעלטעניש מיט אַן אָבסערוואַציע־פּונקט דורכ'ן דאַך־פענסטערעל. דאָ איז געווען דער בונקער פון הגאון ר' מנחם זעמבאָ.

אַ גאַנצען ערב פסח טאָג ווי אויפֿן שלאַכטפעלד אויף די פֿאָדערשטע פראָנט־ליניעס. עס קראַכען די אומאויפהערליכע דעטאָנאַציעס פון די געגענזייטיגע שיסערייען. מערערע מאָל אין משך פון טאָג האָבען די דייטשען פרובירט אַריינדרינגען אין געטאָ, אָבער זיי האָבען זיך געמוזט צוריקציען.

עס איז ערב פסח פאַרנאַכט. דער יום־טוב קומט אָן. דער רב זצ״ל איז אין גרויס דבקות און שטאַרק פאַר׳מוח׳ט. אין זעלבען בונקער געפינען זיך בערך נאָך הונדערט פערזאָן פון פאַרשידענע קרייזען. עס שטערט אים גאָרניט. ער איז מיט זיך אַליין, און אפשר מיט זיך אויך ניט, נאָר העכער... איך האָב ערשט איצט פאַרשטאַנען די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט בייזואוינענדיג אַמאָל ווי אַ באַקאַנטער איד נעמט אים צו אַ סך אומזיסטע צייט שלא לרצונו. אויף מיין פאַרוואונדערונג איבער זיין סבלנות, האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט: „איך האָב, ברוך השם, אַ מתנה פון השם יתברך זייער אַ געזונטען מוח. ווען איך שמועס מיט עמעצען און דער שמועס אינטערעסירט מיך נישט מער, קען איך דאַן רואיג אויסהערען דעם צווייטען און דאָך זיין מיט מיינע מחשבות און טאָן דאָס מייניגע״. יאָ, עס זיינען געווען נאָך פיל מענטשען, אָבער דער רב איז געווען מיט זיך אַליין.

עס ווערט שפעט אין דער נאַכט. דער רב קוקט אויפֿן זייגער און פרעגט זיך, אויב מיר האָבען ביי זיך כזיתים מצה. שוין מיט וואָכען צוריק האָט דער רב פאַרגעברייט קליינע מצה׳לעך בבדי צו קענען זיי האַלטען אין קעשענע. ער האָט געזאָגט, יעדער זאָל ביי זיך האַלטען אַ כזית מצה. מען ווייסט דאָך ניט וואו מען וועט מאָרגען זיין. זאָל מען כאָטש קענען מקיים זיין מצות מצוה.

ענדליך באַרואיגט זיך אַביסעל די שיסעריי. דער רב, זצ״ל, גייט דאַן מיט אונז אַראָפּ צו זיך אין שטוב און פראַוועט דעם סדר מיט גרויס דבקות כדרכו בקודש. ער זאָגט די הגדה מיט התלהבות און, ווי קיינמאָל גאָרניט, שטעלט ער זיך אין מיטן אָפּ און זאָגט טיפע רעיונות אויף דער הגדה.

צו מאָרגענס, דעם ערשטען טאָג פסח, אין די פרימאָרגען שעה׳ן, דרינגען די נאַצישע חיילות ווידער אַריין אין געטאָ. דאָסמאָל שוין מיט פאַרשטאַרקטע כוחות און מיט דער שטיצע פון פאַנצער־אָפּטיילונגען. זעענדיג, אַז מיט „נאָרמאַלע אַקציעס״ וועט זיי נישט געלונגען דורכצופירען זייערע טייוולאָנישע פלענער, און מורא האָבענדיג פאַר דעם עקשנות׳דיג־העלדישען ווידערשטאַנד, וועלכער האָט זיי אין נעכטיגען טאָג געקאָסט ניט וויניג פאַרלוסטען, הויבען זיי אָן פלאַנמעסיג, הויז ביי הויז אונטערצינדונגען און מיט דינאַמיט אויפרייסען די געטאָ. דער ווידערשטאַנד ווערט שווערער. דאָך קעמפען די העלדישע יונגעלייט ווייטער. אויף טייל ערטער קומען פאַר פאַרביטערטע קאַמפען, ווי אין דער „שטשאָטקאַרניע״ (בערשטען־פאַבריק) אויף שוויענטאָ יערסקע גאַס. און אויף אַ טייל ערטער קומען פאַר העלדען־טאַטען פון קליינע גרופען, וועלכע וואַרפען זיך מיט גרויס גבורה אויף די פיל גרעסערע פון זיי מחנות און מיט די לעצטע כוחות נעמען זיי נקמה ביז זיי פאַלען, ווי די ברידער ראָדאַל אויף מאָראַנאָוו און צענדליגער אַנדערע.

אין די ווייטערדיגע טעג באַנוצען זיך די רוצחים אויך מיט עראָפּלאַנען, באַשיטענדיג די הייזער מיט פאָספאָר און אַנדערע ברען־מאַטעריאַלען, וועלכע צינדען אונטער וואָס אַמאָל גרעסערע און ברייטערע שטחים פון געטאָ.

די גאַנצע געטאָ איז אין פלאַמען. עס קראַכצן מויערן. עס ברעכען זיך איין דעכער און אונטער זיי מאַסען, מאַסען אידישע נפשות. פון די ברענענדיגע הייזער שפרינגען דורך די פענסטער מאַמעס מיט די קינדער, ניט קענענדיג שוין מער אַרויס דורך די טרעפּ, וועלכע שטייען אין פלאַמען.

די לעצטע שעה׳ן

שבת, דער דריטער טאָג חול המועד פסח. די שכנות׳דיגע הייזער פון קופּיעצקאַ 7, וואו עס געפינט זיך דער בונקער פון ר׳ מנחם זעמבאַ, ברענען, און די פייער־צונגען דערגרייכען דעם בונקער וואו מיר געפינען זיך. אינ׳ם בונקער אַנטשטייט אַ פאַרצווייפעלטע בהלה. מענטשען ווילען פאַרלאָזען דעם בונקער צוליב דעם שטיקענדען רויך און די אַזוי נאָענטע פייער־סכנה. דער רב אָבער האָט נישט קיין חשק אַראָפּצוגיין. ער בעט מען זאָל פּרואווען לעשען און פאַנגט אַליין אָן טראָגען וואַסער. אויף דעם רב׳ס בקשות בלייבען מיר נאָך ווייטער אין בונקער.

12 אַזייגער בייטאָג. דער גאַנצער בנין שטייט שוין אין פלאַמען. אינ׳ם בונקער שטיקט דער רויך, ניט מער צו אָטעמען. דאָס פייער נעמט שוין אַרום אויך די אויסגאַנגס־טרעפּ און עס דראָט אַ געפאַר ניט מער צו קענען פאַרלאָזען דעם בונקער (ווי עס האָט טאַקע אויף פיל ערטער פאַסירט). מיר פאַרלאָזען צוזאַמען מיט׳ן רב זצ״ל דעם בונקער. אָבער וואוהין? שטייען דאָך זיכער אויף דער גאַס די מערדערישע עס־עס־באַנדיטען. זיי זעען דאָך ווי די פלאַמען נעמען אַרום דאָס גאַנצע הויז. וואַרטען זיי דעריבער אָפּ זייערע קרבנות. מיר כאַפּען זיך אַראָפּ אין קעלער. אָבער אויך דאָרט קענען מיר ניט בלייבען. מיר באַשליסען צו לויפען אין געגענאיבערדיגען הויז, וואו עס געפינט זיך דער בונקער פון וואַליער רב, הרב בעער הי״ד.

אין אַ געוויסען מאָמענט, ווען עס זעט אויס, אַז די געגענט איז אַביסעל רואיגער, איז דער טאָכטער פון ר׳ מנחם זעמבאַ (הרבנית רויזע ווידענפעלד, די שנור פון טשעבינער רב שליט״א, היינט אין ארץ־ישראל) געלונגען אַרויס־צובליקען פון הויז, און נישט באַמערקענדיג די לויערענדע וואַך־פּאָסטענס, רופט זי אונז צו פאַרלאָזען דעם קעלער און אַריבערכאַפּען זיך אין שכנות׳דיגען הויז. זי, די טאָכטער, לויפט אַריבער די ערשטע, און גיט אַ צייכען מיט דער האַנט. מיר האָבען דאָן געהאַט אַ טראַגישען טעות, מיינענדיג, אַז דער האַנט־צייכען באַדייט, אַז דער וועג איז פריי, און מיר פאַנגען אָן אַריבערצולויפען. פאַראויס דער רב, האַלטענדיג ביי דער האַנט זיין 5־יעריג אייניקעל יעקל׳ע בער (אַן אייניקעל אויך פון הגאון מאחורקוב) און מיר נאָך אים. אין דעם אויגענבליק האָבען מיר דערהערט פונדערווייטענס ווילדע געשרייען און אייניגע שאָסען, וועלכע קומען פון דער זייט פון די חורבות פון די נאַלעווקעס 39. מיר האָבען זיך אין דעם מאָמענט נישט געקענט אָריענטירען וואָס דאָ האָט פאַסירט. מיר זעען ווי דער גאון זצ״ל, וועלכער איז געווען נאָר אייניגע טריט פאַר אונז, פאַלט אום. מיר קענען ניט גיין ווייטער. די שיסעריי ווערט געדיכטער און מיר ציען זיך צוריק אין פריערדיגען קעלער.

ביז אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעה׳ן האָבען מיר נישט געקענט פעסט־

שטעלען, וואָס מיט׳ן רב זצ״ל האָט פּאַסירט. איז ער סתם אַזוי געפאַלען און זיך געראַטעוועט, אָדער האָט שוין פּאַסירט דאָס שרעקליכע אומגליק?

מיט׳ן צופאַל פון אָוועגט, אונטער׳ן שוץ פון פינסטערניש, פּרובירען מיר אַרויסשטעקען די קעפּ, כדי אויסצוגעפינען, וואָס מיט׳ן רב האָט פּאַסירט. מיר טרעפען שוין אָבער אין טויער זיין הייליגען גוף. די קאַטאַסטראָפע איז געשען. דאָס גרויסע תורה־ליכט איז אויסגעגאַנגען.

די שרעקליכע ידיעה האָט זיך אויף אַן אומפאַרשטענדליכען אופן פאַר־שפּרייט אין די טיפענישען פון די שכנות׳דיגע בונקערס. טראָץ דער גרעסטער געפאַר וואָס עס דראָט יעדער רגע אויסערהאַלב דעם בונקער, זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אייניגע מנינים פריינט און פאַרערער. אַ בית־דין פון אייניגע רבנים באַשליסט אים מקבר צו זיין צייטווייליג אויפן הויף קופּיעצקאַ 4, אינ׳ם גערטענדעל, על תנאי, אַז מען וועט אים שפּעטער איבערפירען אויפן בית־החיים.

ביי די שוואַרצע ליכט פון די מיט רויך־געמישע פלאַמען פון די אַרומיגע הייזער, פירען מיר, אין מיטען דער נאַכט, דורך די קבורה פון גרויסען גאון פון אונזער צייט, ביי דער אָנוועזענהייט פון צוויי טעכטער, איין איידעם, הרב בער, און דעם איינגסטען זון, דעם עילוי הרב אַהרן נפתלי, וועלכער זאָגט קדיש.

אַזוי איז אומגעקומען דער גרויסער גאון און צדיק. צוזאַמען מיט אים ווי מיט דעם תנא ר׳ חנינא בן תרדיון, זיינען אויך פאַרברענט געוואָרען זיינע הייליגע ספרים, די צענדליגער ריזיגע, גאוניש־קלאַסישע חיבורים אויף אַלע מקצועות התורה, וועלכע וואָלטען פאַרלויכטען די אידישע תורה־וועלט . . . חבל, חבל... ד׳ ינקום דמו לעינינו.

# אַ כזית מצה אין טרעבלינקע

• פון משה פּראַגער

(דערציילט פון א איד, וועלכער האָט מנצח געווען דעם מלאך־המות)

און פאַרלאָפן איז זיך די מעשה טאַקע אום סאַמע ערב־פּסח. ביז יענעם טאָג האָב איך זיך שוין געהאַט גאָר נישקשה, ממש גוט־ברודעריש איינגעלעבט מיטן מלאך־המות. אַ מאָדנער פאַרשוין איז דאָס. אין די ערשטע צייטען האָט ער זיך פון מיר ניט געוואָלט אָפּטשעפּען אויף אַ רגע ממש און רק האָט ער מיך גענודיעט און געיאַדעט: „אָט גיי איך שוין ביי דיר איינמאָנען דעם חוב מיינעם״ און אַז איך האָב געפּרואווט אים גלייך אַ שליידער טאָן אין פּרצוף אַריין דאָס גאַנצע משכון מיט אַ געבייזער: „נאָ דיר דאָס זעקעל פאַרזשאַווערטע ביינער און לאָז מיך מנוחה״ — האָט ער זיך צעכיכעט און ממזור׳יש אונטערגעוואונקען מיט איין אייגל: „כי, כי, איך בין אַ בעל־רחמנות, ביסלעכווייז וועל איך ביי דיר איינקאַסירען דעם חוב, קופּאָנעס־וויז, אברים־וויז... אָט אַזוי געלאַסען, אויף ראַטעס, וועל איך ביי דיר אַוועקשניידען יעדעס מאָל איין קופּאָן פון אַ יאָר לעבען, אַוועקטויטען ביי דיר יעדעס מאָל איין אבר, און דערווייל וועסטו מיר בלויז באַצאָלען קליינע פּראָצענטער פאַרן חוב, מיט יסורים׳לעך וועסטו מיר דעקען די פּראָצענטער, אַזוי געלאַסען, וואָרים אַ בעל־רחמנות בין איך...״

מילא, אָנגעטראָפען אויף אַזאַ בעל־רחמנות האָב איך שוין גענומען ריידען צו אים ווייכע רייד, ניט געשעמט זיך צו לאָזען פאַלען אַ טרער און טאַקע מער ניט באַהאַלטען ווי מיינע ציינער קלאַפּען איינס אָן דאָס אַנדערע פאַר אימה און פחד: „העי, גוטער ברודער, מוחל די טובות, אויב שטאַרבען איז איינמאָל גענוג, אָבער טויזענט מאָל צו שטאַרבען, טאָג און נאַכט צו זען זיך מיטן טויט און צומאָל ניט וויסען, ווען דו, ליבער, האַרציגער מלאך, מיינט דאָס אויף אַן אמת און ווען דאָס איז סתם צו רייצען זיך אויף להכעיס... ניין! דאָס נעמט אַוועק דעם גאַנצען טעם פון שטאַרבען, אַפילו דעם טעם פון ווידוי נעמט דאָס אַוועק. האָט עפּעס אַ חן טויזענט מאָל אָפּצוזאָגען ווידוי? דאָס איז דאָך נישט מער, זיי מיר מוחל, ווי אַ חוזק־שפּיל מיטן טויט!...״

דערהערט דאָס וואָרט: „חוזק־שפּיל״, איז דער בעל־דבר מיינער שיער ניט אויפגעפּלאַצט פון געלעכטער: „כע, כע, אַריינגעטראָפען מיר אין פּינטעל... כע, כע, בנאמנות, דאָס מיינט טאַקע דער פּסוק, אַ שפּיל, אַ חוזק, כע־כע־כע...״ און פּלוצלינג, אין מיטן פון זיין פאַרשייטער לאַכעניש, איז אים דאָס לאַכען איבערגעבראָכען געוואָרען. דער „כע־כע־כע״ איז אים געבליבען שטעקען אין דער גרגרת ווי אַ טרוקענער ביסען, ניט אַהין און ניט אַהער. אַ מאָדנער פאַרשוין דאָס איז. צי האָט ער גלייך חרטה געהאַט, הלמאי ער האָט אַזוי נאַריש אויסגעפּלאַפּעלט זיין סוד? אָדער ער האָט כהרף־עין אויפגעכאַפּט דעם טראָציגען בליק אין מיינע אויגען: „ניין, בשום אופן וועל איך נישט מיטמאַכען דאָס

חוזק־שפּיל!״ בקיצור, באותו הרגע האָט ער זיך גענומען צוריקדרייען, און דאָס טאַקע אויף אַ ממזר׳יש־קלוגען אופן: „האָסטו יאָ, חברה־מאַן, דערשנאַפּט דעם סוד פון מיין שפּיל, טאָ זיי־זשע וויסען, אַז מיט יענעם, וואָס איז אַ מבין דערויף, מיט אַזעלכען שפּיל איך זיך טאַקע נישט...״ די דאָזיגע ווערטער זיינע זיינען שוין געוואָרען אַרויסגעזאָגט מיט אַ גאַר ערנסטע מינע. און מיט דער זעלבער ערנסטקייט האָט דער בעל־דבר גענומען ציילען די וויטערדיגע ווערטער זיינע: „און הערסטו, איך בין גרייט דיך אינגאַנצען אָפּצולאָזען, ניט פּייניגען יעדען טאָג און ניט רייצען זיך מיט דיר, נאָר מיט איין תנאי״ — האָב איך שוין ניט געהאַט קיין געדולד און אים איבערגעהאַקט: „נו, שנעל גע׳דבר׳ט! און גלייך האָב איך געהערט דעם תנאי: „דער תנאי מיינער איז, אַז שוין פון איצט אָן געהערסטו צו מיר, דערוויל קענסטו זיך אַרומדרייען און מיינען אַז דו לעבסט און אַנדערע מעגען אַוודאי גלויבען, אַז דו לעבסט, אָבער דו מוזט אינגאַנצען פאַרגעסען דעם חשבון פון דער צייט, דו מוזט וויסען, השמר והזהר, נישטאָ פאַר דיר מער קיין שעה און נישטאָ קיין טאָג, נישטאָ קיין וואָך און נישטאָ קיין שבת און נישטאָ קיין יום־טוב, גאָרנישט, דער זייגער פון דיין לעבען איז אָפּגעשטעלט!...״

איך האָב מסכים געווען אויף דעם תנאי, אַ ברירה האָב איך געהאַט? סיי־ווי האָט דער מלאך־המות געהויזט מיט מיר צוזאַמען, סיי־ווי האָט ער מיך אָן אויפהער געשפּיזט מיט זיינע טויזענט אויגען, סיי־ווי האָט ער טאָג און נאַכט געפּרעסען פון מיר לעבעדיגע שטיקער. „אוי, בין איך דיינער!״ — האָב איך אַ זיפץ געטאָן און גלייך אַרויסגעפלויגען יעדער חשבון פון מיין מוח, דער חשבון פון צייט, דער חשבון פונ׳ם מענטש, דער חשבון פון דער וועלט... אינעווייניג, אין מיר איז אַלץ געוואָרען נישט. דאָס פּינטעלע מענטש איז אויס־גערונען, בלויז די דרויסענדיגע שאָלעכץ מיינע איז פאַרבליבען, און דער מלאך־המות האָט מיך טאַקע גענומען באַהאַנדלען גוט־ברודעריש, ער האָט גענומען צו מיר טענה׳ען מיט זיסע ריידעלעך, אַז ער איז שוין אַפילו גרייט מיך צוצונעמען פאַר זיינס אַ באַהעלפער, צוגלייך מיט די פילע אַנדערע באַ־העלפער זיינע... און אין מיטען דערינען איז געשען דער איבערברוך. ווער האָט דען אין יענעם טאָג געפרעגט דעם גראָבען דייטש, דעם געטרייסטען משרת פונ׳ם מלאך־המות ביי אונז: ווען עס פאַלט אויס פסח? ווער האָט אים געפרעגט, צי איז בכלל נאָך פאַראַן אַ אידישער לוח מיט אידישע שבתים און מיט אידישע יום־טובים? קיינער האָט אים ניט געפרעגט, און ווער וואָלט דאָס גאָר געוואָגט צו פרעגען? אָבער ער אַליין האָט משמעות אָפּגעהיט דעם לויף פון דעם אידישען לוח, און ער, דער גראָבער דייטש, האָט אונז אין יענעם פרימאָרגען מבשר בשורה געווען: געדענקט, פאַרשאָלטענע אידען, מאָרגען ביי־נאַכט איז אייער פּסח, וועל איך היינט, לכבוד אייער יום־טוב, אייך אַביסעל אויסוועלגערן דיביינער אייערע, ווי די דאַרע מצות!״

און דאָ הויבט זיך אָן די ריכטיגע מעשה: „פסח״, „מצות״, „וועלגערן מצות״ — די דאָזיגע פאַרגעסענע, פאַרלאָשענע באַגריפען און ווערטער זיינען מיט־אַמאָל אַריינגעפאַלען אין מיין פוסטען, אויסגעהוילטען מוח ווי שאַרפע, שפּיציגע שטיינער. זיי האָבען אינגאַנצען אויפגעטרייסעלט מיין זכרון, אויפגעוועקט דעם זייגער פון צייט: „היינט איז פסח?״ עפּעס אַ טיף־פאַרזונקענער פונק האָט

זיך אָנגעצונדען אין מיר, און גלייך איז דער מוח געשטאַנען אין פלאַמען. עס האָבען העליש אויפגעפלאַקערט די זכרונות פון די עטליכע, אַזוי טיף־פיינליכע און אַזוי טיף־דערהויבענע פסח׳ס מיינע אין דער געטאָ. יעדעס מאָל איז ניט גע־ווען קיין שום אויסזיכט אויף צו באַקומען אַ שטיקעל מצה און יעדעס מאָל איז געשען אַ נס אין דער סאַמער לעצטער מינוט און עס איז פאַרט געווען אַ כזית מצה צום סדר. און היינט? היינט? היינט?... איך האָב געשפּירט, אַז שוין בלויז מיטן וואַגען צו טראַכטען מיט׳ן דאַזיגען באַגריף „היינט״, דערמיט ברעך איך איינגאַנצען דעם הסכם מיט׳ן מלאך־המות... מיט דער וועלט. דאָס אַלץ האָט זיך צוריק אויפגעוועקט אין מיר. און געשפּירט האָב איך אויך, אַז היינט מוז מיט מיר געשען אַ נס. איך האָב ניט געוואוסט צו טראַכטען פון וואַנען און ווי אַזוי, אָבער אין יענער רגע האָב איך געקענט שווערען, אַז דאָ אינ׳ם טויטען־לאַגער, אין דער מלוכה פון מלאך־המות, וועל איך היינט עסען אַ כזית מצה לכבוד פסח. און אַזוי איז דאָס געשען. דער נס האָט פּשוט געוואַרט הינטער דער טיר, געוואַרט, אַז איך זאָל אים בלויז אַריינרופען...

און, אַדרבא, הערט ווי דער נס איז געשען — נאָך שנעלער ווי מען האָט עס געקענט אויספאַנטאַזירען: תמיד, פאַרנאַכט־צו, אַז מיר פלעגען זיך צוריק־קערען פון דער עבודת־פרך, ביי די ברענענדיגע שייטער־הויפענס מיט די פאַר־גאַזטע מענטשליכע גופים, פלעגען מיר זען איינצעלנע כיטרע פויערימלעך זיך אַרומדרייען פון דרויסען, פון יענער זייט צוים מיט די עלעקטריזירטע שטעכיגע דראָטען. פון די בערג סמאַליענדיגע גופים האָט זיך כסדר געטראָגען אַ שוואַרץ־פעטער רויך. און אַ דאַנק די דאַזיגע געדיכטע רויך־קנוילען פון מענטשליכען פלייש און בלוט, האָט אַרום די דראָט־צוימען געקענט ווערען געפירט אַ שטיקעל מסחר מיט די דרייסטסטע ריזיקאַלישע פויערים. דער מסחר פלעגט צוגיין בליץ־שנעל. די האַרטע פויערישע דלאָניעס, וואָס האָבען זיך דורכגעשטרעקט דורכן עלעקטריזירטען דראָט, האָבען פאַרלאַנגט בלויז גאָלדשטיקלעך אָדער בריליאַנטען און אַזוי איז דער אויסטויש צוגעגאַנגען. פאַר אַ ציבעלע, אַ קאַר־טאָפעל, פאַר אַ רעטעך האָט דער פויער באַקומען גלייך אין דער יד אַריין אַ גאָלדשטיקעל, אַ בריליאַנט, אַ צעקנייטשטען אויסלענדישען באַנקנאָט. יאָ, די פויערים פון די שכנות׳דיגע דערפער אַרום אונזער טויטען־לאַגער האָבען גוט געוואוסט דעם סוד, אַז אין די מלבושים פון די ליקווידירטע אידען איז נאָך וואו ניט־איז צו געפינען אַ טייערן חפץ, וואָס איז פאַרנייט און פאַרבאַהאַלטען. זיי, די פויערים, פלעגען איינשטעלען דאָס לעבען אויף צו פירען דעם מסחר. וואָרים מיר, די אינעווייניגסטע, האָבען ניט געהאַט מער וואָס איינצושטעלען. און אין יענעם טאָג האָט עס מיר טאַקע אָפּגעגליקט מיט איינעם אַ פויערעל. גראָד האָב איך דערטאַפּט אין אַ קליאַפּע פון אַ צעריסענער קאַפּאָטע אַ פינקעלדיג גאָלד־שטיקעל. און איין גליק האָט געבראַכט דאָס צווייטע: ביים אַהיימגיין אין פינצטערן באַראַק אַריין, האָט זיך פאַר מיר באַוויזען אַ פויערישע דלאָניע, וואָס איז געווען אויסגעשטרעקט דורך די דראָטען און זי, די דלאָניע, איז געווען אָנגעפילט מיט ווייצענע קערנער. דאָס פויערעל איז געוויס געווען גליקלעך צו מאַכען אַזאַ טויש מיט מיר. דאָס גאָלד שטיקעל האָט ממש געציטערט אין זיינע פינגער. אָבער דאָס פויערעל האָט געוויס ניט געהאַט קיין אַנונג, וואָס פאַר אַ גליק איך האָב ביי אים איינגעהאַנדעלט. איינציגע פולע הויפענס מיט

קערנער האָב איך פון אים באַקומען. איך האָב דערזען דעם גרויסען נס, וואָרים פון די וייצענע קערנער וועל איך מיר קענען אָפּבאַקען אַ שטיקעל מצה...

אויפן וועג אַהיים אין פינצטערן באַראַק אַריין, האָב איך געפילט, ווי איך פלאַטער אינגאַנצען פאַר גליק. אין באַראַק איז געווען פינצטער ווי שטענדיג, און די געמיטער זיינען געווען נאָך פינצטערער ווי שטענדיג. אַלע האָבען שוין געוואוסט, אַז ס'איז היינט פּסח, אַז ס'איז היינט די ערשטע סדר־נאַכט און מען האָט שוין אויך געוואוסט, אַז די נאַכט וועט ניט דורכגיין גלאַטיג. מען האָט אונז פרי געטריבען אויף די האַרטע נאַרעס צום שלאָפען. און ווידער האָט עס מיר אָפּגעגליקט צו קענען בלייבען פּריוויליג אַלס נאַכט־דיזשור אינ'ם באַראַק. איך האָב זיך געדרייט איבער'ן באַראַק און געוואוסט, אַז די וועלט איז היינט מיינע. צוויי ציגעל זיינען ביי מיר געוואָרען פאַרוואַנדעלט אין אַ מיל. איך האָב אַזוי לאַנג געריבען די ציגעל איינס אָן דאָס אַנדערע, ביז די וייצענע קערנער צווישען די ציגעל, זיינען געוואָרען צעשטויסען און צעריבען אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב עס אָנגערופען „מעל". און פון דעם דאָזיגען „מעל" האָב איך אין איילעניש, טאַקע ממש בחפזון, געפּרואווט פאַרקנעטען מיט וואַסער אַ שטיקעל טייג אויף אַ מצה; שנעל אָנגעצונדען אַ פייער אינ'ם אייזערנעם אויוועלע, און אויף דער צעגליטער אייזערנער פּליטע האָב איך מיר אָפּגעבאַקען אַזאַ מצה'לע. פרעגט ניט וואָסאַראַ פּנים דאָס מצה'לע האָט געהאַט. דער עיקר, אַז איך האָב געהאַט אַ שטיקעל מצה להכעיס דעם מלאך־המות מיט זיינע משרתים.

און בינו לבינו, ווי איך בין געווען פאַרטאָן אין מיינע זיס־פלאַטערענדיגע מחשבות, ווי אַזוי דאָ, אין דעם פינצטערען באַראַק אָפּצוריכטען אַ שטיקעל סדר, לכבוד דער מצה, האָט דער אַליאַרם־גלאָק גענומען קלינגען: אַן אַליאַרם אין מיטען דער נאַכט! און דער אַליאַרם איז טאַקע געקומען לכבוד פּסח, לכבוד דער סדר־נאַכט. האַלב־נאַקעט זיינען מיר אַרויס אין דרויסען און דער גראָבער דייטש האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָנגעהויבען מיט אַ פאַרציע גימנאַסטיק: שטיין — פאַלען! פאַלען — שטיין־בלייבען! פאַלען — און ליגען־בלייבען! און אַז איך האָב זיך אַזוי געטאָן אַ צי־אויס אויף דער בלאָטיגער ערד, האָב איך אַלץ אין זינען געהאַט די אָרעם־אָפּגעבאַקענע מצה מיינע און אויסגעדוכט האָט זיך מיר, אַז די ערד איז מיין היסב־בעט... און אַזוי ליגענ־דיג אויף דער בלאָטיגער ערד האָב איך, מיט גרויס כוונה, געמאַכט אַ „שהחיינו" און גענומען קייען דעם כזית מצה.

וואָס עס איז מיט מיר פאָרגעקומען זינט יענער מינוט געדענק איך ניט גענוי און אויף וויפיל איך געדענק יאָ עפּעס, בין איך עס אייך ניט אימשטאַנד צו שילדערן. איך וויים בלויז, אַז ווי איך האָב אַזוי געהאַלטען אין צעקייען מיט אַ התלהבות'דיגען ברען דאָס שטיקעל האַרטע, שטיינערנע מצה, בין איך פּלוצלינג איינגעשלאָפען; וואָס איז דאָס געווען? בין איך געווען פאַר'שיכור'ט פון פרייד? איז דאָס געווען די עכסטע פרייד פון דערגרייכען דעם לעצטען טרוים? אָדער איז דאָס סתם געווען אַן אָנפאַל פון דערשעפּונג און מידקייט? איך וויים ניט וואָס דערויף צו ענטפערן — איך געדענק בלויז דעם טעם פון יענעם שלאָף; איך געדענק, אַז דאָס איז געווען אַזאַ זיס־פאַר'שיכור'טער שלאָף, ווי גאָרניט פון דער וועלט. און דאָס געדענק איך שוין אַוודאי גענוי און קלאָר.

ווי פונ׳ם הימליש־זיסן שלאָף האָבן מיך אַרויסגעריסן אַ פּאָר האַרטע שטיוואַליעס מיט שפּיציגע נעגעל. איך האָב געשפּירט ווי איין שטיוועל טוט מיר מיט זיינע נעגעל אַראָפּשיילן די הויט פון דעם פּנים און דער צווייטער שטיוועל טוט מיר דערווייל אַזוי טיף קנעטען דעם בויך מיינעם מיט די איינגעשרומפּענע בני־מעיים. „איז דיר גוט, יודע?”, האָב איך דערהערט אַ געשריי, פאַרמישט מיט אַ פאַרשייט טייוולאָניש געלעכטערל: כע־כע, און אינ׳ם געלעכטער האָב איך גלייך דערקענט דעם אַלטען בעל־דבר מיינעם. „כע־כע, ענטפער, יודע!”, האָט ער כסדר צו מיר געכיכעט. נאָר וואָס האָב איך שוין דאַן געהאַט צו ענטפערן? איך האָב האַסטיג צונויפגעקריצט די ציין און קיין זיפץ ניט אַרויסגעלאָזען פונ׳ם מויל. „שריי, יודע!” — איז דער בעל־דבר שוין אַריינגעפאַלען אין כעס און דיביידע שטיוואַליעס האָבן נאָך האַסטיגער גענומען זיך פאָרען מיט מיר, נאָר געשוויגען האָב איך אַלץ ווייטער.

איך האָב געשפּירט בחוש, ווי דאָס שווייגען מיינס טוט מיך אינעווייניג אינגאַנצען אויספילען מיט אַזאַ מורא׳דיגען, טויבען געשריי; כדי איינצושטילען דעם אינעווייניגסטען געשריי, האָב איך גענומען טיף צעקייען און טיף־טיף אַראָפּשלינגען די יסורים און דעמאָלט האָב איך עפּעס דערשפּירט אַזאַ אויסטערלישען טעם אין די יסורים. וואָס פאַר אַ טעם, מיינט איר דען, האָבן יסורים? זויער און געזאַלצען? שאַרף־בריענדיג, שפּיז־שטעכעדיג, טיף־בויערנדיג? בנאמנות, ווי דאָס אַלץ איז אַ טעות. פויקט מען אַריין אין זיך די יסורים אַביסעל טיפער, נאָך טיפער, אַלץ טיפער, דאַן דערפילט מען דעם באַהאַלטענעם מהיה׳דיגען סוד פון יסורים, דערפילט מען דעם זיס־וואַרעמען שטראָם־האָניג, וואָס פליסט אין זיי אַרום. און טאַקע צוליב דעם צומיש פון די שאַרפע, געזאַלצענע טעמים איז די תענוג׳דיגע זיסקייט פון די יסורים אַזוי געוואַלדיג, ממש ביז כלות הנפש...

און אין יענעם מאָמענט האָב איך שוין דערהערט דאָס ווילדע, פאַרצווייפעלטע געשריי, שוין ניט בלויז פונ׳ם גראָבען דייטש, נאָר פונ׳ם מלאך־המות אַליין: „שריי, טראַציגער יודע, אַנדערש קומט דיין סוף!” אַרום זיך און איבער זיך האָב איך דערפילט די שוואַרצע פליגעל זיינע, דעם אייז־קילען אָטעם ויינעם, דער לאַנגער חלף זיינער האָט געפאָכעט פאַר מיינע אויגען — דער מלאך המות קומט איינקאַסירען זיין חוב. אָבער איך בין אַלץ געבליבען שווייגענדיג. איך האָב געוואוסט, אַז מיט דער אַראָפּגעשלונגענער כזית מציה, וואָס איך טראָג אין מיין פּנימיות, איז די נקמה מיינע, און דער נצחון מיינער. און אַז ער, דער מלאך־המות, האָט אויף מיר געטאָן אָנשפּיזען מיט אַמאָל זיינע גאַליג־שטראָמיגע טויזענט פאָר אויגען, האָב איך בלויז געטאָן אַ שמייכעל, אַ שמייכעל גלייך אין זיין פּרצוף אַריין — — —

אַ מאָדנער פאַרשוין איז דאָס עפּעס דער מלאך־המות. דעם אומגעריכטען שמייכעל מיינעם האָט ער שוין גאָרניט געקענט אויסהאַלטען. מאָמענטאַל איז ער אַנטלאָפען, פאַרשוואונדען מיר פון די אויגען. פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפען? צי איז עס געווען פון גרויס בושה? אָדער פּשוט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט, דאָס זיין חוזק־שפּיל מיט מיר איז אויסגעשפּילט!? ער איז אַנטלאָפען און ביז היינט האָב איך אים מער פאַר די אויגען נישט געזען...

# רשימה פון ספּאָנסאָרס פאַרן פּסח־אַלמאַנאַך

אדמו״ר הרב ר׳ מרדכי שלמה פרידמאַן (מבאָיאַן)
אדמו״ר הרב ר׳ נחום מרדכי פּערלאָוו (מנובומינסק)
הרב ר׳ אברהם בנימין זילבערבערג (פּיטסבורג)
הרב ר׳ מענדל כאַדאַראָוו (בראָנקס)
הרב ר׳ יצחק אייזיק סמאלל (שיקאַגאָ)
הרב ר׳ אליעזר לעווין (דיטרויט)
הרב ר׳ יהודא אַלטוסקי (בראָנקס)
הרב ר׳ יעקב טייטעלבוים (קיו גאַרדענס)
הרב ר׳ יעקב פלוסבערג (ברוקלין)
הרב ר׳ יוסף מאָרדוכאָוויץ (ברוקלין)
הרב ר׳ ליב ציוויאַק (ניו־יאָרק)
הרב ר׳ צבי בראָנשטיין (ברוקלין)
ר׳ אברהם אייזערנבערג (בראָנקס)
הרב אנשיל פינק (ברוקלין)
הרב אפרים זילבערבערג (פּיטסבורג)
ר׳ ארי׳ ראָזענבוים (פאָרעסט הילס)
ר׳ בנימין גרוס (ניו־יאָרק)
ר׳ ברוך ליטווין (מט. קלעמענס)
הרב בנימין אורמאַן (טאָראָנטאָ)
ר׳ בנימין סיטקא (ברוקלין)
ר׳ בירך רובינזאָן (ניו־יאָרק)
ר׳ בעריש פּיוויש (פאָרעסט הילס)
הרב גבריאל ביער (ארווערן)
ר׳ גימפּעל רובינשטיין (ברוקלין)
ר׳ דוד טירקעל (ברוקלין)
ר׳ דוד אַדלער (פּיטסבורג)
ר׳ דוד כהן (מינכען־טאָראָנטאָ)
ר׳ הערשל רובינשטיין (טאָראָנטאָ)
הרב הערץ פרענקעל (ברוקלין)
ר׳ וואָלף פרידמאַן (ברוקלין)
ר׳ חיים הערץ (ברוקלין)
הרב חיים יוסף קופמאַן (ברוקלין)
ר׳ טובי׳ באקטשין (ברוקלין)
ר׳ יהושע גאָלד (ניו־יאָרק)
ר׳ ישראל יהודא סעפּטימוס
ר׳ יוסף באָרענשטיין (דיטרויט)
ר׳ יוסף לאַסק (שיקאַגאָ)
הרב יחזקאל בעסער (ניו־יאָרק)

ר׳ יצחק שאנברון (קיו גאַרדענס)
ר׳ ישראל ברוין (שיקאַגאָ)
הרב יצחק גאָטעסמאַן (פּיטסבורג)
ר׳ ישעי׳ וויינגאַרטען (ניו־יאָרק)
ר׳ ישעי׳ וויטעלזאָן (ניו־יאָרק)
ר׳ ישראל צווייג (מינכען־טאָראָנטאָ)
הרב ליב געליבטער (ניו־יאָרק)
ר׳ ליבוש גרינבערגער (ברוקלין)
ר׳ מאיר ווייסקאָהל (ברוקלין)
ר׳ מרדכי גראָסמאַן (ברוקלין)
הרב משה אהרן בוימאַן (לאָס אַנדזשעלעס)
דר. מאיר שמעון רייכמאַן (אַרגענטינע)
ר׳ משה בראכפעלד (מעקסיקאָ)
ר׳ משה ב״ר צבי שוואַרץ (ניו־יאָרק)
ר׳ משה נוסבוים (טאָראָנטאָ)
ר׳ נחמי׳ רובינשטיין (טאָראָנטאָ)
ר׳ נתנאל האלטאַן (באַלטימאָר)
ר׳ עקיבא זילבערבערג (פּיטסבורג)
ר׳ צבי טרייסער (ניו־יאָרק)
ר׳ צבי פלאגמאַן (ברוקלין)
ר׳ צבי מאָסקאָוויץ (ברוקלין)
ר׳ שבתי פרענקעל (ברוקלין)
דר. שלמה גאָלדשמידט (ניו־יאָרק)
ר׳ שלמה סעפּטימוס
הרב שלמה גרינבוים (ברוקלין)
ר׳ שמעון צוקער (ניו־יאָרק)
אגודת ישראל העולמית — הועד הפועל בניו־יאָרק
אגודת ישראל — דיטרויט
אגודת ישראל — באַלטימאָר
אגודת ישראל — בּאָראָ פּאַרק
אגודת ישראל — באָסטאָן
אגודת ישראל — בוענאָס־איירעס
אגודת ישראל — דעטראָיט
אגודת ישראל — מעקסיקאָ
אגודת ישראל — קליוולאַנד
אגודת ישראל — קראָון הייטס
אגודת ישראל — טאָראָנטאָ
אגודת ישראל — וויליאַמסבורג
אגודת ישראל — וואַשינגטאָן הייטס
בית החסידים דגור — קראָון הייטס

# אַ פּיאָנער אין רעליגיעזער טוריסטיק!

אַ רייזע־אַגענטור איז לכאורה אַ ביזנעס ווי יעדער אַנדערע ביזנעס־אונטערנעמונג. איר ציל איז — ריוח. און דער דאָזיגער ציל איז אַ לעגיטימער און באַרעכטיגטער.

ווען אָבער אַ באַוואוסטזיניגער רעליגיעזער איד פירט אַ ביזנעס, איז עס נאָר רעכט, ער זאָל שטיין אויף דער וואַך און זעען ווי אַזוי אויך זיין ביזנעס, אָפּגעזען פון געשעפטליכען פּראָפיט, זאָל אויך קענען לייסטען פּאָזיטיווען פאַר אידישקייט.

די באַרימטע רייזע־אַגענטור „טרייסער טורס" איז אַ מוסטער פאַר אָט דעם אידעאַלען וועג אין ביזנעס!

טרייסער טורס איז אַ ביזנעס־אונטערנעמונג מיט אַ רעפּוטאַציע פון בעסטער און פיינסטער באַדינונג פאַר אירע פילע טויזענטער קאָסטימער. ווער עס פאָרט איינמאָל דורך „טרייסער טורס", קומט ביי יעדער רייזע־געלעגנהייט תמיד ווידער און רעקאָמענדירט אויך אַנדערע צו פאָרען דורך טרייסער טורס. טרייסער טורס האָט זיך דערוואָרבען אַ נאָמען ווייט איבער די גרעניצען פון לאַנד.

אָבער צבי טרייסער, דער אייגנטימער פון „טרייסער טורס", האָט זיך קיינמאָל ניט באַגרעניצט נאָר צו ביזנעס־דערפאָלג. פון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער געזוכט יעדער געלעגנהייט ווי אַזוי זיין ביזנעס זאָל אויך קענען דינען די אינטערעסען פון רעליגיעזען צבור.

„טרייסער טורס" האָט אויסגעבאַנט אַ וועג, אַז דאָס רייזען פאַר אַ רעליגיעזען איד זאָל ניט דאַרפען זיין פאַרבונדען מיט שוועריגקייטען און נסיונות. ער איז געווען פון די ערשטע צו זאָרגען דערפאַר, אַז לופט־ און שיף־קאָמפּאַניעס זאָלען באַזאָרגען זייערע קליענטען מיט כשר־עסען, האָבען פאַרשטענדעניש פאַר זייער שמירת שבת און זיך באַציען מיט רעספּעקט צום רעליגיעזען רייזענדען און זיינע ספּעציפישע פאָדערונגען.

„טרייסער טורס" איז געווען די ערשטע רייזע־פירמע צו אָרגאַניזירען גרופּען־רייזעס פון רעליגיעזע אידען קיין ארץ־ישראל. אַזוי איז די ערשטע גרופּע פון בעלזער חסידים צו זייער רבי'ן זצ"ל אָרגאַניזירט געוואָרען דורך „טרייסער טורס" און די גרעסטע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס באַנוצען זיך אין זייערע גרופּען־רייזעס מיט דעם דינסט פון „טרייסער טורס". ניט קיין וואונדער אַז אויך כמעט אַלע באַרימטע רביים, ראשי ישיבות און רבנים באַנוצען זיך תמיד מיט „טרייסער טורס".

אויב איר פּלאַנט אַ נסיעה, פאַרבינדט אייך פריער מיט „טרייסער טורס". אַלס רעליגיעזער איד, קען אייך קיינער ניט אַזוי באַדינען ווי „טרייסער טורס". אין אָפיס פון טרייסער טורס וועט מען אייך אָנווייזן אַ כשר'ן רעסטאָראַן אין פאַריז, אַ שול אין אַמסטערדאַם, אַ מקווה אין קאָפּענהאַגען, אַ מנין אין איסטאַמבול. אויב איר פאָרט אויף קבר אבות, אָדער איר זענט פאַראינטערעסירט אין היסטאָרישע אידישע פּלעצער — אויך דאָ קען אייך אַמבעסטען באַראַטען „טרייסער טורס".

אויב איר פאָרט קיין ארץ־ישראל, דאַרפט איר אַוודאי גיין צו „טרייסער טורס", ווייל טרייסער האָט אַן אייגענעם אָפיס אין תל־אביב, וואו היימישע מענטשען וועלען אייך בייהילפיק זיין מיט יעדער פּראָבלעם.

טאָ איידער איר אונטערנעמט וועלכע ס'איז נסיעה און איר ווינטשט אייך אַ בעסערע, זיכערע און אָנגענעמע נסיעה, שרייבט, רופט אָדער קומט צו:

**TREISSER TOURS**

**10 WEST 47th STREET, NEW YORK, N. Y.**

**JU 6-8686**

# אין די טעג פון
# ערב זמן חרותנו

## ג ע ד ע נ ק ט

**דעם תורה־חינוך פון די 45 טויזענט קינדער אין די 249 מוסדות פון חינוך עצמאי אין א״י וואָס שטעלען מיט זיך פאָר דעם יסוד פאַר אַ תורה־צוקונפט אין הייליגען לאַנד!**

•

מרן הגאון ר׳ אהרן קאָטלער זצ״ל האָט געזאָגט:

„.. דער גרעסטער דעפיציט פון חינוך עצמאי זיינען די... קינדער. מיר וואָלטן דאָך באַדאַרפט האָבן 70 אָדער 80 טויזענט קינדער אין די חינוך־עצמאי מוסדות. דעריבער דאַרף זיך יעדער פרעגן: וואָס האָב איך געטאָן כדי צו ראַטעווען אידישע קינדער פון מינות?"

•

נאָך מער תלמוד־תורה׳ס און בית־יעקב שולן מוזען געעפענט ווערען אין די נייע ישובים וואו עס הערט זיך נאָך ניט ביז איצט דער קול פון די תינוקות של בית רבן. דאָס איז אָפּהענגיק פון אייך!

•

ביי יעדער געלעגענהייט, בפרט איצט אין די טעג ערב דעם יום־טוב פסח, שיקט אריין אייער ביישטייערונג צו:

**TORA SCHOOLS FOR ISRAEL**

**154 Nassau Street, New York, N. Y. BA 7-1505**

פאַרוואָס יעדער באַוואוסטזיניגער רעליגיעזער איד מוז לייענען

# „דאָס אידישע וואָרט"

„דאָס אידישע וואָרט" — דער חודש־זשורנאַל געווידמעט די אינטערעסען פונ'ם תורה־אידענטום — נויטיגט זיך ניט מער אין קיין פאַרשטעלונג. דער נאָמען פון דעם זשורנאַל איז באַקאַנט און פּאָפּולער אין אַלע אידיש־לייענענדע קרייזען איבערן לאַנד און אין אויסלאַנד, און ווערט געלייענט מיטן גרעסטן אינטערעס פון פילע טויזענטער: רבנים און בעלי־בתים, בני תורה און פּראָפעסיאָנאַלן, אַנהענגער און געגנער. מיט איין וואָרט — פון יעדן באַוואוסטזיניגען איד, וואָס האָט אַ חוש פאַר אידישע פּראָבלעמען.

אויב איר האָט אַן אינטערעס אין געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען; אויב איר ווילט טיפער פאַרשטיין וואָס עס גייט אָן אין אידישען לעבען איבעראַל וואו אידען לעבען און שאַפען אָדער שאַפען ח"ו ניט; אויב איר האָט אַ חוש פאַר אָריגינעלער אידישער מחשבה און ערנסטן אידישען געדאַנק — איז „דאָס אידישע וואָרט" פאַר אייך אַ „מוז".

„דאָס אידישע וואָרט" ברענגט אייך יעדן חודש:

- **די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיקסטע נייעס פון רעליגיעזען לעבען אין דער גאַנצער וועלט.**
- **אָפּהאַנדלונגען און קאָמענטאַרען איבער די וויכטיקסטע געשעענישען אין אידישען לעבען.**
- **גייסטרייכע מאמרים איבער אידישע אייביקייטס־און־צייט־פּראָבלעמען געשריבען פון די בעסטע אָרטאָדאָקסישע שריפט־שטעלערישע כוחות אין דער וועלט.**
- **ביאָגראַפיעס פון גדולי ישראל, אָפּהאַנדלונגען איבער אידישער געשיכטע, חסידות, מוסר א. א. וו.**

## יעדע אויסגאַבע פון „דאָס אידישע וואָרט" איז אַן אוצר פון אידישען וויסען און מקוריות'דיגען אידישען געדאַנק. דאָס וואָס „דאָס אידישע וואָרט" ברענגט אייך יעדען חודש, קענט אין ערגעץ ניט געפינען.

שרייבט דעריבער נאָך היינט אויס **„דאָס אידישע וואָרט"** פאַר בלויז **$4 אַ יאָר.** איר וועט באַלד באַקומען צוגעשיקט די פאַרגרעסערטע, גייסטרייכע, הונדערטסטע אויסגאַבע פון „דאָס אידישע וואָרט", און מכאן ולהבא אַ גאַנץ יאָר. — אויסער דעם באַקומט איר אַלס נ י י ע ר סובסקרייבער אינגאַנצען פריי:

- **די באַרימטע ספּעציעלע אויסגאַבע לזכר הגאון ר' אהרן קאָטלער זצ"ל.**
- **דעם באַרימטען „שבועות אַלמאַנאַך", אַן אַנטאָלאָגיע מיט גייסטרייכע מאמרים פון גדולי ישראל און באַרימטע אָרטאָדאָקסישע דענקער און שריפטשטעלער וועגן יום־טוב פון מתן־תורה.**

**DOS YIDDISHE VORT**
**5 Beekman Street, New York, N. Y. 10038**

בייליגענד איז מיין יערלעכע סובסקריפּשאָן פון 4 דאָלאַר פאַר „דאָס אידישע וואָרט", און ביטע שיקט מיר די צייטונג ווי אויך די ספּעציעלע פּרעמיע פאַר נייע סובסקרייבער.

**Name**........................................

**Address**........................................

**City & State**........................................

ענטפערט נאָך היינט
מיט דעם קיופּאָן
און פאַרשאַפט אייך
אַ גייסטיקן נחת־רוח
אַ גאַנץ יאָר!

דער איינציגער אויסצופירען קבורה אין הייליגען לאַנד

אין אַזוי וויינ‏יג ווי איין מעת-לעת

# פינחס מאַנדעל

אָנערקענט אַלס סעמעטערי־עקספּערט מיט 38 יאָר דערפאַרונג

•

העכער 16 יאָר דערפאַרונג אין דערליידיגען

## קבורה אין אַלע ערטער אין ארץ ישראל

## איבערהויפּט אויף הר המנוחות
## אויף חלקות פון אַלע חברות קדישא
## פון ירושלים עיה״ק

סוכן חברה קדישא הראשית והכללית דכוללות אשכנזים
דירושלים בארה״ב.

•

**וויכטיגע באַמערקונג:** יעדע קרקע פאַרקויפט דורך פינחס מאַנדעל איז מיט דער ערלויבעניש צו שטעלען אַ מצבה לאחר מאה ועשרים שנה.

אַלע איינצעלהייטען
דייטליך דערקלערט

קיין שום באַהאַלטענע
אויסגאַבען

באַוואוסט פאַר זיין ערענסטער, חריצות׳דיגער באַהאַנדלונג.
היט אָפּ גרינטליך כבוד הנפטר ר״ל.

רעקאָמענדירט ביי גדולי אדמו״רים ורבנים שליט״א

•

**PINCUS MANDEL**

111 PENN STREET, BROOKLYN, NEW YORK 11211

Day and Nite Phone: ULster 5-5121